STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05620

DI BAN

Tsevi Ayznman

Permanent preservation of this book was made possible by the Samuel & Francine Klagsbrun Foundation

THE MAX PALEVSKY YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די באַן

ביכער־סעריע:
יונג־ישראל
2

אַדאַנק
ראָוז
און
מאַקס האָלצמאַן
פאַלם־ספרינגס, קאַליפ.

צבי אייזנמאן

די באַן

דערציילונגען
פון
פוילן • רוסלאנד • ישראל

יגור, ישראל 1956

הילע און צייכענונגען: יאָסל בערגנער

ZVI EISENMAN: DI BAN
SHORT STORIES
PRINTED IN ISRAEL
1 9 5 6

מיין מאַמען עלקע

מיין טאַטן משה

מיין שוועסטער פערל

מיין שוואָגער שמחה גוטמאַן

זייערע קינדער

שרה, לאָזער און יאַנקעלע

שנהרגו... שנשרפו...

געהייליקט

אַ וואָרט פון אַן עלטערן חבר

אן אומעטיקע צייט — שרייבט זי אומעטיק. אַ זאַמלונג פון אומעטיקע זאַכן האָט איר איצט אַט־אָ־דאָ אויפגעעפנט, איר לעזערין אָדער לעזער. ניט קיין טראַגישע, האָפנונגסלאָזע, נאַקעטע זאַכן זענען עס — נאָר אומעטיקע. צבי אײַזנמאַן איז אַ געטריי קינד פון זיין צייט. ניט ער וויל, ניט ער קען פון איר אַרויסשפּרינגען, ניט ער וויל, ניט ער קען זי פאַרלייקענען בשעת עס צווינגט אים אַוועקצוזעצן זיך צום פּאַפּיר — שרייבן.

ווער איז אָט דער יונגער שרייבער צבי אײַזנמאַן? ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1920 אין וואַרשע. דער טאַטע — אַ מעבל־סטאָליער און פּראָגרעסיוו געשטימט. די מאַמע — אַ פרומע. און אַז צבי איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט מען אים געשיקט אין „חדר" און געטראָפן האָט מען פּונקט דאָס „חדר" אויף טוואַרדע 22 — ווו עס איז אויך געווען אַ יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שול. און אין „חדר" — פאַריסטע און פאַרמאַכטע פענצטערלעך; און אין דער שולע — אָפענע, ליכטיקע פענצטער, און פריילעכע ייִנגלעך און מיידלעך לערנען דאָרט. זינגען דאָרט, טומלען דאָרט און עס הערן זיך אָפט קלאַנגען פון אַ קלאַוויר. און צבי איז אַנטלאָפן פון די פאַרמאַכטע פענצטערלעך צו די אָפענע. סוף כל סוף האָט דער טאַטע אים דאָרט טאַקע ריכטיק פאַרשריבן — כאָטש די מאַמע האָט בעסער געוואָלט אַז דאָס קינד זאָל בלייבן אין „חדר". — — — פאַראַנען איבער גאָר דער וועלט אַ היפּשע גרופּע פון יונגע יידישע שרייבער און אויך קינסטלער, וואָס זענען פּרובט פון דעם הערלעכן בוים, וואָס האָט אַזוי שיין געבליט און אַזוי קורץ געלעבט און זיין נאָמען איז: וועלטלעכע יידישע שול — אין אַלערליי לענדער פון מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין פּוילן. און זאָל עס דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן: עס קומט ניט נאָר פון האָרץ פון דעם בעל־הקדמה — נייערט אויך פון האַרץ פון דעם בעל־המעשיות פון דעם דאָזיקן בוך.

נאָכן פאַרענדיקן די יידיש־וועלטלעכע שול האָט אײַזנמאַן געאַרבעט אין יידישע אינסטיטוציעס. צוו. אַנד. אַ צייט לאַנג אויך אין אַ ביבליאָטעק — אין וואַרשע. מיט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אָנגעהויבן וואַנדער־וואָגל־יאָרן — אוראַל־געביט אין רוסלאַנד, 1946 ווידער אין פּוילן, שפּעטער צייטווייליק אין טשעכיע, עסטרייך, איטאַליע —

און לסוף צוויי יאָר קפריסין הינטער שטעכדראָט. זינט 1949 אין ארץ־ישראל — באַזעצט זיך אין דעם צווייט־גרעסטן קיבוץ פון לאַנד: יגור. זיין ספּעציאַליטעט אין קיבוץ איז גערטנערייַ. זיין ערשטע געדרוקטע זאַך איז דערשינען אין „ניי־וועלט" — תל־אביב, אין יאָר 1948. און פון דעמאָלט אָן האָבן זיך צבי אייזנמאַנס זאַכן געדרוקט, אין אַ ניט צו־גרויסער צאָל, אין אַלערליי גוטע און ערנסטע צייטונגען און צייטשריפטן אין מדינת־ישראל, אין אַמעריקע און אין אַ ריי אַנדערע לענדער.

טיפע, אינערלעכע איבערלעבונג כאַראַקטעריזירט די זאַכן, וואָס צבי אייזנמאַן שרייבט; און אפשר דערפאַר טאַקע שרייבט ער ניט צופיל. האָסט דאָס געפיל, אַז ער שעפּט זיינע דערציילונגען, מעשיות, סקיצן, עטיודן, לידער אין פּראָזע, בילדערישע מעדיטאַציעס און סתם זאַכן אין פּראָזע, וואָס לאָזן זיך ניט באַצייכענען מיט קיין שום פאָרם — פון אַ טיפן טיפן ברונעם. און דער טיפער ברונעם איז גאַנץ פּשוט, יאָ — גאַנץ, פּשוט: זיין אויפריכטיק האַרץ.

די זאַמלונג רופט זיך „די באַן" — אַ וואָרט, וואָס זאָגט גאָרניט און זאָגט אַלץ. פאַראַנען דאָ אַ דערציילונג מיט אָט־אָ־דעם נאָמען „די באַן", אָבער ווען עס וואָלט אפילו די סמיכות־הפּרשיות ניט געווען, וואָלט מען סיי ווי די זאַמלונג געדאַרפט אַזוי רופן — די באַן. דאָס איז די נשמה פון די אַלע זאַכן — זיי וואַנדערן פון ערגעץ קיין ערגעץ — און כאָטש אַזוי אומבאַשטימט, דאָך ניט אָן אַ ציל... זיי וואַנדערן פון דעם לאַנד פון אומרו און אומעט צו דעם חלום־לאַנד פון מענטשלעכקייט, מער מענטשלעכקייט און אַביסל רו און גליק. אָט דערפאַר האָבן זיי אַלע דעם בשותּפותדיקן נאָמען — די באַן.

מעשיות פון דריי וועלטן — פּוילן, רוסלאַנד, ישראל — און דאָך אַלע פון איין איינציקער וועלט פון אַ מענטשן־קינד, וואָס האָט אין זיין נויט דערזען ליכטיקע פענצטער און וויל אַליין אַרויף צו די דאָזיקע פענצטער, און קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַלע, אַלע זאָלן נישט קענען האָבן אַזעלכע ליכטיקע פענצטער.

איר האָט אפשר באַמערקט, לייענערס פון דעם באַגלייטוואָרט פון אַן עלטערן חבר צו דער ערשטער זאַמלונג פון אַ יינגערן חבר־שרייבער, אַז מיר האָבן זייער זעלטן געניצט דאָ דאָס וואָרט „דערציילונגען" — כאָטש לכאורה איז דאָס אַ בינטל דערציילונגען. ניט אָן אַ כוונה האָבן מיר עס געטון. די זאַכן אין דעם בוך — זענען אין דער אמתן שטיל־לעבנס אין וואָרט... אַז איר וועט זיך אין זיי אַריינלייענען — וועט איר אונדז רעכט געבן. יאָ — שטיל־לעבנס אין וואָרט. אַן אור־אַלטע דעפיניציע פון אַ רוימישן דיכטער: וואָס איז אַ בילד? אַ בילד איז אַ שווייגנדיק ליד. און

וואָס איז אַ ליד? אַ ליד איז אַ רעדנדיק בילד. און אָט־אָ־די צוויי־און אַ האַלב צענדליק פּראָזע־זאַכן אין דעם בוך זענען רעדנדיקע בילדער — בילדער־שטיל־לעבנס. דאָס רוסישע פֿאָלקס־מויל זאָגט: שרייבן אַ בילד. ניט „מאָלן" אַ בילד, נאָר שרייבן. און צבי אייזנמאַן שרייבט אַ בילד. און פּונקט ווי אָט די געשריבענע שטיל־לעבנס זענען אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ פּאַרטיפּטער פּשטותדיק שטילער מענטשלעכער און יידישער נשמה פֿון אומעטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַזוי דאַרפֿן זיי און וועלן זיי אַריינוואַקסן — ווי בליענדיקע בוים־צווייגן וואַקסן אַמאָל אַריין אין אַן אָפֿן פענצטער — אין די נשמות פֿון די אויפֿמערקזאַמע לייענערס.

אַ נייער, באַשיידענער, ערלעכער נאָמען אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור: צבי אַייזנמאַן פֿון קיבוץ יגור אין מדינת־ישראל.

מלך ראוויטש

תל־אביב, פעברואַר 1956

פוילן

אירענאַ

ווען זי איז געקומען אין גראָען פירקאַנטיקן הויף מיט די אָפּגעשיילטע מויערן, געדענקען בלויז איינצלנע איינוווינער.

אַ צעהיצטער תמוז־טאָג איז דעמלט געווען ווען פּלוצים איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן באַלייגט מיט עפּעס אויסטערליש מעבל, פריציש־ניט־פריציש, אָבער אַזעלכעס האָבן יידן פון טוואַרדע גאַס נאָך קיינמאָל ניט געזען.

אין די טירן פון שפּייז־קרעמלעך האָבן זיך באַוויזן נייגעריקע גוידערס. פונם ניי־געעפנטן קאַפּעלושן־געשעפט האָבן צוויי בלייכע מאָדיסטקעס אַוועקגעלייגט די ברייטע קאַפּעלושן מיט די ריזיקע שטרויספעדערן, אַביסל פאַרבויגן די שפּיצן־פאָרהאַנגען און געלאָזט די בליקן זיך אַרויסקייקלען צום אויסטערלישן וואָגן. דער שוסטער, וואָס זיין וואַרשטאַטל שוואַרצט אַרויס אין גאַס אַריין מיט בלאָטיקע שויבן און אויסגעקרימטן שילדל, האָט אַ וויילע אויסגעגלייכט דעם אַיינגעבויגענעם רוקן און נאָכגעשיקט זיין בליק דעם „בייזן וווּנדער״, רייבנדיק פאַרטראַכטערהייט די נאָז מיט דער פאַרשמירטער האַנט.

פון עק גאַס, דאָרט ווו עס שיינען אַנטקעגן דער זון די דריי קופּערנע טאַצן איבערן איינגאַנג צום „פעלטשער״, האָט זיך דערהערט אַ נערוועז קלינגעריי פון אַ גלעקל און שוין איז די טיר פון דער „פריזורע״ געשטאַנען צעפראַלט און דער „פעלטשער״ אַליין מיט די פאַרדרייטע, שפּיציקע וואָנצן האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער ברייט; פון איבער די אָרעמס האָבן אים אַפּערגעקוקט זיינע צוויי געזעלן מיט די קאַמען פאַררוקט הינטער די אויערן.

אויף טוואַרדע איז מען אָפט געוווינט געווען צו זען דעם „פעלטשער״ אַרויסשפּרינגען פון דער „פריזורע״ מיט כעס און יאָגן די ווייסע חברהניקעס וואָס האָבן פאַרבייגייענדיק אַלעמאָל געעפנט זיין טיר, כדי צו הערן דאָס גלעקל קלינגען. היינט אָבער שטייט ער רואיק. די פאַרדרייטע וואָנצן זענען פון נייגעריקייט עפּעס שפּיציקער געוואָרן, אַפילו די וואַקסענע פיגור וואָס אין שוי־פענצטער מיט דער הויכער פריזור און אַרויסשטאַרצנדיקן ביוסט, אויף וועלכער ס׳ליגט אַ געדיכטע שיכט שטויב, — זעט אויך אויס פאַרוווּנדערט...

דער וואָגן איז שטיין געבליבן ביי איינעם פון די טויערן און מ׳האָט

געגומען אַראָפּשלעפּן די שווערע, דעמבענע שענק מיט גירלאַנדעס און בלומען באַצירט, אַ ברייט בעט מיט משונהדיקע פּייגל אויף די האַלב־קיילעכדיקע קאָפּ־שטיק, אַ גלאַנציק, שוואַרצן קלאַוויר מיט שווערע פיס און געשניצטע ראַנדן.

קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פונם הויף און מיט אָפענע מיילער נאָכגעקוקט ווי מען טראָגט די אַלע טונקל־לעדערנע פאָטעלן, די קאַנאַפּע מיט צוויי שטייפע וואַלקעס און הויכן אַנלען באַדעקט מיט פלוש און איינגערעמט אין טונקל האָלץ, וועמענס ברייטער געזימס פון אויבן האָט געדינט אַוועקצושטעלן די פאַרשידענע פאַרצעלייענע פיגורלעך און וואַזעס, און די ברייטע קרעדענץ מיט געשליפענע גלעזערנע טירלעך.

צו די קינדער האָבן זיך צוגעשאַרט עלטערע. מ׳האָט געהויבן מיט די אַקסלען: — ווער ציט זיך דאָס אַריין? וואָס פאַר אַ „דזשעדזיץ״ האָט אויסגעקליבן אַזאַ ענגן הויף? האָט מען זיך געוואונדערט און ווייטער געשטאַנען.

עפעס אַ יידענע האָט צורעכטגעמאַכט דאָס שייטל און אַ ברום געטאָן: — שוין ניט געפונען אין וואַרשע קיין אַנדער מקום נאָר דאָ, — האָט זי אַ פיר געטאָן מיט אַן אויסגעהאַרעוועטער אָדערדיקער האַנט.

דאָס מעבל האָט צוגעצויגן אַלעמענס בליקן, אָבער ס׳האָט פון דעם געווייעט מיט פרעמדקייט און אימה, און ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס טראָגט מען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק אין די דריי ליידיקע צימערן, וואָס שטייען שוין זינט עטלעכע יאָר פאַרקלאַפּט, איז דאָס געזעמל שיטערער געוואָרן. מען האָט זיך געשווינד אַוועקגעשאַרט. פיל האָבן אַ באַהאַלטענעם שפּיי געטאָן.

דעם לעצטן איינוווינער, אַ ייד אַ מאַגנאַט, אַ סוחר פון טיף־ראָסיי, האָט מען דאָ געטראָפן איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אויפגעהאַנגען. יידן האָבן אויסגעמיטן די וווינונג, עפעס „שטעקט״ דאָרט, האָט מען מער צוגעווינקט ווי גערעדט, און אַלע האָבן שוין געוווּסט וואָס דאָס באַטייט. איז די וווינונג געשטאַנען ליידיק, די שווערע טיר פאַרקלאַפּט און קינדער זענען פאַרציטערט געוואָרן ווען זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ. ביינאַכט פלעגן עלטערע אויך ניט גערן פאַרבייגיין פאַר דער פאַרקלאַפּטער טיר. און דאָ פלוצים ציט מען זיך אַריין.

פאַרנאַכט־צו איז זי געקומען. אַ בלאָנדע מיט גלאַטיק פאַרקעמטע האָר, פאַרענדיקט מיט אַ דיקן „גרעק״ אינמיטן. אַ לאַנג שוואַרץ קלייד מיט פיל, פיל העקעלעך. פון איר יונגן פנים האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר ברוינע טרויעריקע אויגן. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן אַ גרויסע גאָלדענע בראָש מיט העלפאַנט־ביין באַצירט. די בראָש האָט זיך געהוידעט אויף אַ שוואַרץ־

זיידענער לענטע. די לאַנגע הענט פון די בופן־אַרבל זענען געווען בלייך און דעליקאַט.

זי האָט אַרויסגערופן דעם סטרוזש און אויף האַלב־פויליש האַלב־רוסיש געבעטן דעם שליסל. די שטים איז געווען אַ טיפע. זי האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגן מיט אומהערבאַרע טריט. גיכער האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי שוועבט אַרויף.

פון קעלער־שטוב ביז צום פּערטן שטאָק האָבן דערשראָקענע בליקן נאָכבאַגלייט דאָס פּאַמעלעכע אַרויפשוועבן פון דער פרוי מיט די טרויעריקע אויגן...

— אַ קריסטין... האָט איין טיר דער צווייטער אָנפּאַרטרויט. אַ קריסטין... שושקען פענצטער זיך איבער און פונם שטיקעלע הימל וואָס איבער די דעכער פינקלט דאָס ערשטע שטערנדל מיט פאַרווונדערונג — אַ קריסטין אין אַ יידישן הויף.

*

ניט צו וויסן פון וואַנען האָט דער הויף געוווּסט צו דערציילן וועגן דער פריילין אירענע (די שפּייז־קרעמערין האָט דעם נאָמען גלייך פונאַנדערגעשיקט איבער אַלע שטאָקן) די אויסטערלישסטע געשיכטעס, וואָס ניט בלויז פּאַר טוואַרדע גאַס האָט עס געקלעקט, נאָר ס׳האָט זיך אַריבערגעקייקלט צו טשעפּלע, קראָכמאַלנע און אַנגעשפּאַרט אַזש אין „יענע גאַסן". ווען די געשטאַלט אין שוואַרצן קלייד פלעגט זיך באַווייזן אַדורכשפּרייזנדיק יעדן פרימאָרגן צו דער נאָענטסטער טראַמוויי־סטאַציע, אָפּצוּוואַרטן דעם צעגרעגערטן טראַמוויי איינגעשפּאַנט אין עטלעכע פערד, האָבן זיך גלייך באַוויזן קעפּ אין די אָפענע פענצטער, ווער פון אַ באַליע פּאַרעדיקע וועש און ווער מיט אַ קאַרטאָפל און מעסער אין האַנט. אָבער פריילין אירענע איז אַלץ געווען די זעלבע, דאָס זעלבע שוואַרצע לאַנגע קלייד, און די אויגן טרויעריקע ווי שטענדיק...

די קינדער פון הויף האָבן זיך פּאַר איר געשראָקן, און פאַרגרעסערט די שרעק האָבן די מוטערס אַליין. ווען אַ קינד פלעגט זיך פאַרזינדיקן, פלעגט מען עס סטראַשען מיט „פריילין אירענע", מיט איר ברומענדיקן „שוואַרצן קאַסטן". ווען זיי פלעגן אין די פאַרנאַכטן הערן ווי פון אירע פינצטערע צימערן קייקלען זיך אַרויס די משונהדיקע קלאַנגען.

זייער שפּעט פלעגן אויפשיינען די פענצטער פון פריילין אירענעס צימערן מיט גרינלעכן גאַז־ליכט. פון אַנדערע פענצטער האָבן קוים אַרויסגעצאַנקט שוואַכע פלעמלעך פון נאַפט־לעמפּ, בלויז פון פריילין אירענעס צימערן האָט זיך צעלייגט און איינגעגעסן אין נאַכט־חושך דער גרינער פּאַס ליכט.

איינמאָל האָט אַ יידענע אין שפּייז־געוועלבל זיך געשוואָרן, אַז זי האָט געהערט פון פריילין אירענעס וווינונג עפּעס אַן אויסטערליש לאַכן און ספּאַזמירן, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס לשון איז איר אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט געוואָלט מאַכן אַ געוואַלד, נאָר דאָס מויל האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט עפענען. האָט זי קוים מיט צרות די האַנט אויסגעשטרעקט און אַ צי געטאָן דעם מאַנס קאָלדרע, אָבער ער האָט אַ מאַך געטאָן פאַרשלאָפענערהייט מיט דער האַנט: — וואָס פאַר אַ ביט־גוטע? לאָז מיך שלאָפן! — זי האָט זיך געשטאַרקט, אַראָפּ פון בעט און געמאַכט אַזאַ טאַראַראַם, אַז אַלע בני־בית זענען ניט טויט ניט לעבעדיק אויפגעשפּרונגען. דער מאַן, אַ בלאַסער, האָט געבעטן זיין שטיל און זיך צוגעהערט צום הויף, אָבער דער הויף איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפער שטילקייט. — ס׳האָט זיך דיר אויסגעוויזן, מיין ווייב, גיי לייג זיך שלאָפן! — נאָר זי האָט זיך געהאַלטן ביי אירס, געהערט און שוין. פאַרן לייגן זיך האָט דער מאַן באַטראַכט די מזוזה און אויסגעלאָשן ס׳ליכט.

און אַז נאָך אַ שווערן ווינטער איז אין הויף אויסגעבראָכן אַ טיפוס־קראַנקהייט, האָבן אַלע זיך צעשריען, אַז אַלע צרות קומען פון „דאָרטן" און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער הויף האָט אָוועקגעשריבן צום פּריסטאַוו, מען זאָל באַזייטיקן פון זייער הויף די „פאַרשווינטע". אָבער פון דעם איז גאָרניט געוואָרן. די נעכט זענען ווייטער צעשניטן געוואָרן פונם גרינלעכן ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון פריילין אירענעס צימערן, פריילין אירענע האָט ווידער פאַרבייגעשוועבט דעם הויף אין די פרימאָרגנס צום טראַמוויי, געשפּאַנט אין פערד, און דער הויף האָט אויפסניי געמוזט אויסהערן די קלאַנגען פון קלאַוויר, וואָס יעדער אַקאָרד האָט זיך אַרומגע־בלאָנקעט פרעמד און ניט פּאַסיק צווישן די אָפּגעשיילטע מויערן, און לסוף דערטרונקען געוואָרן אין דעם טיפן, פּירקאַנטיקן הויף־ברונעם...

ביסלעכווייז האָט זיך דער הויף איינגעלעבט מיט דעם שוועבנדיקן ווען אינם שוואַרצן קלייד, אָבער די שרעק איז אַלץ געבליבן.

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פריילין אירענע ווייס ווען קיינעם ניט און קען קיינעם ניט, אָבער אין הונגעריקן ווינטער פון 1916, אין צווייטן מלחמה־יאָר, ווען טוואַרדע, טשעפּלע און קראַכמאַלנע זענען אויסגעגאַנגען פון קעלט און הונגער, און אַ שטיקל „באַנע"־ברויט צי אַ געפּראַרענע, זיסע קאַרטאָפליע איז געווען אַ טרוים צווישן די פּראָסטיק־באַזילבערטע ווענט פון די ניט־געהייצטע שטיבער, איז זי אויסגעוואַקסן מיטאַמאָל, אַ שוואַרץ געקליידעטע, און איז מיט אומהערבאַרע טריט אַריין אין קעלער־שטיבל פונם שניידער, ווו דעם שניידערס ווייב איז געלעגן „צו בעט".

די קינדער האָבן זיך פאַר שרעק צעוויינט, דער שניידער איז געבליבן

זיצן און פון די אָפענע הענט איז אים אַרויסגעשפּרונגען די קאַץ, ביי וועלכע ער האָט זיך געוואַרעמט. דאָס קראַנקע ווייב האָט מיט אַ שוואַכער האַנט אַוועקגעשאַרט דעם הויפן „שמאַטעס” מיט וועלכע זי איז געלעגן באַדעקט, אַביסל באַפרייט דעם קאָפּ און געקוקט, געקוקט...

פריילין אירענע האָט שווייגנדיק אַוועקגעלייגט לעבן איר צוויי ווייסע, קיילעכדיקע ברויט, וואָס האָבן אויפגעשיינט ווי צוויי זונען. שווייגנדיק איר אַ גלעט געטאָן מיט אַ ווייך־וואַרעמער האַנט, און אין די ברוין־טרויעריקע אויגן זענען געשטאַנען צוויי גרויסע טרערן...

דער הויף האָט די פּאַסירונג צעלייגט אויף „טעלערלעך” און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען וועגן דעם גערעדט. אָבער די שרעק איז נאָך אַלץ פאַרבליבן.

געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט געפּוילט, אַראָפּ צום שניידער און באַשוואָרן ניט צו עסן דאָס ברויט. — ווער ווייס וואָס אין דעם „שטעקט”, — נאָר איידער דער שניידער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, פאַרטיידיקן, האָט דאָס קלענסטע קינד מיטן צינגל שוין געהאַט אָפּגעלעקט די קרישקעס פונם בענקל.

*

ערב פּסח. די זון האָט זיך אַ שפּיל געטאָן איבער טוואַרדע. אויך אין הויף אַריין האָט עפּעס וואָס פון איר העלקייט דערגרייכט. אין די נעכט האָבן קעץ אויף די בוידעמער געוויינט ווי קליינע קינדער. די בלאָטעס האָבן, ניט צו וויסן פון וואַנען, גענומען איינשרומפּן. דער הויף איז עפּעס ענגער און טומלדיקער געוואָרן. אָבער ביי די איינוווינער זענען די געלאויסגעמאַטערטע פּנימער (אַ זכר פון די שווערע ווינטער־חדשים) נאָך לענגער, נאָך מער פאַרדאגהטער געוואָרן.

אָט איז פּסח און וואָס אָנצוגרייטן איז ניטאָ, כאָטש לייג זיך אין טאָפּ אַריין! און צו דער מלחמה זעט מען ניט קיין סוף. ווי נאָר דער טאָג קומט אָן, לויפן די מענער צו די „קאָמיטעטן” און די ווייבער, איידער וואָס איידער ווען, שלעפּן די אַלטע, קרעכצנדיקע בעטן אין הויף אַראָפּ, אַנטבלויזן די קוים זיך האַלטנדיקע טיילן און בריען אָפּ מיט הייס וואַסער די שפּאַרעס. אַנדערע קלאַפּן אויס די אָנקאָלירנדיקע איבערבעטן און קישנס, פון וועלכע עס שיטן זיך אָן אויפהער די פּעדערן און נאָך אַנדערע שייערן די קרומע שענקלעך אָן טירלעך מיט אויסגעבראָכענע פיס.

דער הויף איז ענגער און טומלדיקער געוואָרן. רייבנדיק און וואַשנדיק, רעדט מען זיך אַראָפּ פונם האַרץ. בלויז די קינדער לויפן אַרום איבערן הויף זאָרגלאָז. זיי אַרט ניט וואָס ס'איז כמעט ניטאָ וווּ אַהינצוטאָן זיך פון ענגשאַפט. פאַרקערט, פאַר זיי זענען די אַלע שענק און אַנדערע צעבראָכענע

„בעבכעס״ ביז גאַר אינטערעסאַנט. אַ סך זענען דעם גאַנצן ווינטער ניט אַראָפּגעגאַנגען — קיין שיך ניט געהאַט, אַנדערע ווידער האָבן שוין פון לאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג און זיי רירן זיך ניט אַוועק פונם מיסט־קאַסטן וואָס שטייט אין מיטן הויף און פאַרשפּרייט אַזאַ זיסלעך־נודנעם ריח, אַז דער קאָפּ שווינדלט, אָבער זיי פילן עס ניט. צווישן מיסט קאָן מען געפינען בלישטשענדיקע קנעפּ, קרעלן, שאַכטלען און סתם אומנייטיקע זאַכן, וואָס מ׳וואַרפט ערב פסח אַרויס.

טייל מאַמעס בעטן זיך ביי די קינדער צוצוהעלפן, אָבער ווער טראַכט וועגן דעם, אַז אין מיסט ליגן אַזעלכע אוצרות, אַז מען קאָן זיך שפּילן אין באַהעלטעניש.

די פאַרביטערטע מאַמעס לאָזן אויס זייער שווער געמיט צו די „ממזרים״, צו זייערע קעפּ, צו זייערע געשוואָלענע בייכלעך פון בולבעס און וואַסער, צו זייערע אויסגעקרימטע פיס פון דער „ענגלישער״ קרענק.

אין דעם הויף־געטומל רייסט זיך נאָך אַריין, פון צייט צו צייט, אַן אויסגעצויגענע מידע שטים — „צו פאַרעכטן, צו פאַרלייטן! — אַלטוואַרג קויף אָך, רוזשנע פּאַיאַנס געב אָך פאַר שמאַטעס!״ — אָדער סתם אַן אביון זינגט אויס מיט אַ ניגון צו די פאַרהונגערטע שטיבער — „יידישע הערצאַ, וואַרפטס עפּעס אַראָפּ, געטס עפּעס אָף פסח!״.

אַלע פענצטער שטייען צעפּראַלט ווי זיי וואָלטן מיט איינמאָל אויס־שפּייען די אַלע אָנגעזאַמלטע ריחות פון אַ גאַנצן ווינטער. בלויז פריילין אירענעס פענצטער זענען פאַרמאַכטע און שטומע. די וויבער, ווי זיי זענען פאַרביטערט און פאַרהאַרעוועט, וואַרפן דערשראָקענע בליקן אַרויפצו. שוין באַלד אַ וואָך ווי די פענצטער זענען פאַרהאַנגען און זי אַליין זעט מען אויך ניט.

אין די ערשטע טעג פסח ווייסן שוין די שטאָקן, אַז פריילין אירענע איז שווער קראַנק. דער סטרוזש האָט די בייס געבערענגט און אַז דעם שניידערס פרוי, וואָס איז מיט עטלעבע טעג פריער אויפגעשטאַנען פונם בעט, נאָכן אָפּקרענקען אַ קיילעכדיקן ווינטער, האָט זיך וועגן דעם דער־וווסט, — איז זי מיט שוואַכע טריט פּאַמעלעך אַרויפגעקראָכן צום צווייטן שטאָק, צו דער שווערער טיר פון פריילין אירענעס צימערן.

דער מאַן האָט זי באַשוואָרן ניט צו דערוועגן זיך צו גיין „דאָרטן״. זי דאַרף נאָך זיין אַ מאַמע צו אירע קינדער, און איבעריקנס, זי וועט סיי ווי ניט דערקלעטערן איבער די שטיגן. זי אַליין דאַרף הילף. נאָר ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. זי האָט אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ דעם צעריסענעם טערקישן שאַל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון יענע יאָרן ווען זי האָט געהאַט אַ פּאָר רויטע באַקן, שוואַרץ־געקרויזלטע האָר און רונדע ברוסטן, וואָס

האָבן אַרויסגעשפּאַרט פונם אויסגעוואַקסענעם קליידל. דעמלט האָט דער יונג, דער איצטיקער „געשפּאַן", דער „וואַזשנער צעלייגער", זי ניט צורו געלאָזט. געבערענגט איר זיסקייטן, געגאַנגען שפּאַצירן אין פּראַגער וועלדל, און איינמאָל אַפילו זי אָפּגעפירט אין אַ קאָטש צו איר שטעלע, וווּ זי האָט געדינט אַלס דינסט־מיידל. די גאַנצע גאַס האָט דעמלט געטומלט מיט דעם געשעעניש און די איבעריקע דינסט־מיידלעך האָבן איר אַזאַ גליק פּשוט ניט פאַרגונען, און ווער רעדט נאָך, ווען זי האָט פון אים באַקומען דעם טערקישן שאַל...

אַרומוויקלנדיק זיך מיטן שאַל, האָט זי פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַרויפ־גיין. פון קעלער־שטוב האָט זיך צו אירע אויערן דערטראָגן דאָס געיאָמער פון די צום טויט־דערשראָקענע קינדער. זי האָט זיך אָבער ניט פאַרהאַלטן. מיט איין האַנט צוגעדריקט פעסטער דעם שאַל און מיט דער אַנדערער אָנגעהאַלטן זיך אין אָנלען פון די שטיגן. אין קאָפּ האָט געהעמערט דער געדאַנק: גיי צוריק, גיי צוריק... און דאָס שוואַכע, קוים הערבאַרע האַרץ האָט געשעפּטשעט: זי איז קראַנק. מען דאַרף איר העלפן, מען דאַרף, מען דאַרף...

יעדער שטיג איז געווען אַן אייביקייט. די שטיגן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן איינע איבער די אַנדערע. זי איז געבליבן שטיין, אין פאַרלעגנהייט פאַרמאַכט די אויגן, און דאַן, מיט עפּעס אַן אינערלעכן כּוח איז זי ביי־געקומען די עטלעכע פאַרבליבענע טרעפּ...

און אַז נאָכן אָפּזיין אין די צימערן פון פריילין אירענע האָט זי אַראָפּגענידערט אין אירע פאַרחושכטע ווענט, איז זי דער מאַן מיט די שכנים באַפאַלן.

— „וואָס ווילט איר פון איר? — האָט זי אַרויסגעפּרעסט פון די בלוטלאָזע ליפּן. — זי איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, נאָר אפשר מער אומגליקלעך ווי אַנדערע!"...

אַ חודש נאָך יענער פּאַסירונג איז דעם שניידערס פּרוי פּלוצים שטיל און אומהערבאַר אויסגעגאַנגען. איז די שרעק פון יעדן שפּעלטל פון דער אַלטער הויף־מויער אַרויסגעקראָכן און די שטאָקן האָבן זיך ווידער צעוויגט, אַז „דאָרטן" שטעקט עפּעס און ווער ס׳ווייסט איבערטרעטן יענע שוועל, וועט — חלילה — ווי דעם שניידערס פּרוי... ווען צווישן די באַגלייטערס פון דער לויה האָט זיך אומגעריכט באַוויזן פריילין אירענע אינעם שוואַרצן קלייד, האָבן זיך מענטשן געגנומען פון איר אַוועקשאַרן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי באַמערקט עס ניט. איר טרויעריקער בליק איז געהאַנגען אויפן שוואַרצן טירל פונם ארון, ווו עס איז געלעגן דעם שניידערס ווייב.

2

ווען שימעלע מיט זיינע עלטערן האָבן זיך אַריינגעקליבן אין איינער פון די קעלער־נאָרעס פונם הויף, איז שוין פריילין אירענעס פנים געווען צעאַקערט און די האָר ווייס. די שאַרענדיק־מידע טריט האָבן שוין גאָרניט געמאַכט דעם איינדרוק פון לייכטער שוועבנדיקייט. אויך טוואַרדע האָט אַ סך זיך געביטן. די קאַרעטן זענען איינגאַנצן פאַרשוווּנדן, אויך דראָזשקעס זענען פון טאָג צו טאָג ווינציקער און ווינציקער געוואָרן, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַרן עלעקטרישן טראַמוויי, פאַר לאַסט־אויטאָס און אויטאָמאָבילן. דעם אָרט פון די גאַז־לעמפּ האָבן פאַרנומען שלאַנקע, עלעקטרישע לאַמטערן מיט העלע פּנימער.

אויך דער הויף איז ניט הינטערשטעליק געבליבן, כאָטש די מויערן זענען אַלץ נאָך אָפּגעשיילט און גראָ, און דאָס פּיצעלע הימל קלאַמערט זיך אַלץ אָן די פאַרסאַזשעטע קוימענס און משופּעדיקע דעכער. געביטן האָבן זיך די איינוווינער. די אָרעמקייט האָט אַראָפּגענידערט אין די קעלער־שטיבער, פאַרשטעקט זיך אין די אויסגעקרימטע בוידעם־לעכער, און די שטאָקן האָבן פאַרנומען פריש אויפגעקומענע גבירים, סוחרים פון גזשיבאָוו, בערזע־מאַכערס פון קרולעווסקע. פיל האָט זיך געענדערט.

די שווער דראַפּירטע פאָרהאַנגען פון פריילין אירענעס צימערן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי שכנישע פענצטער ציען אַרויף לייכט־טיולענע פאָרהאַנגען און דער גרינער פּאַס גאַז־ליכט האָט אין די נעכט נאָך אַלץ מלחמה געהאַלטן מיט די עלעקטרישע שפּיזן, וואָס האָבן פון די נגידישע שטאָקן זיך אָנגעוואָרפן ווי ווילדע וועלף... אויך פריילין אירענעס אָנטאָן האָט זיך ניט געביטן. דאָס זעלבע שוואַרצע קלייד מיט די בופן־אַרבל און פיל העקעלעך, נאָר ס'איז עפּעס לענגער געוואָרן אויף איר איינגעשרומפּן לייב. די אויגן האָבן דעם ברוינעם קאָליר געהאַלטן, נאָר דער טרויער איז טיפער, געדיכטער געוואָרן... און פאַרבליבן איז די שרעק, וואָס מ'האָט אַרום איר און אירע צימערן פאַרוועבט.

קינדער האָבן ווידער איבערגעריסן דאָס שפּילן זיך, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען, און איינגעצויגענע גאָרסעטן האָבן פּונקט אַזוי אַריבער־געבליקט דורך די טיולענע פאָרהאַנגען מיט דעם זעלבן נייגער צו „יענע" פענצטער, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק די פאַרהאָרעוועטע יידענע מיטן פאַרשמאָלצענעם שייטל. און ווען שימעלע איז צום ערשטן מאָל אַרויס אויפן הויף, האָבן אים די קינדער גלייך געוואָרנט ניט צו קוקן צו „יענע" פענצטער, ווייל מען קען אויפהערן וואַקסן און בלייבן אַ נאַר אויפן גאַנצן לעבן. פון „איר" ניט דערוועגן זיך צו נעמען אַ צוקערל. שימעלע האָט

אַנגעקוקט זײַנע נײַע חברים מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק און זײַנע שוואַרצע אויגן זענען נאָך אומעטיקער געוואָרן.

ווען ער איז שוין געלעגן אויף זײַן געלעגער ניט קענענדיק אײַנשלאָפֿן פֿון הונגער און פֿון וואַנצן, האָט ער דערהערט אַ מוזיק, וואָס האָט געפּלאָטערט צווישן די ענגע הויף־מויערן. אַזוינס האָט שימעלע נאָך ניט געהערט. די טיפֿע אַקאָרדן האָבן פֿלאַטערנדיק זיך צוגעבויגן צו די פֿאַרבעלמטע קעלער־פֿענצטער. ניט מיאוסנדיק זיך, זענען זיי אַרײַנגעדרונגען אַלץ טיפֿער אין דער קעלער־טונקלעניש, לײַכט צוגעשאַרט זיך צו דער באַנק, ווו שימעלע איז געלעגן. שימעלע וואָס האָט „זי" נאָך ניט געקענט, האָט געוווּסט, אַז טאַקע „זי" שפּילט עס.

צומאָרגנס האָט ער „זי" דערזען.

די קינדער זענען זיך צעלאָפֿן, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פֿונעם אָרט. אַ פֿאַרוווּנדערטע האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן, דערטרינקענדיק איר ברוינעם טרויער אין זײַן שוואַרצן אומעט.

אירענע האָט אַרויפֿגעלייגט איר אײדעלע האַנט אויף זײַן קעפּל. פֿון גרויס איבערלעבונג האָט זי זיך געטרייסלט און רויטע פֿלעקן האָבן זיך צעבליט אויף איר בלײַכן פּנים.

— גאָלובטשיק טי מאָי, טי מניע שען ניע באָאיש, ניע לענקאָש?

— דו האָסט פֿאַר מיר ניט קיין מורא — האָט זי געשטאַמלט האַלב אויף פּויליש, האַלב אויף רוסיש.

פֿון יענעם טאָג אָן האָבן די קינדער אים גערופֿן „שימעלע גאָלובטשיק". אים האָט ניט געאַרט וואָס זיי רופֿן אים אַזוי, נאָר פֿאַרוואָס זיי מאַכן צוניט דאָס אומפֿאַרשטענדלעכע וואָרט פֿאַר אים, דאָס וואָרט וואָס איז אין איר מויל אַזוי צאַרט און ווייך געוועזן ווי די פּיאַנאָ־טענער, וואָס זענען אויך אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך און דאָך אַזוי ליב, אַזוי פֿאַרוויגנדיק.

אָבער די מוזיק איז זעלטענער געוואָרן, און ער, אַ גליִענדיקער פֿון דערוואַרטונג, איז ביז שפּעטער נאַכט געלעגן מיט צעעפֿנטע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן אויף זײַן האַרטער באַנק, אַלץ מיינענדיק אַז ס'וועט קומען. נאָר אָנשטאָט יענע לײַכט־שוועבנדיקע פּיאַנאָ־קלאַנגען האָבן זיך שווער צו אים צוגעקײַקלט זײַן מאַמעס, דער בײַגל־הענדלערינס פֿון „יאַנושעס הויף", שווערער שנאָרך, דעם טאַטנס קײַכענדיקער הוסט און די קינדערס פֿאַרטויבט געוויין פֿונעם שלאָף.

אָפּטמאָל אומגעריכט, אין אַ זונטיקדיקן טאָג, פֿלעגן די טענער קומען. זיי זענען עפּעס שטילער געוואָרן, ציטערנדיקער און אַזוי פּלוצים אויסגעגאַנגען ווי פּלוצים זיי זענען געקומען.

שימעלעס האַרץ האָט אויך ווי די קלאַנגען געציטערט, און ווען יענע האָבן זיך אָפּגעריסן האָט זיך אים געדוכט, אַז אויך זיין האַרץ איז שטיין געבליבן...

מער האָט שימעלע די אַקאָרדן ניט געהערט. אומזיסט איז געווען דאָס וואַרטן אויף זונטיק. ס'איז נאָך אַ זונטיק אַוועק. ביי טאָג האָט ער זיינע פינקלענדיק־אומרואיקע בליקן געלאָזט אַרומבלאָנקען איבער פרייליין אירענעס פענצטער, נאָר די דראַפּירטע שטאָרן האָבן גאָרניט דערציילט. ער איז שוין אַפילו געשטאַנען ביי איר שווער־דעמבענער טיר, נאָר אַריינגיין, אַנקלאַפּן האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט. און אַז אין איינעם פון די טעג האָט מען פּלוצים דערהערט דאָס קעצל פון אירענעס צימערן אַרויסמיאַוקען און צום אָוונט איז דאָס מיאַוקן אַריבער אין קאָפּ־לעכערנדיקע ספּאַזמען, און אַלע אין הויף האָבן די קינדער אין די שטובן אויסבאַהאַלטן, — איז שימעלע ניט אַוועק פון הויף. זיין בלייך געזיכט איז נאָך בלייכער געוואָרן. אַ פאַרלאָרענער האָט ער אַרומגעפּלאָנטערט אין די הויף־ווינקלען.

צומאָרגנס איז שטיל פאַרפאָרן אַ שוואַרץ באַזילבערטער וואָגן, פאַרדעקט מיט אַ באַלדאַכין.

דורך די שפּאַרעס פון די פאַרהאַנגען האָט דער הויף געזען, ווי מען טראָגט אַראָפּ די טרומנע. פוןביידע זייטן וואָגן אויף לאַנגע, שוואַרצע דרענגער האָבן געטליעט לאַמטערנס. פון פאָרנט איז געגאַנגען אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצן צלם אין האַנט, הינטער אים דער קשאָנדז מיט אַ קליין זילבערן סידורל, פון וועלכן ער האָט שטיל פאַר זיך אַרויסגעמורמלט די פּסוקים.

טוואַרדע האָט דערשראָקן און צעטומלט נאָכגעקוקט דעם שוואַרץ־זילבערנעם וואָגן, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם געקייקלט איבערן ברוק. נאָר אַ קליין, בלייך יינגל, באָרוועס, מיט צעריסענע הייזלעך, איז פון הינטן נאָכגעגאַנגען און פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן וואָגן...

דער אַנטיקוואַר

אַן אייביקער בין־השמשות. האָט איינגעהילט זיין לאַנג, קאָרידאָר־אַרטיק געוועלבל, וואָס האָט זיך קוים אַנגעזען אויף דער רוישיקער שוויענטאָקזשיסקער גאַס.

פיל זענען זיי געווען, די אַנטיקוואַר־געשעפטן, אויף שוויענטאָ־קזשיסקע, גרויסע מיט ברייט־ליכטיקע וויטרינעס, פון וועלכע אַלטע קרינאַלינעס, פאַרזשאַווערטע שווערדן און אויסגעריבענע מטבעות האָבן סודותדיק געוווּנקען צו דער גאַס, צווינגנדיק דעם דורכגייערס אויג צו פאַרהאַלטן זיך אויף זיי און באַוווּנדערן די אַלע גילגולים, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט דורך די הונדערטער יאָרן ביז זיי האָבן אַהער זיך פאַרקליבן.

— זע מענטש, זע און באַוווּנדער! די גייסט אַוועק און מיר לעבן, מיר האַלטן אויס!

זיין געוועלבל האָט קיין ברייטע טיר און שויפענצטער ניט געהאַט. דאָס שויפענצטער איז געווען קליין, נעבעכדיק, מיט פודן שטויב פאַרקלעפט, אַפילו דאָס שילדל איבערן אַריינגאַנג איז געהאַנגען נאָכלאַזיק אויף זיין טשוואָק. ווען אַ ווינט פלעגט אַ בלאָז טאָן, האָט עס זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעבאָמבלט מיט אַ בלעכענעם קרעכץ, און אַז מ׳האָט געעפנט די שמאָלע, אָפגעשיילטע טיר, האָט אומגעריכט אַ גלעקל בייז און דראָענדיק זיך צעקלונגען און מען איז געבליבן שטיין אין האַלב־פינצטערניש, ניט זעענדיק גאָרניט אַרום זיך. ווען דער בליק האָט זיך אַביסל צוגעוווינט צו דעם אַרום און די נאָז — צום ריח פון שימל, זענען פון דער אַלגעמיינער קנויל אַרויסגעשוווּמען און זיך גענומען אויסטיילן בערג מיט פאַטעלן, שפאַנישע ווענטלעך, פאָרטעפיאַנען, ריטער־פאַנצערס, זשיראַנדאָלן און בילדער. בילדער אָן אַ צאָל און אָן אַ גרענעץ, גרויסע און קליינע, ליגנדיקע און הענגענדיקע. ערשט איצט האָט מען באַמערקט, אַז ביים סוף פונם לאַנגן און שמאָלן געוועלבל ברענט אַ געל קרענקלעך עלעקטריש לעמפל און אויף יענער זייט וואַנט הענגט אין דער גאַנצער לענג אַ ריזיק בילד אַריינגעפרעסט אין אַ שווערער מאַהאָן־ראַם. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ וווּנדער שיינע דאַמע מיט אַ הויכן האָר־טורעם קונציק פאַרפלאָכטן, כדי נאָכמער אונטערצושטרייכן די שיינקייט פונם שטערן, די מילדקייט פונם בליק און די זאַפטיקייט פון די האַלב־צעעפנטע ליפן. איר האַנט, אַרויסגעהויבן

פונם ברייט־טיולענעם טוניק־אַרבל האָט געהאַלטן אַ רויז — אין האַלבן וועג צו דער נאָז. אונטערן בילד פון דער אויסטערליש־שיינער פרוי איז געשטאַנען אַ שרייבטיש פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע אויף גאָלדענע לייבן־פיס און לעבן אים איז געזעסן ער, דער אַלטער אַנטיקוואַר הערמאַן. הערמאַן איז ווי שטענדיק געזעסן אין דער הויכער אָנלענשטול לעבן דעם נידעריקן שרייבטיש און זיך ניט קיין ריר געטאָן כאָטש ער האָט געהערט ס׳גלעקל קלינגען און געזען דעם אַריינגייער. עס האָט געקאָנט זיך אויס־דוכטן, אַז הערמאַן אַליין איז אַ בילד אין זיין פּאַרגליווערטקייט. מיט זיין לבוש און אויסזען האָט ער זיך ווינציק אונטערשיידט פון די אַלע טיפן וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט פון די בילדער אין זיין אַנטיקוואַר־געוועלב — גראָע באַקנבערד מיט דיקע, גראָע ברעמען. דאָס צעאַקערטע פּנים בלייך. אָן אַ טראָפּן בלוט, נאָר די אויגן האָבן דערמאָנט, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט אַ לעבעדיקן מענטשן. פון זיי האָט נאָך לעבן געשטראָמט און אָנגעקוקט יעדערן מיט ווייך־וואַרעמער ליבשאַפט. די אויגן מיט אָט דעם געבויגענעם קערפּער און די אויסגעדאַרטע בלאָ־אָדערדיקע הענט זענען עפּעס קיין פּאָר ניט געווען, דער ראָק וואָס איז געהאַנגען אויף זיינע אַקסלען האָט דערמאָנט דיקענסעס צייטן. אַ דערגאַנצונג זענען געווען דער ווינער שניפּס און די געטרעס אויף די גלאַנציקע קאַמאַשן. ערשט ווען דער אַריינגייער איז שוין געשטאַנען האַרט לעבן אים, איז זיך די אויסדאַבטונג צערונען און דאָס „בילד" איז געוואָרן רירעוודיק. דער אַלטער האָט פּאַמעלעך אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. צוויי וואַרעמע שטראָמלעך האָבן אַ גלעט געטאָן דעם אַריינגעקומענעמס פּנים.

— מיט וואָס קאָן איך דינען?

כאָטש זיין געוועלבל איז געווען פּאַררוקט אָן אַ זייט און אָפּגעלאָזן, האָט עס געהאַט מער דערפּאָלג ווי די גרויסע אַנטיקוואַר־געשעפטן. אין אַלע רייכע הייזער פון וואַרשע האָט מען געקענט זיין נאָמען. אויך פון דער פּראָווינץ פלעגט מען קומען צו הערמאַנען אין זיין געוועלבל אויף שוויענטאָקזשיסקע, אַפילו אויסלענדער האָבן שוין געקענט די אָפּגעשיילטע טיר, דאָס רעשדיקע גלעקל און דאָס צעהוידעטע שילדל; און געקומען איז מען צו אים ניט אַזוי דערפאַר וואָס זיין געוועלבל איז געווען איינס פון די עלטסטע און ביי אים איז געווען אַ גרעסערער אויסקלייב אָדער ביליקער ווי ערגעץ אַנדערש; פּאַרקערט, ביי אים איז געווען אַ סך אַ קלענערער אויסוואַל און געלט האָט ער פּאַרלאַנגט מער ווי אַנדערע — מען איז געקומען צו אים, ווייל עפּעס קויפן ביי הערמאַנען איז געווען אַ תענוג. יעדער קלייניקייט האָט געהאַט איר געשיכטע, איר ביאָגראַפיע, און הערמאַן האָט געוווסט דאָס אַלץ צו פּאַרציילן מיט אַלע פּרטים ווי ער וואָלט

געלעבט און בייגעווען אין יענער תקופה. מען האָט געוווסט אַז אין די דערציילונגען איז דאָ מער דמיון ווי אמת, אַז ס׳איז אַ מעשהלע, אָבער אַלע האָבן די מעשהלעך ליב געהאַט, און הערמאַן האָט דערציילט פּאַוואָליע, מיט אַ שטילער, געדעמפּטער שטימע. אַרום איז געווען האַלבפינצטער. שווערע זשיראַנדאָלן מיט טונקל־בראָנדזענע אָרעמס האָבן געטייטלט אויף שטומע פּאַנצערס פון ריטערס, ברייטע פּאָטעלן פון לואי דעם פופצעטנס סטיל האָבן זיך געשאַרט לעבן מאַנעקענס מיט פּרויענקליידער פון מאַריע סטיואַרטס צייטן. דערגאַנצט האָבן עס די וואַנטבילדער. יאָרהונדערטער און סטילן האָבן מיט ניט־דייטלעכע קאָנטורן אילוסטרירט די אַלע דערציי־לונגען, וואָס זענען געפלאָסן שטיל פון הערמאַנס ווייסע ליפּן. בלויז פון צייט צו צייט זענען פון די אַלטע וואַנטזייגערס אַרויסגעשפּרונגען מעכאַניזירטע קוקולקעס און סאָוועס און זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד.

— קו־קו, קו־קו!

און איבער דעם אַלעם האָט געקיניגט דאָס גרויסע בילד פון דער דאַמע מיט דער רויז. וויפל מאָל האָבן רייכע פּריצים געוואָלט דאָס בילד אָפּקויפן, פלעגט הערמאַן אַ צעטומלטער, אַ פּאַרלאָרענער, אַרויסשטאַמלען: דאָס בילד איז ניט צום פּאַרקויפן...

ווינציק פון זיינע פריינט און באַקאַנטע געדענקען ווען און ווי אַזוי ער האָט דאָס בילד באַקומען און נאָך ווינציקער געדענקען ווען ער, אַ יונגער בחור, איז געפאָרן קיין ווין שטודירן און פּלוצעם, אומגעריכטערהייט, איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע קורץ פאַרן ענדיקן זיין שטודיום. עפּעס האָט מען דעמלט יאָ געהערט: אַן עסטרייכערין... אַן אומגליק... אָבער קיינער, קיינער האָט אַפילו דעמלט ניט געוווסט וואָס איז געשען, — און הערמאַן האָט געשוויגן. פאַר זיינע עלטערן און פאַר פריינט איז דאָס געווען ניט יענער הערמאַן — עפּעס אַ צווייטער הערמאַן איז צוריקגעקומען. און אַז מ׳האָט אים גענומען מאַטערן מיט שידוכים איז ער אינגאַנצן פון דער היים אַוועק. די מוטער איז יעדן טאָג פון דער פראַנצישקאַנער צו אים אויף שוויענטאָקזשיסקע געקומען, אָפּגעזעסן שעהן לאַנג אין דעם קליינעם הינטער־צימער פון זיין געוועלב און זיך געבעטן רחמים:

— זע, הערמאַן, וואָס עס ווערט פון דיר.

— מאַמע, ב׳קאָן ניט, פאַרשטיי, אַז כ׳קאָן ניט...

דאָס איז שטענדיק געווען זיין ענטפער, און זי, אַ געבראָכענע, האָט געשלעפּט איר צער און זאָרג צוריק צו דער ווייטער פראַנצישקאַנער. צווישן די שכנים האָט דעמלט געקאָכט מיט דער געשיכטע, אָבער ס׳איז גיך שטיל געוואָרן.

קאַפּריזן פון אַ רייך זונדל — האָבן עס מענטשן אויסגעטייטשט און

די פּאַסירונג איז פֿאַרגעסן געוואָרן. יאָרן האָבן זיך געקייקלט און פֿאַרקייקלט, און הערמאַן וואָלט עס גאָרניט באַמערקט, ווען דער טריט זיינער וואָלט ניט פּאַמעלעכער געוואָרן און דער שלאַנקער קערפּער וואָלט זיך ניט גענומען בויגן.

אים האָט שוין פֿון לאַנג אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן די וועלט אויף יענער זייט אָפּגעשיילטער טיר פֿון זיין געוועלב. דער רעש, דער אימפּעט פֿון וואַרשעווער גאַסן זענען צו אים דערגאַנגען ווי ווייטע אָפּהילכן פֿון אַ דונער. זיין וועלט איז געווען דאַ אין דער אייביקער דעמערונג צווישן די הירשן־הערנער און קרומע שווערדן, שווערע זשיראַנדאָלן מיט גירלאַנדעס פֿאַרפּוצט און אַלטפֿרענקישע פּאָרטעפּיאַנען מיט פֿאַרגעלטע קלאַווישן, וואָס האָבן אַרויסגעבלאַנקט פֿון דער האַלב־פֿינצטערניש ווי ריזיקע ציינער פֿון פֿאַנטאַסטישע חיות. זיין וועלט זענען געווען די בילדער. ער האָט מיטגעליטן מיטן אַדמיראַל נעלסאָן, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף די זעלנערס הענט ביי טראַפֿאַלגאַר. ביים אָנקוקן דאָס בילד פֿלעגט הערמאַן דערפֿילן אַ ווייטיק פֿון מאַכטלאָזיקייט, וואָס ער קאָן ניט אַרויף אויף דער ברענענדיקער שיף און כאָטש צעקנעפּלען דעם שטייפֿן קאָלנער פֿון דעם אַדמיראַלס ראָק. און נאַפּאָלעאָנס זעלנערס, האַלב־פֿאַרשאָטענע פֿון שניי, בעתן צוריקמאַרש פֿון הינטער מאָסקווע, וואָלט ער גערן אָפּגעגעבן זיין בעטל און אויפֿגע־קאָכט פֿאַר זיי אַ טשייניק טיי אויף דער מאַשינקע, וואָס האַלט זיך אין איין לעשן און פֿאַררויכערט דעם גאַנצן סופֿיט פֿון קליינעם הינטער־צימערל.

זיין וועלט איז זי. ער האָט אַלע יאָרן געגלויבט אַז זי וועט צוריקקומען, ווען ניט דער גלויבן וואָלט ער שוין פֿון לאַנג ניט געלעבט. ווען מען איז דעמאָלט געקומען צו אים אין ווין און געהייסן פֿאָרן קיין זאַלצבורג, כדי זיך אַליין צו איבערצייגן, האָט ער יענעם אַרויסגעיאָגט. ער וויל ניט און ער גלויבט ניט! זי וועט פֿון זאַלצבורג צוריקקומען, זי וועט!

אַז מען האָט, אין יאָרן אַרום, בעת ער איז שוין געווען אין וואַרשע, אים גערופֿן אָפּצוקויפֿן אַ בילד ביי אַ שלאַכטשיץ, וואָס פֿאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד, האָט ער דערזעענדיק דעם פּרויען־פּראָפֿיל, אַ בלייכער אָנגעכאַפּט דעם שלאַכטשיצס האַנט, — ווער איז די פֿרוי פֿון בילד?

דער שלאַכטשיץ האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער געענטפֿערט:

— דאָס איז איינע פֿון מאָדיליאַנים פֿרויען־געשטאַלטן.

ווען הערמאַן האָט געפֿירט אויף אַ דראָזשקע דאָס בילד צו זיך אויף שוויענטאָקזשיסקע, האָבן זיינע ליפּן שטיל געשעפּטשעט:

— ניין, דער שלאַכטשיץ האָט אַ טעות, ביסט ניט איינע פֿון מאָדיליאַנים פֿרויען־געשטאַלטן, ביסט מיין לואיזע, כ׳האָב געוווּסט, וועסט צוריקקומען!..

און איצט איז שוין אַ סך יאָרן ווי זי פּילט אויס זיין לעבן. ניין, ניט זי פּילט אויס, נאָר דאָס איז דאָס לעבן אַליין. צוליב איר דרייט ער זיך נאָך אַרום אויף דער אומהיימלעכער וועלט.

הערמאַן וואַרט ס׳זאָל ווערן נאַכט, ער זאָל צומאַכן ס׳געווועלבל, אַראָפּלאָזן די זשאַלוזעס און קאָנען אומגעשטערט קוקן אויף איר, זיין לואיזע... דורך דער צייט זענען די ווערטער פון דעם שלאַכטשיץ ערגעץ פאַרשוווּנדן פון זיין באַוווּסטזיין און פאַר אים איז געשטאַנען אין איר גאַנצער גרויס לואיזע — די ווינער סטודענטין, וואָס דער פאָטער אירער האָט ניט דערלאָזט, אַז אַ „יודע" און אַן „אָסט־יודע" דערצו זאָל ווערן זיין איידעם. זיין איינציקע לואיזע האָט אַזוי געוואָלט אויפקניפּן דעם קנויל, מיט איר יונג לעבן געוואָלט...

ניין, אָט איז זי דאָך, אָט שטייט זי פאַר אים. זי וועט באַלד אַ שמייכל טאָן. לואיזע, שפּילן דיר, ווי דעמלט, שאָפּענס נאָקטורן? יאָ, טייערע?

און הערמאַן צעלאָזטביידע הענט איבער די קלאַווישן. צוערשט נעמען זיי זיך באַוועגן שטיל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַרן קלאַנג וואָס זיי וועלן אַרויסברענגען, דערנאָך טראָגן זיי זיך לייכט און זיכער. די טענער ציען זיך ווי דינע זיידענע פעדים צום בילד. הערמאַן, די מוזיק און דאָס בילד ווערן איין גאַנצקייט, איין וואָר...

פון די וואַנטזייגערס טאַנצן אַרויס די מעכאַנישע פייגל און צעשרייען זיך — קו־קו, קו־קו.

הערמאַן גיט אַ צאַפּל, די פינגער ווערן פאַרגליווערט, ס׳שטאַרבט אָפּ אונטער זיי דער לעצטער אַקאָרד... און זי, אויפן בילד, טראָגט אַלץ די רויז צו דער נאָז... הערמאַן זיצט ביים קלאַוויר און ס׳איז אים אַ שאָד וואָס די מוזיק איז איבערגעריסן געוואָרן. דורך די טענער איז זי דאָרט אויבן אים נעענטער געוואָרן. אין די לעצטע טעג בענקט ער שטאַרק נאָך איר. ער פילט זיך לעצטנס שוואַך, שוואַכער ווי שטענדיק. ער האָט ניט מורא פאַר דעם וועג, דעם ווייטן וועג אין דער אייביקייט, ער קימערט זיך ניט וועגן דעם, נאָר ער וויל זי זאָל צו אים אַראָפּנידערן, אריינגעמען זיין קאָפּ אין אירע הענט און נאָך דעם קאָן שוין אַלץ געשען... הערמאַן וואָלט איצט געוואָלט אויפסניי אָנהייבן צו שפּילן, אָבער דאָס קאָן שוין ניט געשען. די פינגער ליגן ווי אַראָפּגעפאַלענע, פאַרטריקנטע בלעטער, בלויז זיין בליק וואַנדערט אַרום איבערן שוואַך־באַלויכטענעם געוועלבל. דאָ קוקט ער אויף איר און דאָ לויפן שוין די בליקן ווייטער. אָט פאַרהאַלטן זיי זיך אויף צווייי גראַווירן: יעקב טרעפט זיך מיט רחלען ביים ברונעם און יעקב אַרבעט ביי לבנען. הערמאַן רעדט שטיל צו זיך:

— דו האָסט פערצן יאָר געאַרבעט און רחלען באַקומען — און איך?..

שפעט אין דער נאַכט זעגנט ער זיך מיט איר און לאָזט זיך אומגערן צום הינטער־צימערל כדי מאָרגן ווידער צו בענקען, די נאַכט זאָל קומען. און אַזוי יעדן טאָג.

הערמאַן פילט זיך וואָס אַ טאָג שוואַכער און שוואַכער, און אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער ניט געקאָנט עפענען דאָס געוועלבל. אַ בלייכער טאָג האָט זיך פאַמעלעך געשאַרט ביים קליינעם פענצטערל, און די נאַכט האָט זיך מיט קעציש׳ער פלינקייט צוגעבאַפט צום פענצטערל, פעסט צוגעדריקט דאָס שוואַרצע פנים ווי זי וואָלט וועלן דערבליקן וואָס אין דעם קליינעם שטיבל טוט זיך.

די מעכאַניזירטע פייגל האָבן אויף די ווענט פונם געוועלבל אויס־געשריען די עלפטע נאַכט־שעה. דאָס געשריי האָט אים אַביסל אויפגעטריי־סלט פון זיין פאַרטראַכטקייט. די וואָרשעווער גאַסן האָבן שוין געהאַלטן ביים איינדרעמלען. פון צייט צו צייט איז אַ פאַרשפּעטיקטע דראָזשקע אָדער אַן אימפּעטדיקער אויטאָ אַדורכגעפלויגן און אַריינגעבראַכט אַביסל טומל אין זיין קליינעם צימערל. הערמאַן האָט זיך אונטערגעהויבן. ער האָט ניט געפילט קיין ווייטיק און קיין שוואַכקייט. איין פאַרלאַנג האָט ער געהאַט: זען זיך מיט איר.

און זי, ווי נעכטן און אייערנעכטן און ווי אַלע יאָרן וואָס זי געפינט זיך דאָ, וויל אַ שמייכל טאָן — און טוט ניט. פירט מיט דער האַנט די רויז צו דער נאָז — און דערפירט ניט.

הערמאַן שאַרט זיך קוים צו צו די זייגערס, שטעלט אָפּ זייער גאַנג. פון דער אָנשטרענגונג אָטעמט ער שווער און דערשלעפּט זיך קוים צום פאָרטעפּיאַן. עפּעס שווינדלט אים אין די אויגן. מיט דער האַנט דערטאַפּט ער דעם פאָטעל מיטן אָנלען. אָט זיצט ער. ס׳ווערט אים לייכטער.

— זיי מיר מוחל, טייערע, וואָס כ׳בין אַזוי שפּעט צו דיר געקומען, זעסט, ב׳פיל זיך ניט גוט, אָבער ס׳מאַכט ניט, ס׳וועט איבערגיין.

הערמאַן זיצט אַ לאַנגע צייט און קאָן זיך ניט אָנקוקן זאַט, זיינע פינגער הייבן זיך, הייבן זיך און נעמען אָנרירן די קלאַווישן. ער ווייס ניט צי דאָס שפּילט ער, אָבער די מוזיק נעמט שטייגן, ווערט שטאַרקער, שטאַרקער. זי קומט פון אַלע ווינקעלעך, פונם סופיט און צוזאַמען מיט די קלאַנגען נעמט אַ העלקייט שטראָמען — פון וואַנען איז אַזוי ליכטיק געוואָרן? לוּאיזע!

אָט גייט זי דאָך. מיט איין האַנט הייבט זי אונטער די לאַנגע טוניק און שפּרייזט אַריבער די שווערע מאַהאָגאַן־ראַם. איר פּנים איז איין שמייכל. אָט שטייט זי שוין לעבן אים. די רויז לאָזט זי ליגן אויפן פאָרטעפּיאַן.

— ווי לאַנג עס איז דער וועג צו דיר, אָ, ווי לאַנג...

טויבן

זיין בערדל איז געווען שוואַרץ און שפּיציק. די נאָז לאַנג און די אויגן האָבן פאַרמאָגט אַ קאַלטע שאַרפקייט.

אויף דער סצענע פון קליינעם טעאַטערל איז ער געשטאַנען שטייף. דער שוואַרצער אָנצוג האָט זיין הויכע געשטאַלט געמאַכט העכער, דער ווייסער, שטייפער קאָלנער האָט נאָך מער אויסגעטיילט די שוואַרצקייט פון זיין בערדל.

פרעמד און ווייטלעך האָט ער אויסגעזען אויף דער סצענע אונטערן קרייצליכט פון צוויי קליינע רעפלעקטאָרן, געשטאַנען איז ער כמעט אומבאַוועגלעך, אָבער די צוויי הענט האָבן ניט גערוט. אָט וואַרפן זיי אין דער לופט הילצערנע רעדער און פלעשער און אָט ציִען זיי שוין פון אַרבל לאַנגע זיידענע סטענגעס. גיט ער די הענט אַ וואָרף לינקס, אַ וואָרף רעכטס, ווערן פון די סטענגעס זייגערלעך, זייגערלעך מיט שווערע זילבערנע קייטלעך. דעם עולם אין זאַל געפעלט עס, ווערט אַ פּאַטשעריי, אַ פייפעריי, אָבער דאָס ווירקט קנאַפּ אויפן קונצן־מאַכער. ער פאַרהאַלט אויף אַ ווייל זיינע צעלאָפּענע הענט, גיט מיטן קאָפּ קוים זיך אַ נויג. זיין פּנים בלייבט ערנסט און קאַלט און די אויגן פאַרלירן גאָרניט פון זייער שטעכיקייט. ווערט אין זאַל אַביסל שטיל, צעלויפן זיך אויפסניי די הענט. אַ שווערד פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קאָלירִיק טיכל און פון טיכל ווערן בלומען. די בלומען צעוואַרפט דער קונצן־מאַכער איבערן זאַל. דער עולם פרייט זיך, לאַכט. אָבער די אמתע באַגייסטערונג קומט צום סוף, ווען דער קונצן־מאַכער נעמט אַ ליידיקע וואַליזע, ווייזט זי פון אַלע זייטן, דערנאָך מאַכט ער זי צו, לייגט זי אַרויף אויף אַ טישל, פאַרשפּרייט אויבן די הענט, מורמלט עפּעס, מיט די הענט אַ פּאַטש, און די דעק איז געעפנט. פון דער וואַליזע פליען אַרויס ווייסע טויבן, פלאַטערן איבער דער סצענע. די טויבן שוועבן, פאָכען מיט די ווייסע פליגלען און אַז דער קונצן־מאַכער גיט נאָך אַ פּאַטש — פליִען זיי צוריק אַריין אין דער וואַליזע. דעמלט פאַרמאַכט ער דעם דעק, און ווען ער עפנט ווידער — איז שוין ניטאָ קיין טויבן, אויס ווייסקייטן, אויס פלאַטער. די וואַליזע איז פּוסט.

דער עולם יובלט, פייפט, שרייט, טופּעט מיט די פיס. אָבער דער קונצן־מאַכער האַלט אָן זיין ערנסטקייט, פאַרנויגט זיך קוים און וואַרפט

קרומע בליקן צום יינגל, וואָס דאַרף פּאַרציען דעם פּאָרהאַנג. אָבער דאָס יינגל כאַפּט ניט אויף זיינע בליקן. ער איז צעטומלט און פאַרגאַפט פון דעם נאַר וואָס געזעענעם. זיינע אויערן זענען נאָך פול מיט דעם שאָרך פון די פליגלען און זיינע אויגן זוכן אַרום די ווייסע טויבן.

דער קונצן־מאַכער שטייט נאָך אַלץ אויף דער סצענע און דער עולם איילט זיך ניט אַוועקצוגיין. ענדלעך כאַפּט זיך דאָס יינגל, אַז מען דאַרף פּאַרציען דעם פּאָרהאַנג.

✶

ביי יעדער פאָרשטעלונג איז דאָס יינגל געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל אונטער די קוליסן און אויסגעוואַרט ס׳זאָלן טויבן פון דער וואַליזע אַרויספליען, ס׳זאָלן טויבן אינם רעפלעקטאָרן־ליכט אַרומקרייזן און רייצן מיט זייער ווייסקייט. וויפל מאָל ער האָט שוין דאָס ניט געזען, איז עס פאַר אים אַלץ ניי, ניי און אומגלייבלעך. אָבער ער הערט דאָך פּאָרט זייער געפלאַטער, ווי זיי שניידן מיט די פליגלען די געדיכט־טונקעלע לופט פון דעם קליינעם טעאַטער־זאַלכל. אַז זיי פאַרשווינדן אינם ברייטן מויל פון דער וואַליזע ווערט אים טרויעריק. באַלד נאָך דעם מוז ער פאַרציען דעם פּאָרהאַנג, דער זאַל ווערט ליידיק, די רעפלעקטאָרן לעשן זיך אויס און דער קונצן־מאַכער מיט זיינע זייגערס, סטענגעס און מיט דער וואַליזע גייט מיט געמאָסטענע טריט אין גאַרדעראָב אַריין. אויפן וועג צעשפיליעט ער דעם שטייפן קאָלנער און ווישט זיך מיט אַ טיכעלע דעם נאַסלעכן שטערן.

אַז דער קונצן־מאַכער ווערט אַנטרונען און די גאַרדעראָב־טיר מאַכט זיך צו, פאַרגנבעט זיך דאָס יינגל און בליקט אַריין דורכן שליסללאָך: דער קונצן־מאַכער זיצט, איין שוך אויסגעטאָן, דאָס העמד צעכראַסטעט, און עסט אייליק. שטעקט לאַנגע פינגער אין טעלער, ציט אַרויס עפּעס אַ פעטן ביסן, שלינגט גיריק אַראָפּ און דערנאָך לעקט ער לאַנג אַרום די פינגער. שטיין אַזוי ביי דער טיר אַ סך צייט, האָט מורא דאָס יינגל. רוקט ער זיך אָפּ און וואַרט. דער קונצן־מאַכער זאָל אַרויס. פאַרלאָזט דער קונצן־מאַכער דעם טעאַטער, גייט ער אים נאָך. ס׳איז שוין שפּעטע נאַכט־שעה. די גאַסן זענען פּוסט און אין די הייזער איז פינצטער, דער וועג צום האָטעלכל איז ניט ווייט. ביי איינעם פון די ראָגן שיינט נאָך אַרויס ליכט פון אַ רעסטאָראַן. דער קונצן־מאַכער פאַרשווינדט הינטער דער גלעזערנער טיר. דאָס יינגל דריקט זיין שטערן צו דער שויב. אינווייניק איז שוין כמעט קיינער ניטאָ. ביי איין טישל זיצט אַ פּאָרל. זי וויינט, ווישט זיך די אויגן און ער רוקט איר אונטער אַ כוס מיט אַ געטראַנק. ביי אַ צווייט טישל אין אַ ווינקל איז

ווער אַנטשלאָפֿן געוואָרן, דער קאָפּ ליגט אויף דער קיילעכדיקער טיש־פּלאַטע און די הענט הענגען אַראָפּ. אַ מויד קערט דעם דיל, צעשטעלט די שטולן אויף די ליידיקע טישלעך און גענעצט. דער קונצן־מאַכער קויפֿט פּאַפּיראָסן, טרינקט צוויי גלעזלעך משקה, גיט אַ קניפּ די יונגע פּאַרקויפֿערין אין באַק און די וואַליזע לאָזט ער ניט אַרויס פֿון דער האַנט. צום סוף קומט ער אַרויס און פֿאַוואָלינקע שפּאַצירט ער אַוועק צום האָטעלכל. דאָס ייִנגל בלייבט שטיין און האַלט די אויגן אויף דעם ליכטיק געוואָרענעם פֿענצטער פֿון דעם קונצן־מאַכערס צימער און די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אים און דרייען זיך אַרום איין און אײנציקער זאַך:

— ווי אַזוי מאַכט ער דאָס מיט דער וואַליזע? — ער קוקט פֿון הינטער די קוליסן אויף יעדן באַוועג פֿונם קונצן־מאַכער, זיין יעדער האַנטריר איז אים באַקאַנט — איז ווי אַזוי קומען די טויבן? — דאָ הויך, הויך ביז אונטערן סופֿיט פֿליען זיי און דאָ אַזוי נידעריק ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

טראַכט דאָס ייִנגל און קען ניט אָפּרייסן זיינע צעגלאָנצטע אויגן פֿונם העלן פֿענצטערפֿלעק, פּונקט ווי דאָרט וואָלט ער געפֿונען אַ באַשייד אויף די אַלע אויסטערלישקייטן מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן זינט דער קונצן־מאַכער האָט זיך באַוויזן. עס דאַכט זיך אים, אַז אויבן, אין דער הייך, אין ליכטיקן פֿענצטער פֿונם האָטעל־צימערל, נעמען אַרומשוועבן טויבן. טויבן רייניע אַזעלכע, ווייסע אַזעלכע, אַז עס איז ניט מעגלעך אויף זיי צו קוקן און זיי פֿליען פּאַמעלעך, קוים וואָס די פֿליגלען באַוועגן זיך. גייט אויס דאָס ליכט אינם פֿענצטער, פֿאַרשווינדן די טויבן. בלייבט דאָס ייִנגל אַליין און אַרום אים די נאַכט. דערשרעקט ער זיך און נעמט לויפֿן אַהיים, און די היים זיינע, דאָס אָרעמע הייזל, איז ווייט, זייער ווייט, אַזש הינטער דער שטאָט, דאָרט ווו אַלע אָרעמע הייזקעס שטייען. איז לויפֿט דאָס ייִנגל לאַנג איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן, ער לויפֿט און זיינע פּיס קלאַפּן איבערן ברוק.

אין דער היים טרעפֿט ער זיין מוטער אַ וואַכע, אַ צעשראָקענע, אַן אויסוואָרטנדיקע.

— פֿון וואַנען אַזוי שפּעט?

— מאַמע, טויבן, אפֿשר ווייסטו ווי זיי קומען צו אים?

— וואָס רעדסטו קינד, וואָס פֿאַר אַ טויבן, לייג זיך, ביסט מיד, נעם עס עפּעס. ס'שטייט אין דער קיך, שוין געסטויעט געוואָרן, וואָס דען, כ'קאָן דען האַלטן אַזוי לאַנג אַ פֿייער אין קיך?

דאָס ייִנגל האָט ניט געגעסן. אויסגעטאָן זיך און אַריין אין זיין פּאָר אים צו־קליין־געוואָרענער בעט. ער האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפֿן.

— אפשר האָט די וואַליזע אַ באַהעלטעניש, אפשר האַלט ער די טויבן אין די אַרבל און אפשר זענען דאָס גאָר קיין טויבן ניט?

*

ווען ס׳קומט שבת נאָך מיטאָג קען זיך דאָס ייִנגל ניט דערוואַרטן, אַז די מאַמע זײַנע זאָל אַרויפציען דעם אויסגעריבענעם פּלושענעם מאַנטל אויפן וואָכעדיקן קלייד און זאָל אַריבערגיין צו די שכנות, וואָס זיצן אויף די טרעפּלעך פאַר די קליינע הייזקעס, און אַז די מאַמע גייט אַוועק קומען זײַנע חברים. דאָס קליינע שטיבל ווערט לעבעדיק און רוישיק, אָבער דאָס ייִנגל פאַרטראָגט ניט קיין רעש. בעט ער מען זאָל זיך איינשטילן, וועט ער עפּעס ווייזן. דעם „עפּעס״ זאָגט ער אַרויס מיט אַזאַ סודותדיקן טאָן, אַז די ייִנגלעך ווערן גלייך אַנטשוויגן.

דאָס ייִנגל פאַרשווינדט, קומט באַלד צוריק מיט אַ צוגעקלעפּט שפּיציק בערדל געמאַכט פון וואַטע און געטונקען אין שוואַרצן טינט. אויפן האַלדז טראָגט ער פון גלאַנציק פּאַפּיר אַ קאַלנער און אָנגעטאָן איז ער אין אַ שוואַרץ רעקל וואָס איז פאַרבליבן פון זײַן פאַרשטאָרבענעם טאַטן. זײַנע הענט פאַרלירן זיך כסדר אין די צו־לאַנגע אַרבל. ער רוקט צו זיך צו דאָס טישל און שטעלט אַוועק אויף אים אַ וואַליזע. דאָ בלײַבט ער שטיין אומ־באַוועגלעך און נעמט אַלעמען דורך מיט אַ שאַרפן בליק. אין שטיבל ווערט שטיל, שטיל, מען הערט נאָר אַ פאַרשנעלערט אָטעמען און דאָס טיקען פון אַ זייגער.

ציט אויס דאָס ייִנגל פּאַמעלעך זײַנע הענט איבער דער וואַליזע און זײַנע פינגער הייבן אָן ציטערן. מורמלט דאָס ייִנגל ווערטער אומפאַר־שטענדלעכע און זײַנע קביען שטרויכלען. גיט דאָס ייִנגל האַנט אָן האַנט אַ פּאַטש און די דעק אָן עפן אויף — צעטראָגט זיך פון דער וואַליזע אַ געדיכטער שטויב. צעשרייט זיך דאָס ייִנגל הויך, ווי ניט מיט זײַן קול:

— זעט, זעט, זיי פליִען, פאַרוואָס זעט איר ניט?

הייבן זיך אויגן פון די ייִנגלעך אין דער הייך און זעען ווי דער שטויב צעשפּרייט זיך און ווערט שיטערער. צעלאַכן זיך די קינדער און הייבן זיך אָן אַרויסצורוקן. בלײַבט דאָס ייִנגל אַליין אינם שטיבל פאַרקוקט אין דער צעעפנטער וואַליזע.

פאַרנאַכט אַז די מוטער איז צוריקגעקומען פון די שכנות און אָנגע־צונדן ליכט, האָט זי אים דערזען אין דעם לאַנגן רעקל מיטן גלאַנציקן פּאַפּירענעם קאַלנער, ווי ער שטייט איבערגעבויגן פאַרזונקען אין מחשבות איבער דער צעעפנטער וואַליזע, האָט זי זיך דערשראָקן.

— וואָס שטייסטו אַזוי אין דער פּינצטער, וואָס זעסטו דאָרט, מיין קינד?

— מאַמע, די טויבן זענען אַוועקגעפלויגן, פון דער וואַליזע אַרויס און אַוועקגעפלויגן.

— שוין ווידער טויבן? וואָס איז מיט דיר, כ׳וועל דיך מער ניט לאָזן גיין צו „זיי״, כ׳בין זיי מוחל די פאַרדינסטן, וואָס פאַר אַ קליפה האָט דיך געפאַנגען?

— מאַמע, די יינגלעך זענען בלינד געוועזן. די טויבן האָבן אַרומגעשוועבט. דאָ איבערן צימער אַרומגעקרייזט און זיי האָבן ניט געזען, אמת אַז זיי זענען בלינד, מאַמע?

— גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו פאַר אַ רייד, וועלכע טויבן און וואָס פאַר אַ יינגלעך? מער וועסטו זייער טריפהנע שוועל ניט איבערטרעטן!

דאָס יינגל איז אַנטשוויגן געוואָרן, די אויגן זיינע האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער מוטער און זיי האָבן ערגעץ ווייט אַוועקגעוואַנדערט. וויפל די מוטער האָט אין אים ניט אַריינגערעדט האָט זי געפילט אַז ער הערט ניט, דערווייל האָט זיך די נאַכט אַראָפּגעלאָזט איבער דער נידעריקער שוועל און שוואַרץ באַפּאַרבט די שייבלעך. דאָס יינגל איז אַ צעטראָגענער אַוועק אין טעאַטערל אַריין. די מוטער האָט אַ פאַרזאָרגטע אים נאָכגעקוקט.

דאָס טעאַטערל איז ווי יעדן שבת צו נאַכטס געווען פאַרפולט. דער עולם האָט זיך געוויצלט, געלאַכט, געקנאַקט באַניקערן און געוואַרט אויפן קונצן־מאַכער. אָבער דער קונצן־מאַכער איז ניט געקומען. איז געוואָרן אַ טומל הינטער די קוליסן.

— ווו איז דער קונצן־מאַכער, ווו איז דער קונצן־מאַכער?

מען האָט געשיקט דאָס יינגל אין האָטעלכל זען וואָס ס׳איז געשען און דערווייל האָט די מוזיק עפּעס אויפגעשפּילט דעם עולם צו פאַרווילן.

דאָס יינגל איז געלאָפן. ווען מען שיקט אים ניט וואָלט ער סיי־ווי געלאָפן, ווייל אָן דעם קונצן־מאַכער, אָן זיין שאַרפן בליק, לאַנגן האַנטשטרעק און אָן הויכן טויבן־פלי קען ער ניט לעבן...

איז ער געלאָפן און דאָס האַרץ האָט געזעצט, געטיאָכקעט. אַריינגעקומען אין ענגן ניט־געלופטערטן צימערל, האָט דאָס יינגל דערזען אַ טיש, אַ פאַרפלעקטן טישטעך, אויסגעליידיקטע וויינפלעשער, אַן איבערגעקערטע שטול און צווישן טיש און שטול איז געלעגן ער, דער קונצן־מאַכער. די אויגן זענען אים געווען רויט־פאַרלאָפן און ער האָט עפּעס צו זיך געמורמלט. פון יענער קאַלט־שאַרפער אָפּשטויסיקייט פון זיין בליק איז גאָרניט און גאָרניט פאַרבליבן, האָט דאָס יינגל זיך דערוועגט צו דערנענטערן. די גאַנצע מורא איז פון אים אַוועק, אויסגעוועפּט געוואָרן. דער מענטש וואָס

האָט זיך געוואַלגערט אַ שיכורער אונטערן טיש איז גאָרניט ענלעך געווען צו יענעם הויך־געשטאַלטיקן קונצן־מאַכער. אָן דעם שוואַרצן אָנצוג און שטייפן קאָלנער איז זיך די געשטאַלט צעפלאָסן און די גאַנצע שטאָלצקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. דאָס ייִנגל האָט זיך איבערגעבויגן און לייכט, קוים מיט די פינגער, באַרירט אים דעם אָרעם. דער קונצן־מאַכער האָט מיט דער האַנט אַ באַוועג־געטאָן ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס געוואָלט באַפרייען, אַ ברום געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן, אָבער דאָס ייִנגל האָט ניט נאָכגעגעבן. זיינע גראָע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און זיין אָטעם איז געשווינדער געוואָרן. ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן נאָך וואָס מען האָט אים געשיקט און נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. דאָס ייִנגל האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן דעם ליגנדיקן. דער קונצן־מאַכער האָט שווער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ וואַסערדיקן בליק זיך אַרומגעקוקט.

— זאָגט ווי מאַכט איר דאָס מיט די טויבן, זאָגט?

דער קאַטאַרינאַזש און דאָס מיידל

יעדן אינדערפרי קאָן מען אים זען, דעם קאַטאַרינאַזש, מיט זיין שפּיל־קאַסטן, מיט דער פּאַפּוגיי אויפן אַקסל, ביי אַ קרייצונג פון צוויי שטילע וואַרשעווער גאַסן. יעדן אינדערפרי קאָן מען זיך צוהערן צו די קלאַנגען וואָס זיין קאַטאַרינקע דעכעט אויס און צוקוקן זיך צום אויסטערלישן פויגל וואָס גליווערט אויף זיין אַקסל. נאָר פון צייט צו צייט, ווען ער הייבט אונטער אַ קעסטעלע מיט קוויטלעך, נעמט די פּאַפּוגיי פּאַמעלעך איינבויגן דעם קאָפּ, נישטערן אַ ווײַלע, און לסוף אַרויסציען מיטן קרומען שנאָבל אַ ווייס צעטעלע.

דער טאָג איז נאָרוואָס געהאַט אויפגעגאַנגען.

די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך אָנגעפילט מיט זון־ליכט און מיט מענטשן.

אַרום דער קאַטאַרינקע האָט זיך שוין באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַ געזעמל נייגעריקע; קינדער מיט שול־רענצלען, פרויען מיט קוישלעך און אַרבעטער מיט פּעקלעך־עסן. זעענדיק אַז ס'איז שוין דאָ אַ גענוגנדיקע צאָל צוקוקער, האָט דער קאַטאַרינאַזש גענומען אויסרופן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים:

— פינף גראָשן! פאַר איינציקע פינף גראָשן וועט אייך מיצי אַרויסציען דאָס גליקלעכע צעטל! —

ווען ער האָט מיטן בליק אויפגעכאַפּט אַז זיינע אויסרופן מאַכן ניט קיין איינדרוק און אַז מענטשן שטייען סתם אַזוי און גאַפּיען זיך אויף דער פּאַפּוגיי, האָט ער שוין מיט זיינע פלינקע אויגן גענומען זוכן עמעצן צווישן די פאַרזאַמלטע. דאָס רוב זענען עס געווען מיידלעך, יונגע פרויען ביי וועלכע ער האָט אַרויסגעפילט אַ צוריקגעהאַלטנקייט.

— פריילין, מאַדאַם, דערנענטערט זיך, לאָזט אייך באַדינען, מיצי וועט שוין אויסגעפינען דאָס ריכטיקע צעטעלע. ביטע, קומט־צו נענטער. אַלע אייערע האַרצווונטשן וועלן דערפילט ווערן. דער לעבנסוועג איז אָנגעצייכנט אין די צעטלען. וואָס נעכטן איז געשען און וואָס ס'ערוואַרט אייך מאָרגן, וועט איר זיך דערוויסן פון זיי. ביטע מאַדאַם, לאָזט אייך דינען! —

דאָס איז שוין געווען ווירקזאַמער. ס'רוב האָבן זיך אַרום דער

קאַטאַרינקע פֿאַרזאַמלט דינסטמיידלעך אָדער פֿאַבריק־אַרבעטערינס און די צו וועלכע דער קאַטאַרינאַזש האָט זיך געווענדעט איז געווען צופֿרידן וואָס ער האָט זי אויסגעקליבן פֿון צווישן אַלעמען און נאָך דערצו רופֿט ער זי אָן „מאַדאַם". פֿון דעם איז איר גאָר אָנגענעם געוואָרן. פֿלעגט זי זיך דערנענטערן און אַ געווויסע שעמעוודיקייט האָט נאָך אַלץ געפּלאָנטערט און געהאַמעוועט דעם גאַנג. דעם קאַטאַרינאַזשס אויגן האָבן פֿונם לאַנג ניט־ראַזירטן פּנים וואַרעם אַרויסגעבליצט. מיט איין האַנט האָט ער קונציק און פֿלינק אונטערגעהויבן דאָס קעסטעלע צו מיצין און מיט דער אַנדערער גענומען דרייען די קאָלבע. אָפּגעשפּילט אַ פּריילעכס האָט ער מיט צוויי ביינערדיקע פֿינגער דערלאַנגט דאָס צעטעלע און באַקומענדיק די פֿינף גראָשן זיך טיף פֿאַרנייגט. די „מאַדאַם", מיטן צעטעלע אין איין האַנט און מיטן איינקויף־קוישל אין דער צווייטער, האָט זיך געוואָלט אַרויסקריגן פֿונם קרענצל, אָבער דער מענטשן־קראַנץ איז ענגער געוואָרן. יעדער איינער האָט געוואָלט זען וואָס עס שטייט געשריבן. זי, מיט צעפּלאַמטע באַקן, האָט צונויפֿגעדריקט דאָס צעטל אין אַ פֿויסט און געשטאַמלט:

— לאָזט מיך, לאָזט מיך!

און אַזוי יעדן טאָג האָט ער פֿאַרבעטן די דורכגייער זיך אָפּצושטעלן לעבן זיין אַלטן שפּילקאַסטן און פֿאַר יעדערן איז ער גרייט געווען אויסצו־רעכענען די גליקן וואָס דערוואַרטן אים ווען מיצי וועט אַריינלאָזן דעם פֿאַרקרימטן שנאָבל צווישן די ווייסע צעטעלעך. אָבער ניט שטענדיק האָבן זיך דורכגייער אָפּגעשטעלט. ס'פֿלעגט טרעפֿן אַז ער זאָל שטיין און רייסן די טענער און אַרום אים — ליידיק. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן זיינע אויגן ניט געהאַט דעם וואַרעמען אָפּשיין, מ'האָט זיי בכלל ניט אַרויסגעזען. בלויז מיצין האָט ניט געאַרט צי זענען פֿאַראַן צוקוקער אָדער ניט. זי איז געזעסן אויפֿן אַקסל ווי צוגעפֿראָרן און ס'האָט זיך אויסגעדוכט אַז אויך דער קאַטאַרינאַזש האָט אָן איר פֿאַרגעסן.

אין איינעם אַזאַ טאָג, ווען אַרום דער קאַטאַרינקע זענען געשטאַנען בלויז אַ כאָפּטע אָפּגעריסענע קינדער, האָט זיך דערנענטערט אַ מיידל. איר פּנים האָט אויסגעזען אי יונג, אי אַלט. די הויט איז געווען פֿריש, העל, אָבער אין די אויגן איז געלעגן אַ מוטנע אויסגעקילטקייט, ווי אַן איבער־בלייב פֿון אַ הייסן געטראַנק אין אַ גלאָז. די בלאָנדע האָר פֿאַרקעמט אויף אַרויף האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ שלייף פֿון שוואַרצן זייד. זי איז ניט געווען קיין מיאוסע, נאָר פֿיס האָט זי געהאַט קורצע, קרומע, און דערצו איז איין פֿוס געווען קירצער פֿאַרן צווייטן. ביי יעדן טראָט האָט זיך דער גאַנצער קערפּער איבערגעבויגן און אַראָפּגענידערט צו דער ערד כדי גלייך אַרויפֿצושפּרינגען אין דער הויך. יעדער טראָט אירער איז געווען ווי

אַ שטענדיקע קלעטעריי אויף טרעפּ — אַ טרעפּל אַרויף, אַ טרעפּל אַראָפּ. זי איז צוגעקומען צו דער קאַטאַרינקע, אָבער זיך ניט צו־שטאַרק דערבענטערט. אַביסל זייטלדיק געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט לאַנג און דורכדרינגלעך צו דער פּאַפּוגיי און צום קעסטעלע. פּלוצים האָט זי זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך גענומען דערווייטערן — אַ טרעפּל אַרויף אַ טרעפּל אַראָפּ. דער קאַטאַרינאַזש האָט אויפגעהערט צו דרייען מיט דער קאָלבע. ער האָט מיטן בליק באַגלייט דאָס מיידל ביז זי איז פאַרשוווּנדן ערגעץ ביי אַ ראָג.

צומאָרגנס איז זי ווידער געקומען און אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. געשטאַנען, געקוקט און שווייגנדיק אַוועקגעטרעפּלט. דערנאָך איז געקומען אַן איבעררייס, זי האָט זיך ניט באַוויזן מער. דער קאַטאַרינאַזש האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אַז דעם מיידל איז צופעליק אויסגעקומען פאַרבייצוגיין די ערטער און איר אָפּשטעלן זיך ביי זיין שפּיל־קאַסטן איז אויך בלויז אַן עפּיזאָד. דאָך האָט זיך ערגעץ ביי אים פאַרוואַלגערט אַ ברעקעלע האָפענונג אַז זי וועט צוריקקומען, און אָט האָט זי זיך טאַקע צוריק באַוויזן. מיט איר קרומען גאַנג האָט זי לאַנגזאַם דורכגעשניטן די גאַס. איר אויסגעאיידלט געזיכט איז געווען ערנסט ביז שאַרפקייט. דאָס מאָל האָט זי זיך ניט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, נאָר אים אַנטקעגנגעטראָגן אין לאַנגע, דינע פינגער אַ פינקלדיקע מטבע. דער קאַטאַרינאַזש איז ווי צעטומלט געוואָרן און זיך לאַנג געקווענקלט. אויף דעם האָט ער זיך גאָרניט געריכט. דערווייל האָט דאָס מיידל אַלץ נאָך געהאַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט און די מטבע האָט קיל אַנטקעגנגעפינקלט. זי האָט קיין וואָרט ניט געבערענגט פאַר די ליפּן, נאָר די האַנט נענטער אונטערגערוקט צום קאַטאַרינאַזש. מיצי האָט זיך געגעבן אַ באַוועג ווי אַ כישוף וואָלט זיך פון איר אָפּגעטאָן. זי האָט געגעבן מיטן קעפּל אַ דריי, מיטן פליגל אַ פאָכע, און ווען דאָס קעסטעלע האָט צו איר דערגרייכט, האָט זי אין אים אַראָפּגעלאָזט דעם שנאָבל. נאָכהער האָט דער קאַטאַרינאַזש צוגעבויגן דעם אַקסל מיטן פויגל צו דעם מיידלס האַנט. דער פויגל האָט צעעפנט דעם שנאָבל, אָבער דאָס צעטעלע איז אַראָפּגעפאַלן און אַ ווינטל האָט עס פאַרשלעפּט. דער קאַטאַרינאַזש האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וויל אַוועקשטעלן די קאַטאַרינקע, אַראָפּוואַרפן דעם פויגל און נאָכלויפן נאָכן צעטעלע. דאָס מיידל, אָבער, האָט אים פאַרהאַלטן.

— לאָזט צורו, לאָזט!

האָט זי שטיל און מיט באַדויערונג אַ זאָג געטאָן נאָכבאַגלייטנדיק דאָס ווייסע צעטעלע וואָס אָט האָט עס זיך אַ הויב געטאָן און אָט איז עס אַראָפּגעפאַלן, אויסגעמישט זיך מיטן שטויב און מיסט פון גאַס, צוזאַמען

זיך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע אין אַ קאַראַהאָד, ווידער זיך אָפּגעטיילט, אונטערגעהויבן און אַנטרונען. ווען מען האָט שוין דאָס פּאַפּירל ניט אָנגעזען, האָט זיך דאָס מיידל אויך אַריסגעטאָן פונם אָרט און אַוועק.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער קאַטאַרינאַזש ניט געקאָנט פאַרגעסן די פאַסירונג וואָס איז אפשר קיין פאַסירונג ניט געווען, אָבער ביי אים האָט עס צוגענומען די רו. ער האָט געדרייט מיט דער קאָלבע, געשפּילט קאַדרילן און וואַלצן, געמאַכט קאָמפּלימענטן די יונגע מיידלעך, מיט אַן אייגל געוווּנקען צו ווייבלעך, געהויבן דאָס קעסטעלע צו מיצין, אָבער דאָס פאַרטראַכטע פנים פונם מיידל און איר שטילע רעזיגנאַציע ווען דער ווינט האָט דאָס צעטל אַוועקגעטראָגן, אָט דאָס קליינע בילדל וואָס האָט געדויערט געציילטע מינוטן, — איז פאַר זיינע אויגן כסדר פאַרבייגעשוווּמען. ביינאַכט אויף זיין געלעגער האָט ער עס ווידער געזען, אָבער אין חלום האָט זיך עס אַנדערש אויסגעשפּילט. אין חלום איז ער יאָ נאָכגעלאָפן נאָכן צעטעלע און דאָס צעטעלע איז אַ טייבעלע געוואָרן, און דאָס טייבעלע איז געפלויגן און געפלויגן און ער איז געלאָפן און געלאָפן. ביז דאָס טייבעלע איז מיד געוואָרן און זיך אַראָפּגעזעצט אויף זיין רעכטן אַקסל, אויפן אָרט פון מיצי. האָט ער דאָס טייבעלע פאַמעלעך פון אַקסל אַריינגענומען צווישן ביידע הענט. דאָס טייבעלע האָט געציטערט, האָט ער עס באַהויכט מיט זיין הייסן אָטעם און ווי ער הויכט אַזוי האָט ער אויפן אָרט פון טייבעלע דערפילט צוויי לעבעדיקע פיס. אַ שרעק און אַ פרייד האָט אים אַרומגענומען, ער האָט געוואָלט לויפן. איז אים אַנטקעגנגעקומען די קאַטאַרינקע און אים פאַרשפאַרט דעם וועג, און לעבן דער קאַטאַרינקע האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל. ער האָט אַוועקגעשטעלט די צוויי גלייכע פיס. איז אָנגעפלויגן די פּאַפּוגיי, פאַרכאַפּט מיטן שנאָבל דאָס מיידל און פאַרשוווּנדן. די צוויי פיס זענען געבליבן שטיין און געוואָרן גרעסער, גרעסער און גרעסער — — —

אויף צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען און אַ ביטערקייט האָט זיין מויל אויסגעפּילט. ער האָט קיין גלוסט ניט געהאַט אַרויסצולאָזן זיך מיט דער קאַטאַרינקע אין גאַס אַריין, אָבער ער איז געגאַנגען — אפשר קומט זי ווידער און ער וועט ניט זיין. מיצי איז אין דעם פרימאָרגן אויך עפּעס פויל געווען אויפצושטיין פון דעם געפלאָכטן קוישעלע וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט שטרוי. זי האָט עטלעכע מאָל אַ הויב געטאָן מיט אַ פליגל און זיך געוואָלט צוריקלייגן, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. אין געסל איז נאָך געווען טונקל, שטיל און נעפּלדיק, ווען מענטש און פויגל האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַ נידעריקן מויער און אַרומגעהילטע פון פאַרטאָגיקער גראָקייט האָבן זיי אַוועקגעשפּרייזט.

די זון האָט שוין פון לאַנג גענומען וואַרעמען. די קאַטאַרינקע האָט

שוין געהאַט אָפּגעשפּילט אַ צענדליק פּאַלקעס, און ניט איין פאַבריק־מיידל איז שוין געשטאַנען ביי איר אַרבעטספּלאַץ און נאָכגעטראַכט נאָך די ווערטער וואָס זי האָט היינט אַרויסגעלייענט פונם ווייסן צעטעלע וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן ביים קאַטאַרינאַזש. די זון איז שוין לאַנג געשטאַנען הויך, אָבער דאָס מיידל איז נאָך אַלץ ניט געווען. און ווען דער קאַטאַרינאַזש האָט אויפגעהערט זיך אויסצוקוקן די אויגן, איז זי, ניט צווויסן פון וואַנען, לעבן אים שטיין געבליבן און אין אירע פינגער אַ פרישע מטבע. ער האָט דאָס געלד ניט געוואָלט, אָבער זעענדיק דעם צער וואָס ער פאַרשאַפט איר דערמיט האָט ער עס יאָ גענומען. ווען מיצי האָט שוין געהאַט אין שנאָבל דאָס צעטעלע, האָט ער דעם פויגל אַרונטערגענומען פון זיין אַקסל און אים צוגעטראָגן נאָענט צום מיידלס האַנט, אַ זאַך וואָס פריער האָט ער עס קיינמאָל ניט געטאָן. דאָס מיידל האָט דאָס צעטעלע צוגענומען, אַ גלעט געטאָן דעם פויגל איבער די קאָלירטע פעדערן און ווייטער געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן דערמיט. צי עפענען דאָס צעטעלע גלייך אויפן אָרט אָדער אַוועקגיין און שפּעטער אין דער היים עס איבערלייענען. אָט די וואַקלעניש האָט דער קאַטאַרינאַזש אַראָפּ־געלייענט פון איר פאַרדאגהט געזיכט. צום סוף האָט זי צעעפנט די פינגער און דאָס צעטעלע אַרויסגעוואָרפן ניט געבנדיק קיין קוק אין דעם. דאָס שטיקל פּאַפּיר איז געבליבן ליגן צעקנייטשט. זי האָט זיך פאַמעלעך גענומען דערווייטערן.

דער קאַטאַרינאַזש איז געבליבן אַליין. בלויז אַ פּאָר קינדער האָבן פּרובירט זיך צו רייצן מיט דער פּאַפּוגיי, וועלנדיק איר אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט, זי זאָל זיך קוויטשיק צעשרייען, אָבער מיצי איז געזעסן שטייף ווי זי וואָלט אויסגעהאַמערט געווען פון אַ פּילקאָלירקן שטיין. אויך דער קאַטאַרינאַזש איז איצט געווען אומבאַוועגלעך. בלויז די אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ־גאַנג פונם מיידל. פּלוצים האָבן זיינע אַקסל זיך אַ טרייסל געטאָן, ער האָט פאַרוואָרפן די קאַטאַרינקע אויף דער פּלייצע און זיך אַוועקגעלאָזט נאָכן מיידל. די קינדער זענען אים פון הינטן נאָכגעלאָפן, שפּעטנדיק און מאַכנדיק ווילדע קולות צו דער פּאַפּוגיי. ער האָט דאָס מיידל אָנגעיאָגט און איר לייכט אָנגערירט. דער קאַטאַרינאַזש האָט פון שנעלן גאַנג שווער געאָטעמט און אפשר איז עס געקומען פון דעם וואָס ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט צופּאַסן די געהעריקע ווערטער. דאָס מיידל האָט זיך ניט פאַרווונדערט און ניט דערשראָקן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים לאַנג און ערנסט אָנגעקוקט.

פאַני וועראָניקאַ

...ס׳האָט מיך געצויגן די פאַני וועראָניקאַס וווינונג. כ׳האָב נאָך איינמאָל געוואָלט אָנקוקן דעם הויף פון „זשאַביע״־גאַס, דעם ברייטן הויף מיטן גערטנדל אינמיטן. אַ בליק־טאָן אויף די צעצווייגטע קאַשטאַנעס, וואָס האָבן זיך מיט יעדן יאָר אַלץ טיפער געבויגן, שטופנדיק די שווערע צווייגן זייערע נעענטער צו די פענצטער, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך אַנכאַפּן אין זיי...

דאָס נידעריקע מויערל מיטן משופּעדיקן דאַך, וואָס איז איינגעקלעמט געווען צווישן צוויי פינף־שטאָקיקע ריזן, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו זען. דאָרט איז געווען פאַני וועראָניקאַס וווינונג...

יאָ, פאַני וועראָניקאַ, איר באַשיידן צימער מיט דער קיך, איר הויכן פעטער פאַן סטאַניסלאַוו מיט די לאַנגע פּיס, פּירשטלעכע וואָנצן און קליינע, גראָע אויגן, איר אַלטיטשקע מוטער פאַני העלענאַ, וואָס איז, ניט געקוקט אויף אירע עטלעכע און זעכציק, נאָך גלייך געגאַנגען, דער זילבערנער קאָפּ שטענדיק זאָרגפעליג פאַרקעמט און דאָס אַלטמאָדישע, שטאַרק־אָפּגעטראָגענע קלייד מיט צעבלישטשעטע קנעפּלעך, ריין און אויסגעפּרעסט. די אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַמונג האָט אָראָפּגעקוקט פון יעדן קנייטש פון פאַני העלענאַס פּנים. איר גוטמוטיקער אָבער שטאָלצער בליק, האָט וועגן דעם דערציילט; דער פאַמעלעכער טריט, דאָס אויפהייבן ביים אַריבערשפּרייזן די שוועל דאָס לאַנגע, לאַנגע קלייד מיט דער אויסגעאיי־דלטער, בלייכער האַנט — האָט דאָס דערמאָנט...

און פאַני וועראָניקאַ אַליין, די אומגליקלעכע פאַני וועראָניקאַ, פאַר וועלכער כ׳האָב זיך פון אָנהויב געשראָקן און דערנאָך זי אַזוי הייס, אַזוי אָן אַ גרענעץ ליב באַקומען... פאַני וועראָניקאַ, די אַלטע „פאַננע״ מיטן ווונדערבאַרן געזיכט פון אַ הייליקער... איך ווייס ניט און געדענק ניט, וויאַזוי איז עס געשען, אַז איך, אַ יידיש יינגל, וואָס האָט כמעט קיין פּויליש ניט פאַרשטאַנען און געציטערט פאַר אַ צלם, זאָל פּלוצים אַזוי צוגעבונדן ווערן צו אַ קריסטין. אָבער אַזוי איז עס געשען.

אפשר האָט איר פאַראינטערעסירט מיין ערנסטע האַלטונג, דער אָפּגלאַנץ פון מיינע קינדעריש־פאַרטרוימטע אויגן? אפשר מיין צערטלעך

באַגיין־זיך מיט שוואַלבן און טייבעלעך, וואָס האָבן אָן מורא געפּיקט קערנער פון מיינע קינדערישע הענט? אַ שטילע פרייד האָט ביי אַזעלכע מאָמענטן פון מיר אַרויסגעשטראַלט. מיר האָבן געוווינט בשכנות, אַ טיר אין אַ טיר, און זי האָט מיך אָפט אַריינגערופן צו זיך, נאָר איך בין ניט געגאַנגען. דאָרט אין צימער איז געהאַנגען אַ קרייץ און איבער אים האָט אַ רויט לעמפּעלע געברענט. איר מוטער, פּאַני העלענאַ, פלעגט מיר שטופן זיסוואַרג, נאָר איך פלעג זיך אַ פּאַררויטלטער אַרויסרייסן און אַנטלויפן.

— ס׳איז טרייף, מען טאָר ניט — האָט מיר אַ געדאַנק געהעמערט אין קינדערשן מוח אַריין... אָבער שפּעטער, שפּעטער האָט מיך געצויגן אין דעם שטילן צימער פון די דריי מענטשן. איך בין שוין אַליין צוגעגאַנגען צום פּאַן סטאַניסלאַוו, געוואַרט ער זאָל אויפהויבן דעם ווייסן קאָפּ פון איבער דעם ביכל, אויסטאָן פּאַמעלעך די ברילן, אַרומנעמען מיך מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק און דערנאָך, שוין שמייכלענדיק, מיט דער רעכטער האַנט אַ פיר־טאָן איבער מיינע האָר. איך האָב מיט דאַנקבאַרקייט אַריינגעקוקט אין זיינע קליינע, גראָע אויגן, געקוקט אויף זיינע שפּיציק־פריצישע וואָנצן און געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן געפלאַטערט אַרויף און אַראָפּ איבער די אויגן, און ער איז דאָך אויך געווען אַזוי אומגליקלעך. אַ זקן שוין, האָט ער געשלעפּט די לעצטע פעדים פון זיין איינזאַם, בחוריש לעבן, די פעדים וואָס האָבן זיך אין אַ זעלטן שיינעם מאַי־טאָג אַזוי פלוצים; אַזוי אומגעריכט איבערגעריסן...

אין גערטנדל האָט דער בעז געבליט און די קאַשטאַנעס האָבן זיך באַדעקט מיט ווייסן צוויט, וואָס האָט זיך ביים מינדסטן ווינטל געשיט, פאַרדעקנדיק דאָס יונגע, פרישע גראָז מיט אַ ווייסן שלייער.

ער איז געלעגן אויפן בעט ווי ער וואָלט געשלאָפן. בלויז די פאַרשטיקטע שלוכצן פון פּאַני וועראָניקאַ, וואָס איז געזעסן אין ווייכן פאָטעל מיטן אַנלען, האָט וועגן דעם דערמאָנט. אויך דאָס געל־וואַקסענע ליכט, אינגאַנצן אַ באַמאַלנס מיט הייליקע און מלאכימלעך, האָט ניט געלאָזט צווייפלען דערין.

אין צימער איז געווען ווי שטענדיק האַלב טונקל, די ראָלעטן אַראָפּגעלאָזט. דער געלער שיין פון ליכט, צונויפגעמישט מיטן רויטלעכן אָפּגלאַנץ פונם לעמפּעלע, וואָס איבערן צלם, איז געפאַלן איבער פּאַני וועראָניקאַס צוקנדע פלייצעס, אויפן ווייס־געהאָפּטענעם טיכעלע, מיט וועלכן זי האָט זיך ס׳פּנים פאַרשטעלט. פּאַני העלענאַ דאַקעגן האָט ניט געוויינט, דאָס פּנים נאָר איז איר צעקנייטשטער און בלאַסער געוואָרן. זי האָט זיך געפּאָרעט ביי דער שוואַרץ־לאַקירטער שאַנק און געגרייט דאָס אָנטאָן פאַרן טויטן און דערביי ווי צו זיך געמורמלט: — סטאַניסלאַוו,

סטאַניסלאַוו, וואָס האָט עס דיר געטויגט?.. אוי, סטאַניסלאַוו! צו וואָס אַליין זיך ס׳לעבן צעבראָכן?..

אָבער פאַן סטאַניסלאַוו איז געלעגן שטיל, די געדיכטע ברעמען איבער די פאַרשלאָסענע אויגן זענען געשטאַנען שטייף, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס און די וואָנצן האָבן זיך עפּעס אַזוי לאַנג אויסגעצויגן, דראָענדיק מיט די שאַרפע שפּיצן...

איך האָב זיך צוריקגעצויגן. די פאַני העלענאַ האָט אַלץ געמורמלט די פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב דעמלט ניט פאַרשטאַנען, און פאַני וועראָניקאַ האָט אַלץ געהאַלטן דאָס ווייסע טיכעלע ביי די אויגן. אירע אַקסלען האָבן אַן אויפהער געצוקט...

דאָס צימער... ווי גוט כ׳האָב זיך דאָרטן געפילט, ווי שטיל ס׳איז דאָרט שטענדיק געווען. די לופט האָט געשמעקט מיט אַ לייכטן נאַרציזן־ריח. זעלטן פלעגן די ראָלעטן זיין אויפגעהויבן, און דעם שטענדיקן בין־השמשות האָב איך ליב געהאַט. נאָר דער רויטער אָפּגלאַנץ פון אַנטקעגן דער טיר, דאָרט ווו דער צלם הענגט, האָט אַ ביסל אומהיימלעך געמאַכט דעם אַרום. אַלע ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט בילדער, קליינע און גרויסע, לענגלעכע און קיילעכדיקע, מיט ברוינע, שווערע דעמבענע ראַמען, געגילדעטע אָדער שוואַרץ־לאַקירטע, די געבלומטע טאַפּעטן האָבן זיך קוים אַרויסגעזען. צוויי גרויסע פּאָרטרעטן, איינער צווישן טיר און פענצטער, דער צווייטער ביי פאַני העלענאַס בעט האָבן מיך געשראָקן, און דערנאָך פלעג איך מיט נייגעריקייט, וואָס איז נאָך אַלץ געווען געמישט מיט גרויס שרעק, באַקוקן די בילדער. איינס האָט פאָרגעשטעלט אַ צעבריקעטן ביק, ביי וועמענס הערנער ס׳איז געווען צוגעבונדן אַ שיינע פרוי מיט לאַנגע האָר און אַרום איר אין האַלבקרייז זיצן מענטשן, אויסטערליש געקליידטע און לאַכן, פרייען זיך ווי דער ביק צערייסט די פרוי...

— דאָס איז — פלעגט מיר פאַני וועראָניקאַ געבן צו פאַרשטיין — ליגיאַ פון „קוואָ וואַדיס”. איך האָב עס דאַן ניט פאַרשטאַנען, אָבער מיין ערנסט פּנים און מיטפילנדיקער בליק מיט דער אָרעמער ליגיאַ, וואָס וועט באַלד צעריסן ווערן פון ביק, און די טרויעריקע שטים, מיט וועלכער כ׳האָב נאָכאַנאַנד נאָכגעזאָגט: טאַקע, „קוואָ וואַדיס”, „קוואָ וואַדיס”... האָט אויף איר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איך ווייס.

דאָס צווייטע בילד האָט פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעכן מענטשן מיט אַ מאָדנער האָרבאַטער נאָז. — און דאָס — פלעגט זי צוגעבן, זעענדיק מיין פרעגנדיקן בליק — דאָס איז „מעפיסטאָ”. — איך האָב זיך געשעמט איבערצופרעגן, אָבער ביי זיך אין האַרצן האָב איך אויסגעטייטשט, אַז

„מעפיסטאָ”, דאָס איז אַ שלעכטער, בייזער שד און ער האָט דעם פֿאַן סטאַניסלאַוון צוגענומען...

ווי אויסערגעוויינלעך גוט איז מיר געווען צו זיצן אַנטקעגן דער פֿאַני וועראָניקאַ און זי צו באַטראַכטן. שעהנלאַנג פֿלעג איך אַזוי זיצן אַ שווייגנדיקער אין אַ ווייכער שטול און זי אַנטקעגן אין דער צווייטער, לעבן טישל, און עפּעס אויסהעפּטן.

פֿון הינטערן אַבאַזשור פֿונם קליינעם טיש־לעמפּל איז געפֿלאָסן אַ גרינלעכער פּאַס ליכט און באַלויכטן אירע ווייסע הענט, איר ווייסן האַלדז, דאָס איידעלע, וועלקנדע פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ שיין געווען. אַפֿילו די גלאַטע פֿריזור האָט עס ניט פֿאַרקלענערט. דאָס שוואַרצע, פּשוטע קלייד פֿאַרקנעפּלט ביז איבערן האַלדז אויך ניט.

פֿאַני וועראָניקאַ איז געווען וווּנדערלעך. אַ לייכטע מעלאַנכאָליע האָט באַרעמט אירע קלוגע אויגן. די ליפּן, כאָטש אַרום זיי האָבן זיך גענומען קליינבן דינינקע קנייטשעלעך, זענען געווען פֿריש און האַלב צעעפֿנט, ווען זי פֿלעגט זיך פֿאַרטראַכטן, און טראַכטן פֿלעגט זי אָפֿט. איך האָב אין אַזעלכע מאָמענטן זיך באַמיט ניט צו באַוועגן זיך. אויך פֿאַני העלענאַ האָט איר טאָכטער ניט געשטערט. זיי פֿלעגן אַזוי אויך זעלטן רעדן צווישן זיך. די מוטער האָט געדרימלט, נאָר אָפֿט צעעפֿנט די אויגן און לאַנג, לאַנג אַנגעקוקט איר טאָכטער. איך האָב דעם בליק אויפֿגעכאַפּט — זי האָט זי שטאַרק באַדויערט. מיטן זעלבן בליק האָט זי געקוקט אויף פֿאַן סטאַניסלאַוו, ווען ער איז געלעגן אַ שטומער אויפֿן שניי־ווייסן בעט און דערביי געמורמלט, ווי צו זיך: — סטאַניסלאַוו, אוי, סטאַניסלאַוו, פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס האָסטו אַליין זיך צעבראָכן ס׳לעבן ?..

יאָ, דער בליק איז געווען דער זעלבער. און ווען פֿאַני וועראָניקאַ האָט אים דערפֿילט, האָט זי איבערגעריסן דאָס העפּטן און פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן די אויגן, ווי זי וואָלט פֿאַר עפּעס מורא געהאַט. אָבער פֿאַני העלענאַ איז שוין ווידער געווען פֿאַרזונקען אינעם דרימל... און מיר איז גוט געווען מיט זיי.

ניט אַלע מאָל איז פֿאַני וועראָניקאַ געווען פֿאַרטראַכט. זי פֿלעגט מיט מיר שמועסן ווי מיט אַ גרויסן. איינמאָל האָט זי מיר געוויזן אַ צייטונג מיט אַ בילד פֿון אַ פֿאַרטראַכטן מענטשן מיט אַ שוואַרצער באָרד:
— אַ גרויסער מענטש געווען דער דאָקטאָר — האָט זי אויסגערופֿן מיט באַגייסטערונג און באַלד מיט אַ פֿאַרוואָרף זיך געווענדעט צו מיר: פֿאַרוואָס הערט איר אים ניט? פֿאַרוואָס לאַכט איר פֿון אים? ער איז דאָך דער צווייטער משה!

איך האָב גענומען די צייטונג פֿון אירע הענט און באַטראַכט דעם

מענטשן אין בלויזן קאָפּ מיט דער לאַנגער, שוואַרצער באָרד, און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער איז עפּעס דער צווייטער משה. אָבער קיינמאָל האָב איך איר ניט איבערגעפרעגט...

דער זונטיקדיקער טאָג איז געוועזן פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. זונטיק זענען די ביידע פּאַניס געפאָרן אויפן צמענטאַזש.

ביידע זענען זייער פרי אויפגעשטאַנען און מיט נאַרציזן אין די הענט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. פּאַני וועראָניקאַ איז געפאָרן צום חתן, וואָס איז דאָרטן געלעגן און וועמען זי האָט געשוואָרן אייביקע טרייהייט.

דאָס האָב איך אין אַ סך יאָרן אַרום ערשט פאַרשטאַנען. דעמלט האָב איך נאָר געפילט אַ באַזונדערע צערטלעכקייט צו מיר, ווען זי פלעגט זיך אומקערן. גראַציעז אַראָפּנעמענדיק דעם הוט מיטן וואַל, פלעגט זי מיך צורופן און געבן פאַרשידענע נאַשערייען. שפּעטער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער, ווו אויף די שויבן איז די פאַרנאַכטיקע זון אויסגעגאַנגען, און עפּעס מיר געגומען דערציילן, וויסנדיק, אַז כ׳האָב עס ליב, ווען דערווייל האָט איר מוטער געגרייט דאָס פאַרשפּעטיקטע מיטאָג.

ס׳ווייסע קעלנערל פונם טונקל־ברוינעם קליידל, וואָס זי האָט נאָר אָנגעטאָן, פאַרנדיק אויפן צמענטאַזש, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די צאַרטקייט פון איר געזיכט. דערביי האָט עפּעס ווי אַ שמייכל געררוט אויף אירע פולע ליפּן...

מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון זשאַביע־גאַס, אָבער איך בין נאָך אַלץ צו זיי געקומען. מיך האָט אַלץ געצויגן דער נאַרציזן־ריח, דאָס אָפענע פענצטער פון זונטיקדיקע טעג, די בין־השמשותן פון דער וואָכן, די אומגליקלעכע ליגיאַ אויפן צעבריקעטן ביק, דער בייזער „מעפיסטאָ" מיט דער האַרבאַטער נאָז, בלאַנקענדיקע ציין און שפּיזיקע אויגן, צו דער שטילקייט פון די פאַרנאַכטן, צו דער דרעמלענדיקער, גוטער פּאַני העלענאַ און צו פּאַני וועראָניקאַ, וואָס האָט צו מיר גערעדט, ווי צו אַ דערוואַקסענעם...

איך פלעג קומען און איינמאָל... איינמאָל האָב איך געטראָפן ליגן אויפן זעלבן שניי־ווייסן בעט די פּאַני העלענאַ: איר שטענדיק זאָרגפול־פאַרקעמטע האָר זענען איצט געלעגן נעבעכדיק צעשאָטן איבערן קישן, די מאַיעסטעטישע שטאָלצקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון איר צעקנייטשט פּנים. פאַר מיר איז געלעגן אַ צעבראָכענע זקנה, לעבן וועלכער ס׳האָט געפלעמלט אַ גרויס, געל ליכט... פּאַני העלענאַ איז געווען טויט...

איר טאָכטער האָט מיך ניט געהערט אַריינקומען. זי איז געזעסן אויפן בעט, געדריקט דער מוטערס קאַלטע הענט און שטאַרק זיי געקושט...

ערשט איצט האָב איך באַנומען, ווי ליב זי האָט געהאַט די פּאַני העלענאַ. זי האָט געפּליסטערט: — מאַטולאַ, דיר איז לייכטער, דיר איז בעסער. מיר וועט אין די לעצטע מינוטן ניט לייכטן קיין ליכט... אָבער ער, ער וועט מיך אָפּוואַרטן... דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען, איך האָב דאָך אים צוגעזאָגט...

טרערן זענען מיר געראָנען איבער די באַקן. איך האָב מיינע הענט פאַרוואָרפן אויף איר האַלדז. זי האָט זיך ניט דערשראָקן. פאַרקערט, זי האָט מיך פעסט צוגעדריקט און מיט פולע, פון קיינעם ניט געקושטע ליפּן, זיך איינגעזעגנט אין מיינע, און ווען כ׳האָב די הענט פון איר אַראָפּגענומען, האָט זי זיך אויף אַ קול צעוויינט...

— — — — — — — — — — — —

דער הויף... קאַשטאַנעס... דאָס הייזל... יאָ, כ׳האָב עס געזען איידער כ׳בין אַוועק פון וואַרשע.

די פינף־שטאָקיקע קאָלאָסן זענען געלעגן צעקרישלט, דאָס קליינע מויערל איז געשטאַנען אינגאַנצן אַן אויסגעברענטס, אָבער דאָך געשטאַנען...

צוויי שוואַרצע פענצטער־לעכער — דער זכר פון פּאַני וועראָניקאַ און איר וווינונג, האָבן געקוקט אויף דעם איינאונאיינציקן קאַשטאַן, וואָס איז אַ געבויגענער אין דרייען געבליבן פאַרייַנזאַמט שטיין...

בענטשלייכטער

כ׳ האָב זיך אויפגעכאַפּט.

צוערשט האָב איך ניט געוווּסט ווו כ׳בין. כ׳האָב לאַנג ניט געקענט צונויפנעמען די געדאַנקען. אַ מוזיק־כוואַליע איז דורך מיין פענצטער אַריינגערונען און אויסגעפּילט מיין צימער מיט קלאַנגען. די מוזיק האָט אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן ווי קלויסטער־גלעקער אין אַ שׂריפה־נאַכט. בין איך געלעגן מיט אָפענע אויגן און נאָך אַלץ ניט געוווּסט ווו כ׳געפין זיך.

ביסלעכווייז איז זיך דער גלאָקן־קלאַנג צעגאַנגען. די מוזיק־טענער זענען געצוימטער געוואָרן, שטילער.

איך האָב פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָנצוטאַפּן די ווירקלעכקייט, וואָס ריגגלט מיך אַרום. הייסט עס אַז מיין שכנה, די יונגע באַלעט־טענצערין פּרובירט אויס די מוסקלען פון איר גוף. אָבער פאַרוואָס דווקא איצט, האָב איך אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען. טאַנץ־איבונגען מאַכט זי דאָך יעדן אינדערפרי און ניט ווען זי קומט אַ מידע פון דער פאָרשטעלונג.

טאָ פאַרוואָס היינט אַזוי?

קיין פאַרענטפערונג פאַר דעם האָב איך ניט געפונען. אָבער יעדע פאַר מינוט האָב איך געפילט איבערן קאָפּ דעם ריטמישן קלאַפּ פון איר פוס.

דער טענצערינס פוס און דער ריטם פון די טענער האָבן אין מיר ווייטער געגראָבן. זיי האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער.

פלוצים האָט זיך אָפּגעטיילט פונם אָרקעסטער אַ גלאָז־דינער ניגון פון אַ קלאַרנעט, אַ געוויין וואָס דאָ איז עס שטאַרקער געוואָרן, דאָ האָט עס זיך דערווייטערט און דאָ איז עס צו מיר אַזוי נאָענט צוגעקומען, אַז איך האָב שוין ניט געוווּסט ווער עס זענען די וויינער: איך, צי דער קלאַרנעט.

אַזוי האָט אַוודאי געוויינט מיין עלטער־באָבע, ווען די קאָזאַקן האָבן ביי איר געהרגעט דעם מאַן און ביי איר צוגענומען די בענטשלייכטער, וועלכע זענען צו איר איבערגעגאַנגען בירושה און געשטאַמט האָבן זיי נאָך פון אַלט־אַמסטערדאַם.

די באָבע פלעגט אונדז קינדער אַלעמאָל פאַרציילן די מעשׂה וועגן די בענטשלייכטער: אַז די קאָזאַקן זענען אָנגעריטן און אַז זיי זענען באַפאַלן דאָס שטעטל, איז שוין לאַנג געווען נאָך ליכט־צינדן. דער רבי, דער

עלטער־זיידע, איז געזעסןביים שבתדיקן טיש און אַריינגעברומט די זמירות אין זיין נאָך קורץ און געקרויזלט בערדל.

פונם אויוון האָט זיך געטראָגן אַ ליבע וואַרעמקייט און די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן. דער לאַנגער אומרו פונם געשניצטן וואַנט־זייגער איז זיך געגאַנגען הין און הער און פון אונטערן אויוון האָבן גרילן אַרויסגעגרילט.

די ליכט אין די בענטשלייכטער זענען וואָס אַמאָל אַלץ קלענער געוואָרן. זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין, ווען די טיר האָט זיך אויפגעריסן און ס׳האָבן זיך אַ לאָז אַריין געטאָן די קאָזאַקן.

ווען זיי זענען אַוועק און ווען די עלטער־באָבע איז אַרויסגעקומען פונם אַלקער, וווּ דער מאַן אירער האָט איר באַשוואָרן און באַפוילן צו באַהאַלטן זיך, האָט זי דעם מאַן אירן, דעם יונגן רבין געפונען זיצן ביים טיש ווי פריער ווען ער האָט זמירות געזונגען. נאָר דער קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן טיש און דאָס ווייסע טישטעך האָט זיך גערויטלט. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט שערבלעך פון טעלער, צעבראָכענע גלעזער און דאָס חלה־טישטעכל פון בלאָטיקע שטיוול צעטראָטן. נאָר דער גרויסער קידוש־בעכער און די לייכטער, די אַלטע בענטשלייכטער, זענען ניט געווען.

האָט זיך די יונגע רביצין, די עלטער־באָבע אונדזערע, אַזוי מצער געווען, אַז זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט אַזויפיל געוויינט ביז די שטוב איז פול געוואָרן מיט אירע לויטערע טרערן, און ווען די שטוב איז פון די טרערן איבערגעגאַנגען, איז די יונגע רביצין, אונדזער עלטער־באָבע, געבליבן ליגן אָן כוחות און געוואַרט אויף יציאת־נשמה.

איז געשען אַ נס.

די טרערן האָבן זיך גענומען האַרטעווען, האַרטעווען און צונויפפרעסן און צונויפשמעלצן זיך און צום סוף האָבן זיך אויסגעפורמט פון זיי צוויי זילבערנע לייכטער, צוויי צעפינקלטע בענטשלייכטער וואָס זענען נאָך שענער געווען פון די וואָס די קאָזאַקן האָבן פאַרשלעפּט.

האָט אונדזער עלטער־באָבע געזען אַז „גאָטס פינגער״ שטעקט אין דעם, האָט זי זיך געשטאַרקט און אַ נייער גלוסט צום לעבן איז אין איר אַריין.

אַלעמאָל ווען די באָבע פלעגט אונדז ענדיקן דערציילן די מעשה, פלעג איך לויפן צום קאָמאָד און ברענגען דער מאַמעס שבת־לייכטער וועלכע זענען געווען אַביסל אויסגעקרימט, אַביסל אָפּגעריבן און צווישן די פאַלדן פון די זילבערנע בלעטער און פייגל האָט אַרויסגעקוקט אַ גרינלעכער שימל.

— באָבע, פלעג איך מיט חידוש און אַביסל פחד פרעגן, באָבע, זאָג! דער מאַמעס לייכטער זענען טאַקע יענע זילבערנע בענטשלייכטער פון אַמאָל, אַמאָל?!

— יאָ מיין קינד, האָט די באָבע פרום מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, דאָס זענען זיי. מען דאַרף זיי היטן, די לייכטער!

האָב איך מיט אַ ציטער געשווינד אָפּגעטראָגן די לייכטער צום קאָמאָד און בגניבה געוואָרפן צו זיי מיינע בליקן.

אַז אַ קינד פלעגט קראַנק ווערן, האָט די מאַמע אים די לייכטער צוקאָפּנס אונטערגעלייגט און דערביי געשעפּטשעט:

— אין זכות פון דער עלטער־באָבע, אין זכות פון אירע טרערן זאָלסטו געהאָלפן ווערן. און אַז די מאַמע פלעגט ליכט בענטשן און מיט אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט ס'פּנים פאַרשטעלן, פלעגט זיך מיר שטענדיק אויסדוכטן אַז פון דער מאַמעס טרערן גלייכן זיך אויס די קנייטשן פון די לייכטער און זיי טוען העלער אויפשיינען.

און אַז איינמאָל איז ניט געווען קיין ברויט אין שטוב און דער טאַטע האָט געוואָלט די לייכטער אַוועקטראָגן צום פאַרזעצן, האָט די מאַמע ניט געלאָזט:

— ניטע, טו עס ניט!

האָט דער טאַטע אַ שטומען אָבער לאַנגן קוק געגעבן אין דער מאַמעס ווינקל, האָט די מאַמע דעם קוק ניט געקענט אויסטראָגן.

שפּעטער ווען די באָבע איז געשטאָרבן און מען האָט איר אויף דער פּאָדלאָגע געלייגט און צוגעדעקט מיט איר ברוינעם מאַנטל, מיט וועלכן זי איז אין די יום־טובים אין שול אַריין געגאַנגען, אַז מען האָט איר צוגעדעקט, האָט די מאַמע די לייכטער לעבן איר קאָפּ געשטעלט און צוויי קליינע ליכטלעך אָנגעצונדן.

די באָבע וועט שוין די מעשה וועגן דער עלטער־באָבען מער ניט פאַרציילן. דער עלטער־באָבעס לייכטער זענען געשטאַנען ביי איר קאָפּ און די צוויי ליכטלעך האָבן אויסגעצאַנקט. און שפּעטער אַז מ'האָט מיין מאַמען אין די וואַגאָנעס פאַרשלעפּט, האָט די מאַמע די לייכטער מיט זיך מיטגענומען.

מער קיין נסים האָבן ניט געוואָלט פּאַסירן.

די בענטשלייכטער האָבן ניט די קראַפט געהאַט צו פאַרהיטן מיין מאַמען... — — — — — — — — — — —

דער קלאַרנעט איז צוריק אַריינגעזונקען אינעם אָרקעסטער און דער אָרקעסטער איז אומגעריכט אַנטשוויגן געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט נאָך האָט אין מיין קאָפּ געטופּעט אַ פּוס.

דער קאַרשנבוים

ס'איז מיר צו חלום געקומען דער ווילדער קאַרשנבוים, וועלכער איז געשטאַנען ביים זאַמדוועג. פון אַלטקייט האָבן זיך זיינע צווייגן אַרונטערגעלאָזט און איין צווייג האָט זיך אין דער אַנדערער פאַרפּלאָנטערט, איין צווייג האָט זיך אין דער צווייטער אַרומגעדרייט און צענויפגעפּלאָכטן. די צווייגן האָבן אָנגערירט די ערד און פון אַלטקייט זיך כמעט ווי ניט באַוועגט. פול זענען זיי געווען, די צווייגן מיט גרינע בלעטער, מיט גרינע בלעטער און מיט קאַרשן. טונקל־רויטע קאַרשן. ווען דער טוי האָט זיי געוואַשן, האָבן זיי געהאַט דעם אָנבליק פון גלאַנציקע קינדער־אויגלעך וואָס זענען אָקאָרשט אויפגעקומען פון שלאָף. און פאַרנאַכט, ווען די זון איז אויסגעגאַנגען, האָבן די קאַרשן אויסגעזען ווי פאַרגעסענע זון־שטיקלעך וועמענס רויטקייט איז געזעצט און טונקעלער געוואָרן.

כ'האָב שוין געוואָלט אַרויפקלעטערן, פאַרוועבן זיך צווישן דער צווייגן־געדיכטעניש און נעמען זיך צום רייסן די קאַרשן. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דו ביסט ניטאָ און כאָטש איך האָב געוווסט אַז ס'איז אַ חלום; כאָטש כ'האָב געפילט אַז ס'איז אַ חלום, האָב איך ניט געקענט איינגיין אַז דער חלום זאָל זיין אָן דיר. אַז כ'זאָל אַליין אויפן בוים אַרויפקלעטערן, אַז כ'זאָל אַליין די קאַרשן רייסן ניט האָבנדיק מיט וועמען אין געוועט צו גיין, ניט האָבנדיק וועמען קאַרשן־אוירינגלעך אָנצוטאָן.

האָב איך זיך אין מיין חלום אַוועקגעזעצט פאַזע דעם וועג אונטער די דיקע, אַלטע צווייגן און דיך אָפּגעוואַרט.

האָבן די קאַרשן אויפן בוים גענומען איינשרומפּן און דיך האָט מען אַלץ נאָך ניט אָנגעזען. האָבן די בלעטער איינס נאָך ס'אַנדערע גענומען אַראָפּפאַלן, און געפאַלן זענען זיי אויף מיר. אַ שיכט נאָך אַ שיכט האָבן זיי מיך באַדעקט ביז כ'בין אַ בלעטער־בערגל געוואָרן, אַ בערגל מיט צוויי אויסוואַרטנדיקע אויגן. ענדלעך האָב איך דיך דערזען. פון דעם גרויסן וואַלד, דאָרט ווו דער זאַמדיקער שליאַך גייט פאַרלאָרן, ביסטו מיר אַנטקעגנגעקומען. אָבער ביסט ניט געווען מער ווי איך — אַ קינד — נאָר דערוואַקסן, ווי דעמלט ווען מ'האָט דיך צו די וואַגאָנען פאַרשלעפּט...

האָט עס מיר ווײ געטאָן וואָס דו קומסט צו מיר אַ דערוואַקסענע שוין, אַ פרוי, און איך, אַ ייִנגל, ליג צווישן אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. ווי

אַזוי וועלן מיר רעדן צווישן זיך, ווי וועלן מיר זיך פאַרשטיין? האָב איך געטראַכט אין באַדרעגנעניש. וועסט אַפילו אויפן בוים ניט קענען אַרויפ־קריכן און איך וועל זיך שעמען דיר קאַרשן־אוירינגלעך אָנצוטאָן.

אַ גרויסער צער האָט צעברענט מיינע אויגן און הענט בעת דו האָסט זיך דערנענטערט. דיינע האָר זענען צעלאָזן געווען. האָסט אויסגעזען ווי אַ קאַרשנבוים. כ׳האָב פאַר פרייד פאַרגעסן אַז איך בין אַ קליין יינגל פאַרבליבן און דיך זע איך אַ פרוי שוין, אַ דערוואַקסענע, און אַז אויך די קאַרשן האָבן זיך אָפּגעזוכט.

כ׳האָב געוואָלט אויפשפרינגען, צולויפן צו דיר. האָבן די בלעטער ניט געלאָזן. אַ געפּאַנגענער בין איך געלעגן צווישן זיי. די בלעטער זענען האַרט און שאַרף געוואָרן. יעדער באַוועג האָט מיר אַ שניט געלאָזן אין מיין לייב. האָב איך אַ באַנומענער צעשריען זיך:

— קום אַהער! דאָ בין איך, קום אַהער, צינד אונטער די בלעטער! —

אָבער דו, דו האָסט זיך אַפילו ניט פאַרהאַלטן. דו ביסט ווי אַ בוים וואָס האָט זיך פון די וואָרצלען באַפרייט, ווייטער געגאַנגען.

אַמאָל איז געווען אַ הונט

אמאָל איז געווען אַ הונט.

אַ הונט מיט ווייס־שוואַרצע פלעקן, מיט אַ קורצן עק, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן.

אַ הונט ווי טויזנט אַנדערע הינט.

איז אים געווען שלעכט אָדער ער איז געווען הונגעריק — האָט ער געבילט. איז אים געווען גוט, איז ער געווען זאַט — האָט ער פריילעך געדרייט מיט זיין קורצן עק.

אַ הונט ווי טויזנט אַנדערע הינט.

האָט אַן אויטאָ אים איבערגעפאָרן, איז דער הונט געבליבן ליגן אינמיטן גאַס. קיינער האָט ניט געשריען, קיינער האָט ניט געוויינט. מען האָט אים אַפילו אין אַ זייט ניט אַוועקגעשלעפּט.

איז ער געלעגן אינמיטן גאַס אין אַ לוזשע בלוט און רעדער זענען געפאָרן אַהין און רעדער זענען געפאָרן צוריק, דער הונט איז אַלץ געלעגן. יעדעס ראָד האָט מיטגענומען אַ ביסל בלוט, יעדעס ראָד האָט פאַרווישט אַ טראָפּן בלוט, ביז ס'איז קיין שפּור ניט פאַרבליבן פונם רויטן פלעק.

און רעדער זענען געפאָרן אַהין און רעדער זענען געפאָרן צוריק. האָבן רעדער דעם הונטס קאָפּ געפּרעסט, האָבן רעדער דעם הונטס פיס געדריקט און רעדער האָבן איבערן הונטס בויך זיך געוואַלגערט. האָט דער הונט געגנומען איינשרומפּן. צוערשט געוואָרן ווי אַ לעבל ברויט. דערנאָך ווי אַ ברייטער טעלער. שפּעטער האָט ער שוין אויסגעזען ווי אַ לאַנג און פלאַטשיק ברעט. און אין אָוונט, ווען דאָס לעצטע ראָד איז איבער אים אַדורך, האָט ער שוין ווי קיין ברויט ניט אויסגעזען, צו קיין טעלער שוין אויך ניט ענלעך געווען און פון קיין ברעט האָט ער ניט געהאַט דעם אָנבליק. אַ גלאַטיקער אַספאַלט האָט זיך געצייכנט.

אַמאָל איז געווען אַ הונט...

רוסלאנד

די באַן

דריי טעג שוין ווי עס שנייט. דריי טעג ווי דער פראָסט האָט געפּלאַצט און ס'האָט גענומען שיטן אַ געדיכטער שניי. די שויבן האָבן אַביסל נאָכגעלאָזט, טראָפּנס צעלאָזן אייז האָבן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ־געגליטשט, באַפרייענדיק שטיקער שויבן פון זייער ווייס־זילבערנעם פּאַנצער. נאָר די ראַנדן זענען געבליבן אומבאַרירט. די דיקע אַייז־בעלמע האָט מיט שאַרף־שפּיזיקע צונגען זיך געצויגן צו דער מיט און געדראָט זיי צו פאַרשלינגען. און פון יענער זייט פענצטער האָט דער שניי געשיט און געשיט.

צוויי פּאָר קרענקלעך־גליענדע אויגן האָבן דורך די שטיקער אָפּגעטייעטע שויבן זיך צוגעקוקט צו דעם שטילן, אומאויפהערלעכן שנייפאַל. פאַרנאַכטלעכע שאָטנס האָבן אָנגעהויבן פויזן און זיך פאַנאַנדער־שפּרייטן איבער די פרישע, פוכיקע שניי־בערגלעך, איבערן פאַרשאָטענעם וועגל, וואָס האָט געפירט צום ברונעם, און דער ברונעם אַליין, שוין אין האַלב־שאָטן, האָט באַקומען אַ מאָדנעם, אומהיימלעכן אויסזען. דער פריש־אָנגעשאָטענער שניי האָט פאַרווישט זיינע קאַנטיקע קאָנטורן און פאַרוואַנדלט אין אַ קיילעכיקן־ניט־קיילעכיקן, צעקרימטן גוף. די קייט האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט, סקריפּנדיק דערביי און קרעכצנדיק ווי יעדער באַוועג וואָלט ווײ געטאָן, און דער עמער, באַהאַנגען מיט אייז־צויטן, האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון עפּעס אַן אויסטערליש באַשעפעניש... די אַרומיקע יאָדלעס האָבן דערשראָקענע צעשפּרייט זייערע אָרעמס און אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן, לאָזנדיק זיך פאַרהילן פון שניי אין אַן אַלץ געדיכטערן שלייער...

פון יענער זייט פענצטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער פאָרהאַנג, ערגעץ נאָענט האָט אַ הונט זיך צעוואָיעט, אַ ביל געטאָן, אויפגעהערט און דאַן זיך פאַרגאַנגען אין לאַנג־דויערנדיקע היַנטישע ספּאַזמען, ווי ער וואָלט באַדויערט עפּעס וואָס איז אַוועק און וועט זיך מער ניט אומקערן, אָדער ווי פאַר עפּעס זיך געשראָקן, פאַר „עפּעס" וואָס קומט, וואַקסט און צעוואַקסט זיך אַלץ גרעסער, אַלץ שטאַרקער און וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן איז ניטאָ...

ערשט איצט האָבן זיך די צוויי ברעמען שווער אַראָפּגעלאָזט און אין

דער פינצטערקייט פונם שטיבל האָבן זיך צעטראָגן שטילע ווערטער, באַגלייט פון שווערן, במעט כריפּנדיקן אָטעם. „אַזויפיל שניי, אַזויפיל! אַלע ווענן וועלן פאַרשאָטן ווערן. פון וואַנען נעמט זיך עס אַזויפיל? איך וועל דאָך אויך פאַרשאָטן ווערן!?...

די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן. אַ קאַלטער לופט־שטראָם האָט זיך געגעבן אַ ריס אַריין דורכן פּאָדער־הייזל און אַרומגענומען דאָס ליגנדע בינטל ביינער. ס'האָבן זיך דערהערט שאַרנדיק—זקנהשע טריט, אַ בולגען פון גיסנדיקן נאַפט, אַ לאַנג רייבן פון שוועבעלעך, און ענדלעך האָט אַ בלישטש געטאָן אַ שוואַך־געלבלעכער שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ מין טעצל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ דראָט פונם סופיט. דאָס טעצל מיטן נאַפט־לאָמפּ האָט זיך נאָך לאַנג, לאַנג געוויגט, וואַרפנדיק ציטערדיק־שאָטנדיקע קרייזן אויף די הילצערנע באַלקן־ווענט, אויפן אויסגעבליאַקעוועטן בילד פון דער הייליקער מאַריע, וואָס אין ווינקל שטוב, און אויפן קראַנקן וואָס איז געלעגן.

— „ליאָווע, וואָס איז מיט אייך, איר האָט דאָס ביסל מילך ניט אָנגערירט״ — האָט אויסגערופן די מומע יעקאַטערינאַ, אַ עלטערע פרוי מיט איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיק־לאַנגע הענט.

— „ליאָווע, איר בענקט נאָך דעם פרילינג, און אייערע, די פּוילישע יידן, קלייבן זיך צוריקצופאָרן אַהיים און איר עסט גאָרניט. ווי וועט איר זיך קענען לאָזן אין אַזאַ וועג אַריין? זאָגט!״

ליאָווע האָט ניט געענטפערט. די מומע יעקאַטערינאַ האָט זיך דערנענטערט, אָנגעבויגן און זיך צוגעהערט צו זיין כאָרכלענדיקן אָטעם. ער האָט מיט זיין ברענענדיקן בליק געזוכט אירע גראָ־מידע אויגן, אָבער זי האָט אויסגעמיטן זיין בליק. אַביסל אָוועקגעשאַרט די קאָלדרע, זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און גענומען אים דערציילן, אַז דער אַלטער פּראָקאָפּעי זאָגט פאָרויס: הייאָר וועט זיך שטעלן אַ פריער פרילינג, און ווי שיין עס איז ווען דער פרילינג קומט, ווי הילכיק די וואַסערלעך רוישן פון דעם צעלאָזענעם שניי, ווי די זון גיט דעם ערשטן ברי, ווי די קאַץ פרייט זיך דאָס אויפן דעכל פון פּאָדער־הייזל, ווי זשאַבעס נעמען קוואַקען...

ליאָווע שווייגט.

— „יאָ, מען שמועסט אַז אונדזערע גייען שוין צו זייער אומריינעם בערלין און אין קורצן וועט שוין זיין אויס מלחמה. מען וועט ערשט אָפּעטעמען, אויסגלייכן די ביינער און עסן צו דער זעט. מען דערציילט, אַז אין קורצן וועט מען קריגן ברויט אָן קאַרטן״...

ליאָווע שווייגט.

די מומע יעקאַטערינאַ שטייט אויף, רוקט אַרויס פון אויוון אַ טאָפּ הייס וואַסער. — „ניט גוט מיט אים. ווער ווייס, וואָס קען געשען? אוי, באַטיושקאַ, אַזוי איינזאַם צו זיין! מ׳דאַרף צוויסן־טאָן זייניקע דאָרט, די פּאַליאַקן. ער וועט ביז פרילינג ניט דערציען״...

—„מומע יעקאַטערינאַ, דער שניי וועט מיך פאַרשיטן; זעט, ווי ער פאַלט. איך וועל שוין קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין צודעק״. זיין שטים האָט זיך אויסגעלאָשן פון פּלוצעמדיקן אויסברוך, איבערגעגאַנגען אין אַ שווער פייפנדיקן שעפּטשען: — „אַזויפיל שניי, אַזויפיל!..״

די מומע יעקאַטערינאַ האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר אַ דערשראָק־קענעם בליק געוואָרפן צום ווינקל ווו ס׳העגנגט דאָס קאָלירלאָזע בילד פון דער הייליקער... זי איז צוגעגאַנגען, גלייך געמאַכט דאָס קישן, געפּרוווט אים אַריינגיסן אַביסל מילך צווישן די בלאָע ליפּן, און אַז ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט, — האָט זי אים געבעטן באַמיען זיך איינצושלאָפן, און מיטנעמענדיק דאָס נאַפט־לעמפּל, איז זי אַריבערגעגאַנגען אין צווייטן צימער, טוענדיק אַ באַהאַלטענעם זיפץ.

אין צימער איז פינצטער געוואָרן. אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין געדיכטן, שוואַרצן קנויל.

ליאָווען איז עפּעס שווערער געוואָרן צו אָטעמען. ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן, אַראָפּקריכן — און זיך שטאַרק צעהוסט. ער האָט פאַמעלעך אויסגעשפּיגן, צעעפנענדיק ניט גערן די ליפּן. מיט יעדן ביסל שפּייעכץ טריפט אויס זיין לעבן, ער ווייס עס, ער פילט עס. ווען ליאָוועס האָט מיט דריי חדשים צוריק באַמערקט ביים אויסשפּייען דאָס רויטע פינטעלע, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער געהאַרכזאַם ווי אַ קינד געטאָן אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסן. נאָר ווייטער ליגן אין ראַיאָן־שפּיטאָל האָט ער ניט געוואָלט. דער גרויסער, קאַלטער זאַל האָט אויף אים אָן אימה אָנגעוואָרפן. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן, ווי מען קומט צו די קראַנקע. אין אַזאַ טאָג פלעגט זיך די היץ ביי אים פאַרגרעסערן. עפּעס איינמאָל איז צו אים געקומען דער זאַווקאָם־סעקרעטאַר פונם קוילן־גרוב. האָט ליאָווע צו אים געקוקט מיט אָנגעכמורעטע בליקן און אַפילו ניט געענטפערט אויף די פילצאַליקע פראַגן. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פרייז צוריק צו זיין באַלעבאָסטע — „די מומע יעקאַטערינאַ.״ דאָ שטיקט אים. כמעט יעדן טאָג באַפרייט זיך אַ בעט, און ער וויל לעבן, ער וויל ביז פרילינג אויסהאַלטן און צוריקפאָרן, פאַר יעדן פרייז צוריקפאָרן. ליאָווע גלייבט נאַאיוו, אַז קוים וועט ער דערציען ביז די ערשטע זון־שטראַלן, צום ערשטן גרין־ווערנדיקן צווייגל, — וועט ער שוין בלייבן לעבן.

ביי דער „מומען״ איז פאַרט היימישער, וואַרעמער. די אויסגעקאַלכטע

באַלקאָן־װענט, דער הענגענדיקער נאַפט־לאָמפּ, דער אַלטמאָדישער גריז־באַפּאַרבטער קאַסטן מיט געשניצטע בלומען און איבער אים דער געל־געוואָרענער פּאָרטרעט פון דער „מומעס" מאַן — דער ניקאָלאַיעװסקער סאָלדאַט. ער איז שוין צו דעם צוגעוווינט, אַפילו די פוילע קאַץ, וואָס וויל ניט אַראָפּקריכן פונם אויוון, פעלט אים. בלויז דאָס בילד פון דער הייליקער... אָבער ער וויל איר, דער „מומען", ניט פאַרשאַפן קיין קרענקונג. זי ווייזט צו אים אַרויס אַזויפיל הארץ. אַן איינזאַמע, ווי ער. די קינדער — זיך צעפאָרן און זי מוז נאָך גיין פאַרדינען איר שטיקל ברויט...

אַממייסטן אָבער ציט ליאָװען צוריק די באַן, וואָס לויפט פאַרביי די שטוב פון דער מומע יעקאַטערינאַ. פריער, ווען ער איז געזונט געווען, האָט ער געקריצט מיט די ציין, ווען עס פלעגט אים אינמיטן נאַכט אויפוועקן דאָס טראַסקעריי פון רעדער־געלויף און דער שניידנדיקער פייף פון לאָקאָמאָטיוו. פון אויפרעגונג האָט ער שעהן לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן און צו דער אַרבעט אין קוילן־גרוב אָפט געגאַנגען מיט קאָפּ־ווייטיק. ער האָט שוין געהאַט עטלעכע מאָל באַשלאָסן איבערצוקלייבן זיך, איז אים אָבער געווען אַ שאָד די „מומע". און איצט, איצט בענקט ער נאָך די דורכלויפנדע באַנען... אַט שוין דריי טעג פון שפּיטאָל אַרויס, שוין דריי טעג ווי ער ליגט אין שטיבל אויף זיין בעט, דריי טעג און אין דרויסן שיט אַ שניי. די בלענדנדע ווייסקייט פון יענער זייט פענצטער שרעקט אים, עס דוכט זיך, אַז די ווייסקייט רוקט זיך אָן און וויל אים פאַרשלינגען. אויך די ווייס־געקאַלכטע באַלקאָן־װענט זענען שנייבערג געוואָרן און דערנענטערן זיך, ס'ווערט ענגער, ס'ווערט ענגער...

נעכטן איז די קאַץ אַראָפּ פונם אויוון און זיך אַוועקגעלייגט לעבן אים. ער האָט זי געגלעט, און גלעטנדיק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט, וואָס איז געווען דאַר, לאַנג און... ווייס. ער האָט זי געשווינד אַרונטערגעכאַפּט אונטערן דעק.

און איצט איז נאַכט. אין צווייטן צימער קלאַפּט דער וואַנט־זייגער. דאָס בעטל האָט אַ קרעכץ געטאָן — די אַלטע האָט זיך אַוועקגעלייגט. באַלד וועט זיך צעטראָגן איר שווערער אָטעם, באַלד וועט זי אָנהייבן רעדן פונם שלאָף און דערנאָך שרייען און וויינען. ליאָווע קען עס שוין פון אויסווייניק. אַ גריל האָט אונטערן סופיט,ביים אויוון, אָנגעהויבן פאַרעקשנט זעגן די לופט.

נאָך אַביסל און די באַן, דער שנעל־צוג סווערדלאָווסק־מאָסקווע, וועט אָנלויפן אַ פאַרסאַפּעטער, אַ פאַראייזטער, מיט טויזנטער פייערלעך. זיי וועלן זיך ווי שדים אַריינרייסן אין שטיבל, אַדורכבלעגדן דעם סופיט, דאָס בעטל, זיין ביינערדיק געזיכט און אַוועקגאַלאָפּירן העט ווייט...

ליאָווע ווייס אַליין ניט, נאָר אַלעמאָל, ווען דער טומל פון די רעדער, די וואַגאָנען־ליכטער און דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו פאַרשווינדן, אַנטלויפן אין דער ווייטער ווייטקייט אַריין, — טוט אים באַנג, אין האַרצן קלעמט, אָבער דאָך וואַרט ער.

ליאָווע קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן זיין איצטיק לעבן אָן דורכשוועבנדע באַנען. ווען ער איז געזינטער געווען און געקענט אַרויסגיין, פלעגט ער זיך דערנענטערן צו די רעלסן. זיי האָבן געפינקלט, אויסגעשייערטע פון רעדער און פראָסט, אַנטקעגן דער ווינטער־זון מיט עפּעס אַ ספּעציעלן קאָליר. און אַז פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ קליין, דין רויכעלע, האָבן זיך זיינע אויגן ברייט אויפגעריסן און ס׳מויל האַלב צעעפנט; ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן אַ האַנט און נאָככאָפּן, אָבער פון גרויס איבערלעבונג איז די האַנט געבליבן הענגען אין דער לופטן. די פינגער האָבן יאָ געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען, אָבער צום סוף איז די האַנט אַראָפּגעפאַלן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל...

און איצט קאָן ער שוין מער ניט אַרויסגיין אָנקוקן די רעלסן, וואָס אַנטלויפן צום ראַנד דאָרט, צו די געדיכט־פאַרשנייטע וועלדער. איצט וואַרט ער דער צוג זאָל אָנקומען, אַדורכפלאַטערן, אַריינשליידערן אַ בינטל ליכט, באַלד צוריקכאַפּן און עס אַוועקטראָגן... ליאָווע דענערווירט זיך, שוויס באַדעקט זיין געזיכט. ער ווייס, אַז ס׳איז נאָך צייט, אָבער אים דוכט זיך, אַז היינט וועט דער צוג אין גאַנצן דורך דאַנען ניט אַדורכגיין. ער האָט בכיוון אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, ניט וועלנדיק ליאָווען שענקען דאָס ביסעלע טומל און דעם פייף.

— דער צוג מוז דורכפאָרן!

די ברונעם־קייט מיטן עמער קרעכצט אַזוי, אַז ס׳איז אוממעגלעך איינצוליגן, און דער זייגער האָט זיך צעווילדעוועט, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. וואָס טוט זיך דאָ? זע נאָר, ווי די גריל מיט דער קאַץ און הונט פון דרויסן האָבן זיך צונויפגערעדט און זיך צעשריגן. וואָס איז דאָ? וואָס איז?! פאַרוואָס קומט נאָך ניט דער צוג? פאַרוואָס פאַרהילכט ער ניט דעם קאַצן־יאָמער, פאַר־וואָאָס!

זיינע הענט רייסן די דעק, דאָס פּנים גיסט זיך אָן מיט רויטקייט און ער פאַרגייט זיך אין אַ לאַנגן הוסט.

ענדלעך דערטראָגט זיך פון דערווייטנס אַ שאָרכן. דאָס שאָרכן קייקלט זיך אַריין אין אַ שטום־טעמפּן קלאַפּ; אַ שאַרפער פייף. דער וואַלד ענטפערט אָפּ מיט טויזנטער פייפלעך און דאַן — אַ ריטמיש־רעגלמעסיקע טראַסקעריי. ס׳דערנענטערט זיך, ס׳דערנענטערט זיך. באַלויכטענע שויבן טאַנצן דורך, נאָך אַ ווייל, נאָך אַ ווייל, אויס.

שטיל. —

די קייט מיטן עמער סקריפּעט ווידער, די גריל זעגט און דער זייגער קלאַפּט.

ליאָוועס קאָפּ ליגט אָנמעכטיק אויפֿן קישן, די אויסגעלאָשן־גלייבגילטיקע בליקן בלאָנקען־אום איבער די שטיקער אויפֿגעטייעטע שויבן.

און אין דרויסן פֿאַלט דער שניי און פֿאַלט...

איך וועל אויך פֿאָרן...

ס'איז שוין געווען טיפֿער האַרבסט. ווינטן האָבן פֿון אַלע זייטן געריסן דעם שוואַכן באַראַק, און רעגנס האָבן געפּליצט אָן אויפֿהער. די גאַנצע ערד איז געווען איין טייג, וואָס פֿיס האָבן ניט געקענט דערקנעטן. אָנבלעטערדיקע ביימער האָבן מיט די צווייגן געפּאָכעט צו דער אָנגעשוואָלענער ערד, דער־ביי האָט די אַדורכגעווייקטע קאָרע געגומען ערטערווייז זיך שיילן און אַראָפּפֿאַלן.

אין יענע טעג זענען זיי געקומען, די פּויערים. ס'איז שוין געווען האַלב־פֿינצטער. אין לאַנגן, אומהיימלעכן קאָרידאָר פֿונם באַראַק זענען זיי דערנאָך געזעסן, אויף זייערע קלומעקעס און קעסטלעך, אַביסל מידלעכע און צעטומלטע. זיי זענען געזעסן, געוואַרט, פֿאַררוקט אונטער די ברייט־האָריקע מאַנטלען, וואָס פֿון זיי האָבן זיך געטראָגן פֿרעמדע ריחות און מיט די אויגן פֿאָרשעריש זיך אַריינגעגראָבן אין דער האַלב־טונקלקייט. ענדלעך האָט מען זיי פֿאַנאַנדערגעטיילט אין די צימערן.

אויף זעליגס צימער איז ניט אויסגעפֿאַלן קיין איינער. זעליג, אַזוי ווי זיינע איבעריקע שכנים, האָט זיך פֿון דעם ניט איבערגענומען, כאָטש אין די בוקאָווינער פּויערים, אין די הויכע קוטשמעס און אויסגענייטע פֿאַסן אויף די לענדן, איז ער יאָ געווען פֿאַראינטערעסירט. אַז מען וויל, איז עס געווען מער ווי דאָס. ער האָט זיי געזען גיין צו דער אַרבעט און אַהיים. יעדער מאָל איז אים דער בליק אומעטיקער געוואָרן, לאַנג בלאָנדזשענדיק איבער זייערע קליידער...

גאָר אומגעריכט האָט מען צו זיי אַריינגעשטעלט נאָך אַן אייזערן בעטל און ניט דרייסט איז אויסגעוואַקסן אויף זייער שוועל סאַווין. אַ הויכער ברייטפּלייציקער פּויער מיט אַ שיטער בערדל און קלוגע אויגן. ער איז לאַנג געשטאַנען מיטן בלעכענעם קעסטל אין די גרויסע אויס־געהאָרעוועטע הענט. די רוסן פֿון זעליגס צימער האָבן נאָר איין בליק געוואָרפֿן אויף אים, באַלד צוריקגעדרייט די קעפּ און ווייטער גענומען שפּילן אין קאָרטן, וואָס האָבן גיכער אויסגעזען ווי שטיקלעך שמוציקע שמאַטקעס. בלויז זעליג איז אים אַנטקעגנגעקומען, טראָגנדיק אויף די ליפּן אַ פֿריינדלעכן שמייכל.

מאָדנע איז ער געווען דער סאַווין, און מאָדנע איז געווען זיין

פריינדשאַפט צו זעליגן. די מיטגעקומענע לאַנדסלייט האָט ער אויסגעמיטן, כמעט מיט פּאַראַכטונג ווען זיי גערעדט.

— שטוביקע מייז — פלעגט ער דורך די געלע, גרויסע ציין אַדורכ־זייען, אַנווייזנדיק זעליגן אין זייער זייט. זעליג האָט אַרויסגעפילט, אַז עפּעס קאָכט דאָרט אין די טיפענישן ביי סאַווינען, עפּעס זידט דאָרט. כאָטש זיינע ליפּן זענען שטום געווען, האָבן די אויגן פאַרראַטן. מאָדנע פייערלעך האָבן זיך אין זיי געצונדן און געלאָשן.

זעליג האָט קיין טעות ניט געהאַט. סאַווין איז געווען אַן אומרו. אים האָט געצויגן צו זיין היים, צו זיינע בערג, צו דער גאָלדענער ביסטריצע, אויף איר אימפּעטדיק־שוימיקן רוקן האָט ער געיאָגט געהילץ.

— ברודערקע, וועסט קיינמאָל ניט פאַרשטיין וואָס עס הייסט בענקען! — האָט ער איינמאָל אויסגערופן.

זעליג האָט ליב זיינע שילדערונגען וועגן דער ביסטריצע: טעג אויף טראַטוועס, געהילץ וואָס שמעקט מיט זשיוויצע, ווינטן וואָס קריגן זיך אַרונטער אונטערן העמד, בלאָזן עס אָן און קילן די האַריקע ברוסט, וועגן די בערג וואָס לויפן נאָך דעם צעווילדעוועטן אַראָפּגאַנג פונם טייך, וואָס זאַפּן איין און שיקן צוריק אין טויזנטער ווידערקלאַנגען די אַלע ניגונים וואָס זיי האָבן פירנדיק די טראַטוועס אויסגעזונגען. סאַווין דער־ציילט, ביין, ניט ער דערציילט נאָר ווינט־אויס פאַר זעליגן די פאַרבראַכטע נעכט ביים ברעג פון דער ביסטריצע. דאָס קאָכן מאַמעליגע אין אַ גרויסן טאָפּ אין דער פאָרם פון אַ זעלנער־קאַסקע, אויף דריי דרענגלעך אויפגעהאַנגען, און צווישן די דרענגלעך האָט אַ שייטער געפלאַקערט פאַרקאָפּטשענדיק דעם טאָפּ אַלץ מער און מער. שפּעטער האָט מען די מאַמע־ליגע מיט ברינזע פאַרביסן, און דער אָקאָוויט! אַך נעכט געווען, נעכט... זעליג הערט, ער וואָלט אויך זיינע טרוימען אַוועקגעלאָזט אויף אַ טייך אַ סך אַ געלאַסענעם ווי די ביסטריצע, אַ סך אַ ברייטערן ווי די ביסטריצע — אויף דער ווייסל... אָבער ער טוט עס ניט, ער דערשטיקט דעם טרוים נאָך איידער ער באַוויזט אַ פלאַטער צו טאָן...

סאַווין איז געווען אַנדערש ווי די איבעריקע פּויערים. אים האָט פון אייביק אָן געצויגן אין דער וועלט אַריין. מע קען ניט זאָגן, די ערד האָט ער אויך ליב געהאַט, אָבער נאָך שטאַרקער די גאָלדענע ביסטריצע, וואָס אויף אירע וואַסערן האָט ער ניט איין יאָר פון זיין יוגנט פאַרשוווּמען.

וויפל דאָס ווייב האָט זיך ניט געבעטן, האָט זי גאָרניט געקענט אויפטאָן. איבער די וואַסערן פון דער ביסטריצע יאָגן זיך קלעצער ווי טשערעדעס שעפּסן. דאָס וואַסער שוימט זיך, בלעזלט זיך, מע רויכערט

לולקעס, מע פֿאַרצוקט גאַנצע ברויטן, מע זינגט לידער און מע טרייבט דאָס געהילץ העט, העט אַראָפּ...

ביין, דאָס ווייב האָט גאָרניט געקענט אויפֿטאָן.

זעליג ווערט שטענדיק מיטגעריסן פֿון סאַווינס ברען. ווי אַזוי די ווערטער פֿליען אַרויס פֿון זיין מויל בשעת ער מאָלט פֿאַר אים יענע טעג און נעכט ביים טייך. אַ צווייטער סאַווין זיצט פֿאַר אים, אַ צווייטער סאַווין פֿלאַטערט מיט די הענט, וואַרפֿט דעם קאָפּ און יעדער אבר נעמט אַנטייל אין די שילדערונגען.

לעשן זיך אויס די רייד, נידערט צוריק אַראָפּ דער ערשטער סאַווין, דער שווייגנדיקער און שוין קען מען ניט דערקענען אין אָט די הענט, וואָס ליגן אומבאַוועגלעך און שווער אויף זיינע קני, אַז מיט עטלעכע מינוט צוריק זענען זיי געוועזן צוויי ווילדע פֿייגל, וואָס ווילן זיך באַפֿרייען פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער נעץ און אַוועקפֿלאַטערן...

זעליג האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען דעם ביטול וואָס סאַווין טראָגט צו זיינע לאַנדסלייט. זייער איינגעזעסנקייט און אויפֿטרייסלונגען, און פּאַסירונגען, איז פֿאַר אים ניט געווען צו באַגרייפֿן. מיטן זעלבן האָבן אים אָפּגעצאָלט די פּויערים. פֿאַר זיי איז ער געווען אַן אָפּטריניקער, עפּעס אַ גילגול פֿון אַ בייזן רוח, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַ פּויער און מאַניעט אים אַוועק זיך צו וואַלגערן איבערן לאַנד און פֿאַרלאָזן די שפּייזערין — די ערד.

***

זעלטענער זענען געוואָרן סאַווינס אויסברוכן.

זינט ער איז אַהערגעקומען אויפֿן אוראַל, צוזאַמען מיט די אַנדערע פּויערים מאָביליזירטע צו אַרבעטן אין דער מלחמה־פֿאַבריק, זינט דעמלט איז ניט קיין גאַנץ האַלב יאָר פֿאַריבער, אָבער זעליגן דוכט זיך אַז ער קען סאַווינען שוין יאָרנלאַנג. און ווען ער זעט ביינאַכט, פֿאַרן שלאָפֿן גיין, ווי סאַווין קניט, זאָגט תּפֿילה און דערביי קלאַפּט ער זיך מיט דער האַרטער פּויסט אין האַרצן אַריין, ווי אַ ייד על חטא, ווערט ער זעליגן נאָך נענטער. שטענדיק בינדט זיך דאָס קלאַפּן מיט די קינדער־יאָרן, מיט אַ האַלב־טונקעלער שול און מיט יידן אין טליתים... איין זאַך חידושט זעליגן — פֿון וואַנען נעמט זיך צו סאַווינען אָט דער מנהג...

סאַווין גייט לעצטנס אַרום אַ געצוימטער. ווען ער דערפֿילט אָבער, אַז זיינע לאַנדסלייט באַקומען אַ בריוו פֿון דער היים, דעמלט ווערט ער שטאַרק פֿאַרלאָרן און אין צערייצטן צושטאַנד וואַלגערט ער זיך אויפֿן בעטל אָדער שפּרייזט מיט גיכע טריט איבער דער לענג פֿון צימער, אויסוואַרטנדיק זיי זאָלן זיך צונויפֿזאַמלען און איבערליייענען, מיט מי און מאַטערניש, דאָס

געשריבענע. אַזוי האָבן זיך די פּויערים נוהג געווען מיט יעדן בריוו, — צוזאַמען לייענען, דערנאָך לאַנגע שעהן אַרומרעדן און אויסטייטשן די געבראַכטע נייסן וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פונם שטיקל צעקנייטשטן פּאַפּיר מיט אומגעלומפּערט־גרויסע און אויסגעקרימטע אותיות.

די פּויערים האָבן זיך געהיצט. יעדער ווײַלע איז אַ צווייטער אויפגעשפּרונגען פון אומגעדולד, געלאָפן צו דעם פּויער וואָס האָט, מיט אַ נאַסן שטערן און מיט צונויפגעצויגענע אויגן פון אָנשטרענגונג, באַמיט דעם אָנהייב וואָרט דערציען צום סוף און דאָס איז אים ניט גרינגער אָנגעקומען ווי דאָס שלעפּן אײַזערנע שינעס אין פאַבריק.

— דאָס גע־גע־גער...

— דאָס גערשט! — האָבן אים עטלעכע פאַרצווייפלטע שטימען פּרובירט צוהעלפן. דער פּויער האָט אויף אַ ווײַל איבערגעריסן דאָס לייענען און מיט אַ בעטנדיקן בליק איבערגעפירט איבערן קרײַזל.

— ברידערלעך, לאָזט מיך, כ'בעט אײַך, לאָזט!

— און ווייטער פאַרגראָבן דעם קאָפּ אינם שטיקל פּאַפּיר, די אויגן האָבן ווידער מיט הונדערטער קנייטשלעך זיך צונויפגעצויגן.

— דאָס גע־רע־טע־ניש...

סאַווין אַליין, כאָטש ער האָט יאָ געקענט לייענען און שרייבן, האָט קיין בריוו ניט אַהיימגעשיקט. אָבער לויפן און אונטערהערן, אָן אומגעזועע־נער, ביי דער טיר — דאָס יאָ. ער איז אויף זיך דערפאַר בייז, שטאַרק בייז געווען און זיך צוגעזאָגט, אַז שויך, מער וועט ער אַזאַ נאַרישקייט ניט טאָן און יעדן מאָל דעם צוזאָג געבראָכן...

די פּויערים, ניט ווויסנדיק אַז סאַווין הערט זיך אונטער, זענען אויף אים נאָך מער בייז געווען און געמורמלט צווישן זיך.

איינער פון זיי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן סאַווינס גלייכגילט צו דער היים, האָט ער אים איינמאָל אָפּגעשטעלט און מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט, דיין פרוי און קינדער פרעגן זיך נאָך אויף דיר, פאַרוואָס שרייבסטו ניט? —

סאַווין האָט אויסגעמיטן זיין בליק.

— יאָ, ביסט גערעכט, טאַקע פאַרוואָס?..

***

ס'איז היינט אַ גערודער אין באַראַק. איינער פון די פּויערים — פּאַוועליוק — פאָרט אַהיים.

אין דעם קנאַפּן יאָר וואָס די פויערים געפינען זיך דאָ האָט פּאַוועליוק באַוויזן אָפּצוגעבן אַ העלפט פון זיין געזונט ביי די אויוונס וואָס קאָכן שטאָל. ער איז אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרן, אַז די הענט זענען קיין הענט שוין ניט געווען און די פיס פון דעם מינדסטן בלאָז ברעכן זיך.

ווען פּאַוועליוק האָט אין איינעם אַ טאָג געבראַכט דאָס באַפרייאונגס־צעטל פונם דאָקטאָר, האָט עס יעדערן פון זיי אויפגערודערט. אין די עטלעכע טעג, וואָס זענען נאָך געבליבן ביז זיין אָפּפאָרן, האָבן די פויערים אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס אין אים, אַפילו צערטלעכקייט. יעדערער האָט אים מיט עפּעס געוואָלט באַהילפיק זיין, יעדערער האָט אים עפּעס מיטגעבראַכט צו עסן.

און היינט פאָרט ער.

קיין גרויסע געפּעק האָט פּאַוועליוק ניט. זיין מאָגער שמוציק זעקל קען אַפילו אַ קינד נעמען, אָבער דאָך איז דער שטערן פאַרשוויצט, די אויגן פינטלען אומבאַהאָלפן און די לאַנגע שפּיצן פון די גראָע וואָנצן, וואָס ביי די ראַנדן זענען זיי געל פון דער מאַכאָרקע, ציטערן. קיין פּעק האָט ער ניט, פּאַוועליוק, צו פאַרפּאַקן, נאָר ווי קען דאָס זיין מוח פאַרנעמען אַזויפיל אָנזאָגעכצער, וואָס די פויערים גיבן אים מיט. חוץ די בריוולעך האָט נאָך יעדערער אַ גאַנצן באַגאַזש ווערטער, וואָס פּאַוועליוק באַמיט זיך איינצוחזרן. און וואָס מער ער פרעגט איבער, אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט ער און מישט צונויף איינס מיט ס'אַנדערע. אָבער די פויערים באַמערקן עס גאָרניט און זיי רעדן אָן אויפהער אין אים אַריין. מע מאַכט מיט די הענט, מע כאַפּט אים יעדער ווײַלע ביים אַרבל, מע רייסט אים ביים אַרויסגעלאָזענעם העמד. עס איז שוין ניט קיין רייד, ס'מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ זשאַבע־קוואַקעריי אין אַ הייסער זומער־נאַכט. און פון דעם אַלעם רינט נאָך שטאַרקער פון פּאַוועליוקס שטערן, און די וואָנצן־שפּיצן — ניט זיי ציטערן, נאָר זיי וואַרפן זיך. אומגעריכט באַווייזט זיך סאַווין. די פויערים שטילן זיך איין. פּאַוועליוק ווישט זיך מיטן ברעג העמד דאָס פּנים און אָטעמט לייכטער אָפּ. נאָר אַז סאַווין זעצט זיך אַ שווייגנדיקער אַוועק, פאַרגעסן באַלד די פויערים אָן אים און נעמען זיך ווידער צו פּאַוועליוקן, וואָס זוכט אַנטרינונג מיט די קליינע וואַסערדיקע אויגן. סאַווין איז דערווייל געזעסן און שטאַרק אין עפּעס אַריינגעטראַכט. געביסן די אונטערשטע ליפּ מיט די גרויסע, געלע ציין און געצופּט האָר פונם שיטערן בערדל. ווען פּאַוועליוק האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין צום וואָגן, וואָס האָט אים אָפּגעפירט צו דער באַן, און די פויערים האָבן אים נאָכבאַגלייט, איז סאַווין אויפגע־שפּרונגען, נאָר באַלד האָט ער חרטה געקראָגן און זיי אַדורכגעלאָזט. אָבער ווען פּאַוועליוק איז שוין אַדורך דעם לאַנגן קאָרידאָר און געוואָלט עפּענען

די טיר אַרויסצוגיין, איז סאַווין מיט עטלעכע שפּרייז שוין געווען לעבן אים. די פויערים האָבן זיך פאַרהאַלטן.

סאַווין האָט פּאַוועליוקן אָנגענומען פאַרן אָרעם און שטיל אַרויסגעזאָגט:

— גיב איבער מיין אַלטע און קינדער...

ער האָט זיך פאַרהאַקט, געבליבן פאַרקלעמט, נאָר די בליקן האָבן עפּעס מאָדנע אַרויסגעטאַנצט. באַלד האָט ער אַרויסגעלאָזט פּאַוועליוקס קנאָכיקן אָרעם און כמעט אַ געשריי געטאָן:

— גיב גאָרניט איבער!

האַסטיק זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעשפּרייזט, ניט אומקוקנדיק זיך. אין מיטן נאַכט האָט ער זעליגן אויפגעוועקט און אים אַריינגעשריען אינם פאַרשלאָפענעם פּנים אַריין:

— וועסט זען, איך וועל אויך פאָרן, וועסט זען!..

**
*

פון יענער נאַכט אָן האָט זיך סאַווין געביטן.

זעליגן איז ניט פאַרשטענדלעך געווען וואָס סאַווין האָט אים פּלוצעם אָנגעהויבן אויסצומיידן, איז אויף גאַנצע אָוונטן פאַרפאַלן געוואָרן. נאָך מער האָט אים געחידושט וואָס אויף דער פּאָליצע, איבער סאַווינס בעט, בלייבן ליגן ניט דערעסענע שטיקלעך ברויט פון דער קאַרגער נאָרמע וואָס מען האָט באַקומען, — אַ זאַך וואָס פריער האָט עס קיינמאָל ניט געטראָפן ביי סאַווינען. האָט ער זיך געחידושט, און ס'איז אים דערווידער געוואָרן די אויפּפאַלנדיקע פאַראינטערעסירונג וואָס די איבעריקע ביישלעפער ווייזן אַרויס דעם שווייגנדיקן סאַווינען. נאָך דער אַרבעט האָבן זיי אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן ברוך הבא, אים אַפילו אָנגערופן ביים פאָטערס נאָמען. זעליג האָט דאָס געזען און ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שדים־טאַנץ אַרום סאַווינס שטיקלעך ברויט. ער האָט באַשלאָסן מיט אים זיך אַדורכצורעדן, נאָר יעדער מאָל ווען ער האָט געוואָלט זיך דערנענטערן, האָט עפּעס אַן אינעווייניקסטער געפיל אים אָפּגעהאַלטן.

דערווייל זענען טעג אַוועק. די פינף מיטווילנער פונם צימער האָבן געשמייכלט צו סאַווינען און די שטיקלעך ברויט פון דער פּאָליצע צו זיי, סאַווינען ביים טאַטנס נאָמען גערופן און ער, סאַווין, האָט געשוויגן.

די אויגן זענען אים טיפער אַריין אין קאָפּ.

אַ געפיל האָט ער געהאַט ווי אָט דער פּאַוועליוק, וואָס איז אָקאָרשט אַוועק, האָט אים אַ כישוף אָפּגעטאָן.

אין די נעכט האָט אים פּאַוועליוק מיט זיין אויסגעדאַרט הענטל פון

דער לויפנדיקער פֿור אַרויסגעגעבן סימנים, געדופֿן מיטן פֿינגער און סאַווין איז נאָכגעלאָפֿן און קיינמאָל איז דער מרחק צווישן אים און דער פֿור ניט קלענער געוואָרן...

אין די טעג איז נאָך ערגער געווען. אַ בייסנדיקע קנאה האָט אים דאָס האַרץ געטאָטשעט.

— ווערן ווי פּאַוועליוק.

האָט סאַווין איינמאָל אויף זיין געלעגער באַשלאָסן און גלייך איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿעסטן שלאָף ווי דער נאַרוואָס אָנגענומענער באַשלוס וואָלט אַ סוף געמאַכט צו אַלע ספֿקות און נאָכטראַכטענישן. אָבער ביין, שפּעטער האָט נאָך סאַווין געהאַט אַ סך שלאָפֿלאָזע נעכט און אַ ביטערן קאַמף מיטן מאָגן, וואָס האָט אין די ערשטע טעג געשטורעמט. און סאַווין האָט, אין אַ שוואַכן מאָמענט, אים נאָכגעגעבן. איז ווידער געקומען צו אים אַ טיפֿער שלאָף, אָבער דעם שלאָף האָט פֿאַרפּלייצט די ביסטריצע און אויף אירע שוימיקע וואַסערן האָט אַרומגעהאָצקעט פּאַוועליוק און פֿון אים געלאַכט, שטאַרק געלאַכט...

כדי צו קענען איבערטראָגן דעם נסיון, האָט סאַווין אַלע זיינע חושים אַריבערגעוואָרפֿן דאָרט, צו זיינע ווייטע מקומות. דאָ, צו דער אַרבעט, איז נאָר געגאַנגען זיין גוף, וואָס ער האָט פֿון צייט צו צייט צוגעוואָרפֿן עפּעס צו עסן.

זעליג האָט שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען. ער האָט אויסגעוואַרט, אַז סאַווין זאָל צו אים קומען, און ער איז טאַקע איינמאָל אין אַ דרו־טאָג צוגעקומען.

זעליג איז געלעגן אויפֿן בעטל און געהאַלטן אין איינדרימלען. ווי ער האָט דערפֿילט אַז מ׳לייגט אים עפּעס אַוועק, נאָך ניט ווייסנדיק וואָס סאַווין האָט דאָרט אַוועקגעלייגט האָט זעליג האַסטיק אויסגעשריען:

— די מינוט נעם עס צו, הערסט סאַווין, די מינוט!

ערשט איצט האָט ער דערזען אַז ס׳איז ברויט, סאַווינס ברויט. זעליגן האָט זיך אין דער מינוט אויסגעוויזן אַז דאָס זענען שטיקלעך פֿלייש אַרויסגעריסן פֿון סאַווינס באַקן, ווו ס׳זענען פֿאַרבליבן גריבלעך...

ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דאָס ברויט און אַראָפּשליידערן פֿונעם בעטל, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט צורירן דערצו.

שפּעטער אַביסל האָט זעליגן באַנג געטאָן דער ווילדער אויסברוך זיינער, אָבער ער האָט אַנדערש ניט געקענט. יעדער פּענעץ ברויט איז דאָך אַ שטיק מענטשלעך לעבן...

זעליג איז צוגעגאַנגען צו סאַווינס ווינקל.

— ביסט בייז?

אַנשטאָט ענטפֿערן, האָט יענער אויף זעליגן אָנגעשטעלט אַ פּאָר

צעפּיבערטע אויגן און אַרויסגעפּליסטערט:

— איך וועל אויך אַהיימפאָרן, וועסט זען, איך אויך. —

זעליגן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צו העלפן מיט עפּעס אָט דעם מאָדנעם פויער. אויפוויַיזן, אַז מ׳טאָר ניט דאָס געזונט צעשטערן, אַז דער קריג האַלט שוין ביים סוף, און ער וועט קענען אַהיימפאָרן. אָבער זיינע ווערטער זענען צו סאַווינען ניט דערגאַנגען. מיט אַ ניט־דאָיִקן בליק האָט יענער אים אַרומגענומען — איך וועל אויך פאָרן, וועסט זען, איך אויך...

סאַווין איז אויסגעגאַנגען ביינאַכט. קיינער האָט ניט געהערט ווען און ווי אַזוי.

קומענדיק פון דער פאַבריק האָט ער באַטראַכט יעדן ווינקעלע כדי צו געפינען עטלעכע שפּענער צו באַהייצן דעם קאַלטן צימער. ניט געפינענדיק אין ערגעץ, איז ער פאַרשוואונדן אינם נעפּל וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ גרעסערן פראָסט. צום סוף איז סאַווין צוריקגעקומען האַלטנדיק אונטער זיין וואַלענעם, ברוינעם מאַנטל אַ פּאָר העלצער. זיינע בלאָע ליפּן האָבן זיך געקליבן אַ שמייכל טאָן, נאָר אַן עסנדיקער רויך האָט גענומען זעצן פון די נאַסע העלצער, איז אים דער חשק פון שמייכלען פאַרגאַנגען. אויסלעשנדיק דעם אויוון איז סאַווין אַוועק אין זיין ווינקל, מיט קיינעם ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. פאַרן שלאָפן, ווי זיין שטייגער איז געווען, תפילה געטאָן און לאַנג, לאַנג זיך געשלאָגן אין דער אויסגעדאַרטער ברוסט. דערנאָך איז ער פאַרזונקען אינם בעטל, פאַרדעקנדיק זיך ביז איבערן קאָפּ מיט זיין ברייטן בוקאָווינער מאַנטל...

אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענער באַן־סטאַציע

אז כ׳בין אָנגעקומען אויף דער וויטער, פֿאַרוואָרפֿענער סטאַציע, וואָס נאָר צוויי מאָל אין וואָך פֿילט זי זיך אָן מיט רוישיקן לעבן, מיט באַוועגונג, מיט געלעכטערס וואָס מישן זיך אויס מיט לאָקאָמאָטיוו־סאַפּעריי און פֿאַרע־קנוילן, — אַז כ׳בין דאָרט אָנגעקומען איז שוין געווען מלחמה־צייט.

נאַסטאַסיעס מאַן, דער סקלאַד־פֿאַרוואַלטער, איז שוין לאַנג געווען אויפֿן פֿראָנט און איך בין געשיקט געוואָרן איבערצונעמען זיין אַרבעט. דעם טעלעגראַפֿיסט גרישאַ האָט מען צוליב זיין מום — די אויסגעקרימטע פּלייצע — צו יענער צייט שוין געהאַט אָפּגעוואָרפֿן זיין ביטע צו גיין פֿרייוויליק אין דער אַרמיי און דעם פֿאַרעלטערטן באַן־נאַטשאַלניק — פּאַרטוישט מיטן ענערגישן סעמיאָן פּאַוולאָוויטש, וועמעס לינקע האַנט האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפּגעריסענע ערגעץ אויף אַ פֿעלד ביי מאָזשאַיסק. בלויז ביים אַלטן וואַסילי, דעם פּאָסט־טרעגער, האָט גאָרניט געהאַט פּאַסירט ביי מיין אָנקומען.

די סטאַציע איז געווען אַרומגערייפֿט מיט גרויסע וועלדער, מיט איינגעפֿראָרענע פֿעלדער און מיט אַ ווייסער, געדיכטער שטילקייט. עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן אַז אויך דאָס קליינע הייפֿל מענטשן זענען אַדורכגעדרונגען מיט אָט דער מאָדנער שטילקייט וואָס האָט געשוועבט איבער דער קליינער באַן־פּלאַטפֿאָרמע, איבער די דעכער פֿון די עטלעכע סטאַציע־הייזלעך און איבער די פֿאַרשטאַרטע ביימער־צווייגן. די פּלוצעמדיקע שטילקייט פֿון דער פֿאַרוואָרפֿענער באַן־סטאַציע איז מיר ניט געווען צו פֿאַרטויאָגן. דאָס וואַרעמע צימער און דאָס ריינע בעט זענען מיר אויסגעקומען פֿרעמד און ווי־על־פּי־טעות האָב איך עס באַקומען, אַזוי אַז באַלד וועט מען זיך אַרומזען אַז ס׳איז ניט פֿאַר מיר און ניט צו מיר געהערט דאָס און מען וועט עס צונעמען.

מיין קומען האָט צעצונדן נייגיר אין זייערע אויגן, אָבער אָן באַזונדערע סימנים פֿון פֿרייד האָט מען מיך אויפֿגענומען. כ׳בין אויסערלעך גיך אַריינגעוואָקסן אין זייער קליין וועלטל, אין זייער שטילן לעבנס־אַרט. דורך נאַסטאַסיען (די בופֿעט־אַרבעטערין און די אויפֿרוימערין פֿון אונדזערע צימערן), וועלכע איז געווען זייער באַרעדעוודיק, האָב איך ביסלעכווייז

אָנגעהויבן דערקענען די איבעריקע מענטשן. גרישאַ דעם טעלעגראַפיסט האָב איך אייגנטלעך שוין געקענט פון דעם ערשטן אָוונט אָן, בעסער געזאָגט, זיין קלאַרנעטן־שפיל, וועלכע האָט זיך דערטראָגן אין יענער ערשטער נאַכט פון מיין קומען. די טענער זענען אַריינגעדרונגען אין מיין צימערל און געגלעט מיינע אויערן און הענט, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן נאָענט לעבן די צעברענטע, קנאַקעדיקע בינטלעך האָלץ. כ׳ווייס ניט וואָס האָט מיך אין יענער נאַכט מער געוואַרעמט: דער אויוון וואָס נאַסטאַסיאַ האָט פאַרנאַכט איינגעהייצט, צי די טענער פונם קלאַרנעט — דער איינציקער לעבעדיקער קלאַנג וואָס איז מיך יענע נאַכט געקומען באַגריסן.

נאַסטאַסיאַ, די מיטליאָריקע פרוי מיט די לאַנגע טונקל־ברוינע צעפּ פאַרפלאָכטן אַרום קאָפּ, מיט רויטע אויסגעהאַרעוועטע הענט און לעבעדיקע מאַנדל־אויגן, וואָס האָבן אַביסל געמילדערט דאָס שטרענג־פלאַטשיקע פנים, — איז געווען פשוט אין איר באַנעמונג און אַביסל צופיל אָפנהאַרציק. אַ ניט־געפרעגטע פלעגט זי ביים רוימען אין מיין צימער, ביים וואַשן, ביים פאַרריכטן וועש אָדער ביים איינהייצן דעם אויוון, אויסדערציילן איר האַרט לעבן. אין לויף פון דער צייט, ווען כ׳האָב איר גוט דערקענט, האָב איך אַרויסגעפילט אַז אין איר עכטער פויערישער נאַטור איז פאַרט פאַרבליבן אַ ניט באַוויזן ווינקעלע, פאַרהוילן אפשר פאַר איר אַליין, פון יענעם ווינקעלע האָט פון צייט צו צייט עפּעס אַרויסגעכליפּעט.

זי האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט וואָס דער מאַן אירער שרייבט ניט קיין וואָרט פון פראָנט. איך אָבער האָב געוווּסט אַז זי טראַכט וועגן אים וואָס אַמאָל ווינציקער און אויב זי דערמאָנט זיך יאָ, בינדט עס זיך מיט פלעשער בראָנפן וואָס פלעגן נעלם ווערן פון בופעט אַרויס און די קריגערייען נאָכדעם.

— ער האָט מיר אַפילו קיין קינד ניט געגעבן! —

האָט זי איינמאָל מיט פאַרביטערטקייט אויסגערופן. אַזעלכע אויס־ברוכן זענען געווען ניט קיין אָפטע. אַזוי האָט זי געטראָגן די לאַסט פונם לעבן אויף אירע אַקסלען מיט זעלטענער גלייכגעוויכט און געדולדיקייט, פונקט ווי די צווייט שווערע עמערס וואַסער וואָס כ׳פלעג איר זען יעדן טאָג שלעפּן אָנגעהאַנגען אויף דער קאַליריקער קאָראָמיסלע.

צעטראָגן און אויפגערעגט איז זי נאָר געווען ווען די באַן האָט באַדאַרפן אָנקומען. דעמלט איז זי געשטאַנען איבערן סאַמאָוואַר און אין אים אַריינגעבלאָזן מיט רוגזה. ס׳האָט זיך איר שטענדיק אויסגעוויזן אַז דער סאַמאָוואַר וועט אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל אין דער לעצטער מינוט און פאַר די אַדורכגעפאָרענע און איילנדיקע פאַרבייפאָרער וועט ניט זיין קיין הייס גלאָז טיי. זי איז געשטאַנען און געבלאָזן, אָבער יעדע ווײַלע איז זי געלאָפן

צום בופעט, געציילט די גלעזער, גלעזעלעך, אַ קוק געטאָן צו די פלעשער בראָנפן, אַ בליק געכאַפּט צום פאַרבייסעכץ און ווידער צוריקגעלאָפן צום סאַמאָוואַר. די פאָקן־גריבלעך האָבן געבליט אויף איר פּנים ווי איבערגעצייי־טיקטע מאַלינעס.

עסן פלעגן מיר אַלע אין בופעט. לעבן מיר איז געזעסן גרישאַ. מיר פלעגן טיילמאָל יאָ עפּעס רעדן, אָבער דאָס פלעגט ניט זיין קיין וויכטיקעס. איך האָב באַדויערט זיין קאַלטע האַלטונג וואָס ער האָט צו מיר אַרויס־געוויזן. זיין פּנים איז געווען ביינערדיק און זיין נאָז איז געווען ביינערדיק. דעם עלטער האָט מען לויטן פּנים ניט געקענט פעסטשטעלן. מען האָט אים געקענט אָננעמען פאַר דרייסיק אָדער פערציק יאָר און איןביידע פאַלן וואָלט מען זיך ניט גענאַרט. די בלאָנדע האָר פלעגן אים אַראָפּפאַלן איבערן שטערן און פאַרדעקן די אויגן, וועלכע האָבן סייווי אויסגעמיטן צו קוקן. לאַנגע חדשים האָבן מיר זיך באַגעגנט. באַגריסט.

— גוט מאָרגן, גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש —

— גוט יאָר, דוד מאָסעיעוויטש —

אַביסל געשמועסט וועגן פראָנט, וועגן דער קעלט, וועגן אַרבעט און מיט דעם פלעגט זיך עס ענדיקן.

כ׳האָב אָנגעהויבן באַמערקן אַז נאַסטאַסיאַ רעדט אויס אויף אים אַז ער איז אַ שלומפּער, טויג צו גאָרניט, טאָג און נאַכט וואָלט ער נאָר געפּישטשעט אויף דעם פאַרשאָלטן „פייפל״ זי וועט עס אים ווען ניט איז צעברעכן, זי וועט עס פאַרברענען.

— ניין נאַסטיאַ, האָב איך איר געמוסרט, ווי קענט איר אויף גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַזוי רעדן און זיין וווּנדערבאַר שפּילן פאַרגלייכן צו אַ פּישטשעריי? —

ס׳זענען פאַרגאַנגען עטלעכע טעג, און ווען נאַסטיאַ פלעגט קומען אויפרוימען מיין צימער — האָט זי ווידער גענומען אים באַרעדן.

איך האָב געוווּסט די פאַרהעלטענישן וואָס האָבן געהערשט צווישן זיי. כ׳האָב געוווּסט אַז גרישאַ איז מיט איר אָפּט זייער נאָענט. האָב איך איר גוט פאַרשטאַנען. גרישאַ איז ניט געווען דער מאַן וואָס זאָל קענען לעשן דעם ליבע־דורשט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אינם קרעפטיקן גוף פון דער פּויערטע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פילן ווי די יאָרן פאַלן אָפּ ווי צייטיק אויבס פון אַ פאַרוואָרלאָזטן סאַד.

אַזוי ווי נאַסטיאַ האָט זיך צו מיר צוגעבונדן, אַזוי גיך בין איך געוואָרן באַפריינדעט מיטן אַלטן פאָסט־טרעגער וואַסילי.

— סינאָק, וואָס האַלטסטו אַראָפּגעלאָזן די נאָז?! —

האָט ער מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט נאָכן אָפּעסן דאָס בשותּפותדיקע

מיטאָג, געגעבן אַ קלאַפּ איבערן אַקסל און אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין מיט די געל־שוואַרצע רעשטלעך פון זיינע ציינער.

כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געזען קיין פאַרזאָרגטן, דעם אַלטן וואַסילי. ער האָט ליב געהאַט אַ „שלונג״ צו טאָן, אָבער קיינמאָל ניט צופיל. נאָר מער ווי דעם „שלונג״ האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן. אַלעמאָל האָט ער געהאַט וואָס צו דערציילן און ווער שמועסט ווען די באַן פלעגט קומען ברענענדיק פאַסט און ער האָט אויף צומאָרגנס איינגעשפּאַנט די צוויי פערד אין שליטן און די פאַסט צעפירט צו די צוויי נאָענטסטע כוטאָרן, וואָס צו זיי איז אויך געווען ניט ווינציקער ווי זעכציק וויאָרסט. ווען ער פלעגט נאָך צוויי טעג אָפּזיין אין וועג, זיך אומקערן אַהיים, אַרויסקריכן פון דעם פאַרשנייטן און פאַראייזיקטן פעלץ, אַריין צו נאַסטיען, לציש אַ ווינק טאָן מיטן וואַסערדיקן אויגל צו דער פאַליצע מיט די פלעשלעך, און ווען די שטומע ביטע איז דערפילט געוואָרן, האָט זיך זיין צעקנייטשט מויל צעעפנט און יעדערער פון אונדז איז שוין באַזאָרגט געווען מיט אַ פּעקל נייס, מעשהס און סתם חידושים וואָס זענען זיך פאַרלאָפן. אַ טבע האָט דער אַלטער געהאַט צונויפצומישן פּאַסירונגען וואָס זענען זיך פאַרלאָפן מיט פערציק יאָר צוריק, מיט געשעענישן פון היינט. ביי וואַסילין האָט מען עס קיינמאָל ניט געקענט אָפּטיילן, ווייל ער אַליין האָט די גרענעץ פאַרלאָרן. האָבן מיר געשמייכלט און אים אויסגעהערט.

דער אַלטער וואַסילי האָט מיך ליב געהאַט. כ׳האָב עס געפילט. ער האָט מיך שטענדיק גערופן „סינאָק״ און איינמאָל נאָך עטלעכע שטאַרקע כוסות (ס׳איז, דוכט זיך, געווען ניי־יאָר) האָט ער מיר, ווי זיין געוווינהייט איז געווען ביי אַזעלכע פאַלן, גענומען דערציילן וועגן עפּעס אַ פאָמיעשטשיק, וועגן פערד און וועגן יאַגד, אָבער ער האָט גיך איבערגעריסן, ווייל גרישאַ האָט „גענומען״ אַ טאָן אויף זיין קלאַרנעט. דער אַלטער האָט זיך פאַרטראַכט.

— הערסט? —

האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן, פונקט ווי גרישאַ וואָלט געשפּילט ערגעץ ווייט אונטער אַ באַרג און נאָר צו אים זענען די קלאַנגען דערגאַנגען.

— יאָ, כ׳הער! —

וואַסילי האָט זיך נעענטער צו מיר צוגערוקט, אַריינגעגאָסן אַ פרישׁ גלעזל בראָנפן און גענומען שטיל אין מיר אַריינרעדן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז אַ צווייטער קאָן אונטערהערן.

— הערסט ווי שטיל און פאַמעלעך ער שפּילט?

ס׳דערמאָנט מיר אַ באַרקע... אַ טייך... געווען אַזאַ וועג. געפירט אַ באַרקע מיט עפּל קיין ראָסטאָוו. אַרויסגעשווומען זענען מיר אין מיטן

נאַכט. איבערן טייך איז געהאַנגען אַ נעפּל און ס'איז קאַלט געווען. דער וועג — אַ ווייטער און אויפן האַרצן עפּעס קאַלעמוטנע, אוי קאַלעמוטנע!—

דאַ האָט וואַסילי איבערגעריסן, אַ שלונג געטאָן פונם גלעזל און זיין אויגל האָט געשיינט מיט דערמאָנונגען.

— מיר שווימען אַזוי און מיר שוויגן, האָט דער אַלטער ווייטער געצויגן זיינע רייד און דער קלאַרנעט האָט שטיל אונטערגעהאַלטן. פאַרטאָג איז דער נעפּל שיטערער געוואָרן און פּאַמעלעך צערונען, און פּלוצעם די זון, אָט האָסטו זי! וואָן, וואָן פון דער ווייטנס! די לופט איז געוואָרן קלאָר און מיטאַמאָל — אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַזוי גוט, אַז מיר האָבן זיך אַלע צעזונגען. די באַרקעס האָבן זיך פלינק געהויבן, די עפּל האָבן געשמעקט און מיר האָבן געזונגען. אַ, איז דאָס שוין געווען אַ זינגען! וואָס ווייסטו, סינאָק, וועגן געזאַנג? באַדאַרפן דאָרט זיין מיט אונדז, פירן מיט אונדז באַרקעס עפּל קיין ראָסטאָוו!

נו געגנוג שוין סטאַרי דוראַק וואָס איך בין!

אָט אַ ביעס, דער גרישאַ, ווי ער האָט עס פאַרשלעפּט מיט זיין פייפל! —

ב

די מלחמה האָט מען אויף דער קליינער און פאַרוואָרפענער באַן־סטאַציע כמעט ווי ניט געפילט. די ביימער אַרום זענען געשטאַנען שטייף, שטיל און פאַרפראָרן. אַז מען האָט זיך אַביסל דערווייטערט פון דער סטאַציע און מען איז אַריינגעקומען טיפער צווישן דער ביימער־געדיכטקייט, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק אַז מען געפינט זיך אין אַ ריזיקן טעמפּל, אַ טעמפּל פון לויטערער ווייסקייט. אַזוי שטיל, אַזוי ערנסט און אַזוי הייליק האָט דער וואַלד אויסגעזען ווען אַ קאַלטע זון האָט זיך געברעקלט צווישן די ביימער־זיילן און מיט טויזנטער ברילִיאַנטן געפינקלט אין די אייז־צעפּ וואָס זענען צעהאַנגען געווען איבער די צווייגן.

אַזוי האָט עס אויסגעזען אין אַ רואיקן פראָסט־טאָג, אָבער ניט אין אַ שניי־וויוגע. אין אַ שניי־וויוגע איז אויס טעמפּל, אויס ברילִיאַנטן. פון יעדן צווייג פייפן און וואָיען אַראָפּ הונדערטער ווינט־שדים און דער שניי טראָגט זיך אַרום ווי קליינע שפּילקעלעך, שאַרפע מעסערלעך.

אויך די סטאַציע־הייזלעך דערמאָנען מיט גאָרניט וועגן מלחמה. די קוימענס פּיפּקען אַ גראָען רויך וואָס קריכט צו די גראָע הימלען. די מלחמה פילט מען נאָר ביי נאַסטיען אין בופעט: ווינציקער און שיטערער געוואָרן דאָס עסן, און אין די מענטשן גופא. יעדן טאָג האָט מען זיך צונויפגעזאַמלט ביים נאַטשאַלניקס ראַדיאָ־קעסטעלע און געהערט וועגן געפאַלענע מענטשן און געפאַלענע שטעט, וועגן פּלעניקעס און וועגן

פאַרלאָרענע. פון קעסטעלע האָט אַרויסגעשריען אומרו און פייער און דאָ, אויף דער סטאַציע, איז געווען שטיל, אויסטערליש־שטיל. שטיל ביז ווייטיק, ביז לאַנגווייל.

אַ פּאָר מאָל האָט יאַ אַ ווייע געטאָן מיט מלחמה־פיבער. געווען איז דאָס ווען ס׳זענען פאַרבייגעפאָרן עטלעכע עשאַלאָנען מיט מאָביליזירטע סאָלדאַטן פון די אַרומיקע און ווייטע דערפער. די זעלנער האָט מען אויף דער סטאַציע ניט אַראָפּגעלאָזט. האָבן מיר זיך צונויפגענומען און געשלעפּט גרויסע טשייניקעס מיט פאַרעדיקע טיי און דערלאַנגט די זעלנער דורך די צעעפנטע טירן פון די פּי־וואַגאָנען. אַממערסטן האָט אַרומגעפאַדעט נאַסטיאַ.

— פּאָזשאַלויסטאַ, טרינקט הייסע, קאָכעדיקע טיי מיט צוקער, גאָ־לובטשיקעס! זאָל אייך ווויל באַקומען! —

זי איז אַרומגעלאָפן מיט אַ צעיאַכמערט פּנים און מיט וואַרעם צעשיינטע אויגן. זי האָט זיך ממש געבעטן ביי יעדן איינעם און די זעלנער האָבן צו איר געשמייכלט און גענומען. די זעלנער זענען געווען רעשיק, געריכערט, געוויצלט זיך און געזונגען. מיט טויזנטער עכאָס איז דאָס געזאַנג צוריקגעקומען פון די אַרומיקע וועלדער.

אַז די עשאַלאָנען זענען אַוועק און מיטגענומען די יונגע פּנימער און זייערע רעשיקע געזאַנגען, די ריחות פון מאַכאָרקע און פון שוויס, און מיר זענען געבליבן מיט די גרויסע ליידיקע טשייניקעס אין די הענט. איז געוואָרן אַזוי שווער און אומעטיק, אַז ס׳איז זיך ניט געווען וווּ אַהינצוטאָן. אַלע זענען זיך שטום פונאַנדערגעגאַנגען.

ווען כ׳בין שפּעטער פאַרביי די טעלעגראַפן־בודקע, האָב איך באַמערקט ווי גרישאַ שטייט אין דער אָפענער טיר פאַרקוקט אין די גלאַנציקע רעלסן אויף וועלכע עס זענען ערשט ניט לאַנג געשטאַנען די זעלנערישע עשאַלאָנען. אַ דינער שניי איז אַרויסגעפאַלן און ס׳האָט זיך געדוכט ווי גרישאַס אויגן באַגלייטן יעדעס שניי־פּלאַטערל וואָס נידערט אַראָפּ צו די רעלסן. גרישאַ האָט מיך ניט באַמערקט. ערשט ווען כ׳האָב די עמערס פאַרב, וואָס כ׳האָב געטראָגן פון סקלאַד צו די סעמאַפאָרן, אַראָפּ־געשטעלט — האָט ער אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ.

— איר זעט די רעלסן, דוד מאָיסעיעוויטש? זיי פירן צום וואַלד און פון יענער זייט וואַלד ברענט די וועלט. דאָרטן אַהין פאָרן איצט די ייִנגלעך. איך ווייס ניט צי זיי זינגען נאָך אָבער די באַן איילט זיך און דאָ איז שטיל און עס פעלט אַ שניי. —

זיינע ווערטער זענען געווען אָנגעזאָפּט מיט אַ באַהאַלטענעם טרויער, און ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט פון זיי אַ נידערגעשלאָגנקייט. כ׳האָב

געוווסט אַז גרישאַ וואָלט איצט אַ סך אַוועקגעגעבן כדי ער זאָל זיך געפינען דאָרט אין דער לויפנדער באַן, אין די פּאַררויכערטע זעלנערישע טעפּ־לושקעס. האָב איך אים אויסגערעדט אַז אויך דאָ איז דער פראָנט, אַז אויך מיר זענען זעלנער.

— אַזוי מיינט איר? —

האָט ער אויפגעהויבן צו מיר אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן. פּלוצים האָט זיך דער טעלעגראַפן־אַפּאַראַט צעהוסט, האָט מיך גרישאַ איבערגעלאָזט און אַוועקגעאײַלט צו זײַן אַרבעטס־טיש.

— אין יענעם אָוונט האָט גרישאַ דאָס ערשטע מאָל מײַן שוועל באַטראָטן.

— גוט ב׳אָוונט, דוד מאַיסעיעוויטש —

— גוט ב׳אָוונט, האָב איך אָפּגעענטפערט, גוט ב׳אָוונט, אַ ס׳אַראַ גאַסט! זיצט, גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש! נו, איצט וועלן מיר טרינקען אַ גלעזל טיי. אַזויפיל מאַלאַדשיקעס „אָנגעפּויעט״, קומט אונדז אויך אַ שלונג, ווי האַלט איר? —

— ריכטיק, ריכטיק —

האָט ער צעצויגן זײַן שטים אַרומקוקנדיק זיך איבער מײַן כמעט ליידיקן צימער, כ׳האָב אָנגעגאָסן טיי און צוגעטראָגן צום טיש.

אין דעם מאָמענט איז ער מיר נאָענט געוועזן, מאָדנע נאָענט. כ׳האָב עס אים געוואָלט אויסדריקן און ניט געוווסט ווי אַזוי.

— גרישאַ, אַז כ׳הער אײַך שפּילן אויפן קלאַרנעט, פאַרגעס איך אַז ס׳איז מלחמה פאַראַן. ס׳ווילט זיך מיר טיילמאָל אַרײַנלויפן און אײַך באַדאַנקען, אָבער ב׳טו עס ניט ווייל כ׳וויל ניט איבעררײַסן אײַנמיטן שפּיל און ווייל... כ׳שעם זיך —

— וואָס רעדט איר?! כ׳האָב עס ניט פאַרדינט! —

איז גרישאַ אַ צעטומלטער געוואָרן.

— אויב מײַן שפּיל דערוועקט אין אײַך גוטע געפילן בין איך צופרידן און דאָס איז מײַן לוין, אָבער ניט צוליב לוין שפּיל איך. דער קלאַרנעט איז מײַן לעבן. דאָס האָט מיך דער זיידע מײַנער אויסגעלערנט. אויך דער קלאַרנעט איז זײַנער. ס׳איז אַ זייער אַלטער קלאַרנעט. אַ גאַנצע געשיכטע קאָן איך אײַך דערציילן וועגן דעם אָפּשטאַם פון דער כלי. אפשר וועל איך עס אַמאָל טאָן. דעם זיידן מײַנעם האָב איך זייער ליב געהאַט. ער איז געווען אַ שטאַרקער אַזאַ, אַ דרייסטער אַזאַ, מיט אַ ברייטער באָרד און זיכערן טריט. אַז ער האָט געזען מײַן פלייצע האָט ער מיך געטרייסט: „גרישאַ, לערן זיך שפּילן. די מוזיק וועט דיר אַ סך אַרויסהעלפן אין לעבן. וועסט אין אַ סך זאַכן פאַרגעסן ווען וועסט קענען אַרויסברענגען

אַ טאָן, אַ קלאַנג״. ער האָט מיך לאַנג ניט באַדאַרפט צורעדן, ווייל ער האָט אַזוי שיין געשפּילט און מיין גרעסטער באַגער איז געווען צו שפּילן אַזוי ווי ער. איצט זע איך ווי גערעכט ער איז געווען. —

כ׳האָב גרישאַן געוואָלט אויסמאָלן מיין ווייטע היים ביי דער ווייסל, כ׳האָב געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן וועגן מיין ווייב און מיידעלע וואָס כ׳האָב ביים אַנטלויפן אויף די וועגן צווישן די פעלדער פאַרלאָרן. איז אָנגעלאָפן נאַסטיאַ און די שטימונג איז צערונען. גרישאַ איז ווי צעטומלט געוואָרן און איך בין אומצופרידן געווען, אָבער נאַסטיאַ האָט עס גאָרניט באַמערקט.

— אוי, באַטיושקאַ, איז היינט אַ טאָג געווען! אָרעמינקע אַזעלכע. פאָרן צום פראָנט און מיר דאָ זיצן הינטערן אויוון און וואַרעמען זיך! —

האָט זי געשווינד מיט דער צונג געמאָלן, ניט פילנדיק אַז גרישאַס בלייך געזיכט האָט זיך באַדעקט מיט רויטע פלעקן.

— כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ס׳ליגט ביי מיר אַ פּעקל מאַכאָרקע, זיי וואָלטן זיך געקוויקט, די קינדערלעך. קאַקאַיאַ דוראַ יאַ! אין אַזאַ קעלט, אין אַזעלכע וואַגאָנען. טאַקאַי אוזשאַס, אַזאַ גרויל! —

ג

אין עטלעכע טעג אַרום איז גרישאַ ווידער אַוועקגעפאָרן צום וואָיענקאָמאַט. ווידער זיך געבעטן מען זאָל אים נעמען אין סאָלדאַטן, אָבער ער איז צוריקגעקומען מיט גאָרניט. אין די נעכט איז זיין קלאַרנעט־שפּיל געוואָרן איינגעהאַלטענער און שטילער. כ׳האָב נאַסטיען אָנגעזידלט פאַר אירע רייד. זי האָט זיך געחידושט. זי האָט דאָך ניט אים געמיינט, סתם אַ זאָג געטאָן.

— ניט אים געמיינט, אָבער ער איז געטראָפן געוואָרן — האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין.

נאָך אַ גרויס געשעעניש איז זיך פאַרלאָפן אין אונדזער וועלטל.

אויף דער סטאַציע האָט זיך געפונען אַ זייטיקע ליניע, וואָס איז געלעגן אונטער אַ דיקן שניי־דעק. האָט מען באַקומען אַ טעלעגראַמע צוצוגרייטן די ליניע אויף אויפצונעמען אַ טראַנספּאָרט וואָס וועט אַ געוויסע צייט דאָ שטיין בלייבן. זענען מיר אַלע אַרויס מיט הילצערנע לאָפּעטעס, געשניטן שניי־קוואַדראַטן און זיי אַריבערגעוואָרפן איבערן אָנשיט. אויף צומאָרגנס איז דער טראַנספּאָרט געקומען. דאָס איז געווען אַ לאַנגער עשאַלאָן מיט אָפענע פלאַטפאָרמען און אויף זיי — טאַנקן. דייטשע טאַנקן מיט שוואַרצע קרייצן, אויסגעקרימט און אַדורכגעלעכערט, פאַרזשאַווערט און צעקנייטשט. ס׳האָט אַ פאַכע געטאָן מיט מלחמה, ס׳האָט אַ שמעק געטאָן

מיט בלוט. דער שטענדיק־אָנגעכמורעטער באַן־נאַטשאַלניק האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן פון די צעשאָסענע דייטשישע טאַנקן. זיין פאַרלאָרענע האַנט ביי מאָזשאַיסק האָט זיך אָפּגערופן אין אים:

— זייער מפּלה איז שוין נאָענט —

האָט ער אַרויסגעקוועטשט פון צווישן די מויל־ווינקלען בשעת זיינע אויגן האָבן קאַלט צוגעשמייכלט. דער אַלטער וואַסילי האָט אונטער־געטאַנצט אויפן אָרט פאַר פרייד. ער האָט אויסגעטאָן אַ האַנטש און מיטן פינגער גענומען ציילן די טאַנקן, אָבער ער האָט זיי ניט דערציילט, זיך פאַרפּלאָנטערט אין חשבון און ווידער אָנגעהויבן פונדאָסניי.

אונדזער שטילער אַרום האָט פּלוצעם אַ גרויזאַמען אָנבליק באַקומען. די שוואַרצע טאַנקן־לופעס האָבן זיך שאַרף געצייכנט אויפן פאָן פון דער ווייסער פאַרגליווערטקייט, אָבער גיך איז געקומען דער פרידלעכער שניי און די דראָענדיקע טאַנקן־קערפּערס פאַרדעקט און פאַרהאַנגען.

גרישאַ איז ווידער צו מיר געקומען. ס׳האָט זיך פאַרפלאָכטן אַ שמועס וועגן דער מלחמה; וועגן די טאַנקן וואָס מען האָט געבראַכט צו אונדז אויף דער סטאַציע. אָבער וועגן דעם אַז ער איז געווען אין וואָיענקאָמאַט, האָט ער אויסגעמיטן צו רעדן. כ׳האָב געפילט אַז ער וויל מיר עפּעס דערציילן און אַז ס׳איז אים שווער, ער מאַטערט זיך צוליב דעם. האָב איך אים ניט געצויגן פאַר דער צונג.

אַריינגעזונקען אין מחשבות, האָט ער מיט די לאַנגע פינגער געפּויקט איבערן טיש. אַביסל נאָך געזעסן, דערנאָך געזעגנט זיך און אַוועקגעגאַנגען.

אַז נאַסטיאַ איז אויף צומאָרגנס אַריינגעקומען נעמען די העמדער צום וואַשן, האָב איך זי געפרעגט:

— „וואָס איז מיט גרישאַן?״

— כ׳ווייס? האָט זי געהויבן מיט די אַקסלען, ער איז אַזאַ מאָדנער, ניט צו פאַרשטיין אים. ס׳קאָנען אַוועקגיין טעג און ער זאָל ניט אויסרעדן צו דיר קיין וואָרט, נאָר זיצן און אַריינבלאָזן אין דעם פאַרשאָלטענעם פייפל און טיילמאָל קאָן ער זיך צעוויינען, יאָ — צעוויינען זיך און שרייען צו מיר: „נאַסטיאַ, כ׳קאָן ניט, כ׳קאָן ניט״! וואָס קאָנסטו ניט? פרעג איך אים. קערט ער אָפּ דעם קאָפּ און שוויגט. כ׳האָב אים פיינט ווען ער וויינט. וואָס איז ער? אַ „באַבע״? צומאָל זאָג איך אים: „גרישאַ, וואָס זיצסטו אין אַזאַ העק? פאַר אַוועק, האָב חתונה, וועט זיך דיין גאַנצע מרה־שחורה אויסהיילן״, ענטפערט ער מיר, כ׳זאָל אים ניט מאַטערן, כ׳זאָל אים צורו־לאָזן. ס׳וועט אים אומעטום שלעכט זיין. איין זאַך וויל ער נאָר — גיין אויפן פראָנט, שלאָגן זיך וויל ער. מיין גאַנץ ביטער האַרץ האָב איך אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ. העלד מיינער, גרויסער צעלייגער דו! שלאָגן

ווילסטו זיך?! קוקטס אים נאָר אָן, ניט אַנדערש נאָר צום פּראָנט, אין סאַמאָראָדנעם פייער אַריין, שיק אים! אַ שייטל האָלץ האָסטו שוין פּרובירט צעהאַקן, האַ? אָן עמער וואַסער קענסטו ברענגען? צום פּראָנט שיק אים, צום פּראָנט! אַפּילו אין בעט... האָב איך זיך קעגן מיין ווילן אַרויסגעכאַפּט. גלויבט מיר, דוד מאַיסעיעוויטש, איך האָב אים ניט געוואָלט קיין צער פאַרשאַפן. דאָס האָט די ביטערניש אַליין פון מיר אַרויסגעשריען. כ׳האָב עס דערנאָך באַדויערט. —

כ׳האָב געפילט אַז נאַסטיאַ איז אין איר באַדרענגעניש גרייט געווען אַרויסצוואַרפן פון זיך אַלץ וואָס עס קלעמט איר. נאָר מיר איז פּלוצים געוואָרן פּריקרע, און וועלנדיק נאַסטיען אָפּווענדן פון אויסדער־ציילן אירע אַלע אינטימקייטן — האָב איך אַ פרעג געטאָן נאַרישוואַטע, עפּעס ווי פון בוידעם אַראָפּ:

— זאָגט מיר, נאַסטאַסיאַ, ווייסט איר עפּעס פון זיין יוגנט? האָט ער אייך עפּעס וואָס וועגן דעם דערציילט? —

— קינדער־יאָרן? יאָ, כ׳האָב אים איינמאָל געפרעגט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „פּוסטע זאַכן, וואָס פאַראַ קינדהייט קאָן דאָס זיין אַז מ׳האָט אַ הויקער און מען ווייס עס און קינדער שפּעטן־אָפּ און מאַמע וויינט, פּוסטע זאַכן! ניטאָ וואָס צו דערציילן”. וואָס איז דאָ צו רעדן, אַ מאָדנער מענטש דער גרישאַ — האָט נאַסטיאַ פאַרענדיקט מיט אַ געבראָכענער שטים. אַ שווייגעניש האָט זיך צווישן אונדז אויסגעשפּרייט, אַ געדיכט און ניט אָנגענעם שווייגעניש. ווען זי האָט שוין געהאַט צונויפּ־געזאַמלט און איינגעבונדן די וועש האָב איך איר פּלוצעם אַ פרעג געטאָן.

— נאַסטיאַ, איר האָט אים ליב? —

— כ׳ווייס אַליין ניט —

האָט זי מיר ניט זיכער געענטפערט און אַוועקגעגאַנגען.

ד

כ׳האָב געוווסט אַז נאַסטיאַ האָט מיטלייד מיט גרישאַן, אַז זי שאַנעוועט אים און שעצט, ווייל גרישאַ האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדניש און אַ סך איינזען, ווייל גרישאַ האָט איר שטענדיק געדענקט און אַז ער פלעגט פאָרן אין שטאָט אַריין האָט ער אַלעמאָל מיטגעברענגט פאַר איר עפּעס־וואָס, אַ זאַך וואָס דער מאַן אירער האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן. גרישאַ איז ניט געווען קיין שיכור און קיינמאָל ניט גערעדט צו איר גראָב ווי דער מאַן, פאַרקערט, זיין רעדן איז שוין געווען צופיל איידל, צו ווייך און ניט איינמאָל איז איר דערפון געבליבן אַ בייטעם. כ׳האָב אויך

געוווּסט אַז זי האָט דאָס געדולד צו אים פֿאַרלאָרן און זי זוכט אַ וועג ווי אַזוי אַנטרונען צו ווערן פֿון אים.

איינמאָל האָב איך ניט ווילנדיק געהערט ווי גרישאַ בעט זיך ביי איר:

— נאַסטיאַ, פֿאַרטרייב מיך ניט! —

און ווי זי האָט אים אָפּגעענטפֿערט, ממש זיך געבעטן:

— לאָז געמאַך, גרישאַ. לאָז געמאַך, טשעפּע זיך אָפּ! ביסט ניט פֿאַר מיר, גיי זיך דיין וועג! ביסט אַן איידעלער, אַ ווילער, אָבער מיך לאָז צורו!

און פֿון נאַסטיעס אָפּגעהאַקטע רייד וואָס זי פֿלעגט פֿון צייט צו צייט פֿאַר מיר אַרויסברענגען, איז די זאַך געוואָרן וואָס אַמאָל קלאָרער:

זי האָט אים גענומען אויסמיידן, איז ער צו איר אין צימער געלאָפֿן, צו די פֿיס געפֿאַלן און זיך ווידער געבעטן:

— נאַסטיאַ, יאָג מיך ניט, לאָז מיך ניט אַליין!

איז ער איר דערווידער געוואָרן, זי האָט ניט געקענט צוקוקן צו זיין געפֿאַלנקייט, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און באַפֿוילן:

— גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש, ווי פּאַסט עס פֿאַר אַזאַ געבילדעטן מענטשן צו וואַלגערן זיך פֿאַר די פֿיס פֿון אַ פּויערטע, האַ, זאָגט אַליין? שטייט אויף, גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש, שטייט אויף! —

פֿון יענעם אָוונט אָן האָט נאַסטיאַ געהאַלטן די טיר אויפֿן קייטל. ס׳זענען אַדורך עטלעכע וואָכן און גרישאַ איז ניט געקומען מער. האָט נאַסטיאַ געמיינט אַז ס׳איז געענדיקט, אָבער די טיר האָט זי ווייטער געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט. אין איינער אַ נאַכט הערט זי פּלוצים — מען קלאַפּט.

— ווער איז? —

— איך, עפֿן, נאַסטיאַ! —

זי האָט דערקענט גרישאַס שטים און אַרויסגעשריען:

— ב׳עפֿן ניט! —

האָט ער גאָרניט געענטפֿערט, אָבער פֿון דער טיר איז ער ניט אַוועקגעגאַנגען. נאַסטיאַ האָט געפֿילט ווי ער איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר און רירט זיך ניט פֿון אָרט. און אין דרויסן האָבן זיך וועלטן געקערט. ווינטן האָבן ביימער אומגעוואָרפֿן און שנייען פֿון די פֿעלדער און פֿון די בערגלעך געטריבן און אין דער שניי־זאַווייע איז גרישאַ געשטאַנען, ניט אָפּגעטראָטן, ניט געזאָגט קיין וואָרט און געשטאַנען. ס׳איז אַוועק אַ שעה און מער. זי האָט ניט געקענט איינזיצן און איינשטיין ניט געקענט. ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז ער לעכערט דורך מיט זיינע אויגן די טיר און זיינע בליקן קריכן איר נאָך, פֿאַרגייען איר דעם וועג. זי האָט פּראָבירט שטריקן — איז עס ניט געגאַנגען. האָט זי עפּעס געטאָן — איז איר

אַלץ פון די הענט געפאַלן און פון דרויסן, הערט זי, דער ווינט לויפט אום, רייסט דעם דאַך, שלעפּט די לאָדנס, פאַרטשעפּעט זיך אין די טעלעגראַף־דראָטן און ברומט: או—או—או!

און גרישאַ האָט זיך ניט אָװעקגערירט פון דער טיר. ער איז געשטאַנען, ניט גערעדט קיין וואָרט און געשטאַנען. האָט עס איר גענומען אָרן. ס׳איז איר אַ שאָד געוואָרן דער מענטש וואָס איז געשטאַנען אין אַזאַ נאַכט ביי איר טיר.

— פאַרוואָס קומט עס אים? האָט איר האַרץ גענומען אויפטייען, פאַר זיין איבערגעגעבנקייט, פאַר זיין גוטסקייט? —

זי האָט פּאַמעלעך צעעפנט די טיר. פון יענער זייט איז גרישאַ געשטאַנען און פון קאָפּ ביז די פיס איז ער געווען מיט שניי פאַרשאָטן. נאַסטיאַ האָט זיך פאַר אים דערשראָקן. ער האָט אין גאַנצן זיין צורה פאַרלאָרן. צו אַ שניי־מענטש, וואָס קינדער קלעפּן אויס, איז ער ענלעך געווען. ווען גרישאַ איז אַריין און נאַסטיאַ האָט זיין פּנים דערזען איז זי נאָך מער צעטומלט געוואָרן. זיין פּנים איז געווען קאַלט און ווייס ווי דער שניי אויף זיינע בגדים. אָן אַ טראָפּן בלוט. אַרום מויל איז זיין אָטעם געלעגן פאַרגליווערט אין אייז־ברעקלעך, וואָס האָבן געפינקלט ווי גלאָז. אויך זיין בליק איז געווען אַ גלעזערנער אַזאַ אָן אויסדרוק, אָן קאָליר, אָן לעבן.

יאַ, אַזוי האָט מיר דאָס נאַסטיאַ ביסלעכווייז דערציילט.

כ׳האָב איר באַדויערט, אָבער אויך גרישאַן האָב איך באַדויערט, אפשר נאָך מערער. זיין קלאַרנעט־שפּיל האָט אויפגעהערט, איז ווי אַ שטיק לעבן וואָלט זיך פּלוצים אויסגעלאָשן. ער האָט מיך גענומען אויסמיידן. גלייך נאָכן עסן אויפגעשפּרונגען און זיך אָוועקגעאיילט, ניט שענקענדיק מיר אַפילו קיין איינציקן בליק. ביז איינמאָל אין אַ נאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. דאָס קלאַפּן איז ניט געווען דרייסט. אַ קלאַפּ און אַ פּויזע, אַ קלאַפּ און אַ פּויזע. כ׳בין אַראָפּ פון בעט, אַריינגעקראָכן אין די וואַטענע הויזן און געעפנט די טיר. ס׳איז געווען גרישאַ.

כ׳האָב פאַרשלונגען די איבעראַשונג און אים אַריינגעבעטן. ער איז געווען אין די אונטער־וועש, בלויז אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן מיט זיין שעפּסענעם פּעלץ. די האָר זענען אים געווען צעפּלאָשעט, דאָס פּנים צערודערט, פאַרשפּיצט און אַשיק. די אויגן — מאַט, ניט קלאָר, ווי צוויי פאַרלאָפענע שויבן.

— דוד מאָיסעיעוויטש, האָט ניט קיין פאַריבל. כ׳וויל... כ׳האָב... האָט ער גענומען שטאַמלען, ניט רירנדיק זיך פון דעם אַריינגאַנג.

— ביטע, גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש, קומט נענטער, האָב איך אים צוגעגעבן מוט, פּאַזשאַלויסטאַ! —

— כ׳האָב געוואָלט... —

האָט גרישאַ ווידער אָנגעהויבן און גלייך אָפּגעהאַקט. דאָס פּנים זיינס, פון אַש־קאָליר, איז געוואָרן רויטלעך ווי אַ פּרעסטל וואָלט עס באַהויכט. אַ ווײַלע זענען מיר געשטאַנען אײנער אַנטקעגן דעם אַנדערן און זיך אָנגעקוקט. צום סוף האָט גרישאַ אַ רעזיגנירטן מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק.

כ׳האָב שוין די נאַכט ניט געקענט צוטאָן קיין אויג. בין איך אַראָפּ־געגאַנגען פון מיין בעט, אָנגעצונדן ס׳ליכט און האָב ניט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך.

אומבאַמערקט האָבן די שויב־קווייטן אָנגעהויבן צו בלייכן. ערגעץ פון אַ קעמערל אַרויס האָט אַ קריי געטאָן אַ האָן. ס׳האָט געטאָגט.

כ׳בין יענעם פרימאָרגן אַרומגעגאַנגען און זיך געבראָכן דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס איז גרישאַ געקומען צו מיר צולויפן אינמיטן נאַכט? וואָס האָט ער מיר געוואָלט דערציילן און ניט דערציילט? —

מיטאָג־עסן איז גרישאַ ניט געקומען. כ׳בין געזעסן אַ פאַרקלערטער. גרישאַס בײַנאַכטיקער באַזוך האָט מיך ניט צורו געלאָזט. בין איך געזעסן פאַרטראַכט, אַריינגעטאָן אין מיינע ניט פריילעכע מחשבות און ניט באַמערקט ווי מען שושקעט זיך ביים טיש, ווי מען ווינקט זיך איבער און ווי אַלע שמייכלען אונטער. ערשט שפּעטער האָט מיך אָנגעכאַפּט דער אַלטער וואַסילי און ווי זיין שטייגער ווען ער וויל עפּעס דערציילן, אַ זשמורע געטאָן מיטן וואַסערדיקן אויגל.

— היט דיר, סינאָק, די ביינער, זאָל זיך דיר ניט אַמאָל פאַרגלוסטן צו טשעפּן זיך מיט באַבעס! קענסט אויך שלעכט אָפּשניידן! — האָט ער אַ שעלמישן שמייכל געטאָן, באַוויינזנדיק די שוואַרצע רעשטלעך פון זיינע ציינער. זעענדיק מיין שטוינונג, האָט ער זיך כיטרע צעלאַכט:

— וואָס, דו ווייסט וועגן גאָרניט, כי־כי־כי, מיר האָבן דאָס מיטאָג ניט געקאָנט עסן, אַזוי האָט אונדז געשטיקט דאָס געלעכטער און ער, נאַדיר גאָר, ווייס פון גאָרניט. כי־כי־כי. אומגעריכט איז ער שטיל געוואָרן. דאָס געלעכטערל איז אָפּגעדאַרט געוואָרן אויף זיינע צעקנייטשטע מויל־ווינקלען. ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם און אַוועקגעפירט אין אַ זייט.

— גרישאַ האָט נעכטן אינמיטן נאַכט באַקומען געשלאָגן, יאָ פעטש באַקומען. סעמיאָן פאַוולאָוויטש האָט עס אַליין געזען, דורך אַ ברעג פון שויב אַריינגעקוקט. גרישאַ איז דערנאָך אַנטלאָפן. וואָס זאָגסטו צו אַזאַ געשיכטע? די באַבעס ווייסן שוין ניט אויף וואָס פאַראַ וועלט זיי לעבן.

ער האָט זיך ווידער צעכיכעט און מיט דריבנע טריטלעך אַוועקגע־

טשלאַפּעט. פון דערווייטנס האָב איך נאָך געהערט זיין פּישטשנדיק געלעכטערל.

נאָך דעם פאַל האָט אויך נאַסטיאַ זיך באַמיט מיך ניט צו באַגעגענען, עטלעכע טעג ניט געוויזן זיך. האָב איך אַליין געהייצט דעם אויוון, אַליין געשייערט דעם דיל. אָבער אין אַ פאַרטאָג האָב איך דערהערט פאַר מיין טיר אַ סקריפּען פון שניי. עמעץ איז געגאַנגען, עמעץ האָט זיך דערנענטערט. די טיר האָט זיך אַ פּראַל אויף געגעבן. פון דעם פראָסטיקן פאַרטאָג האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער אַ פּאַרע־קנויל און פון דער פּאַרע אַרויס האָט זיך באַוויזן נאַסטיאַ אָנגעטאָן אינם וואַטענעם קאַפטן, דער קאָפּ ביז הינטער דער גאָמבע פאַרדרייט מיט אַ וואָלענע דערע און אין די הענט אַ בינטל האָלץ. דאָס האָלץ איז געווען אַרומגעקלעפּט מיט שניי און אירע וואָליאַקעס זענען געווען פול מיט שניי.

— אַ הינטיש וועטער! —

האָט זי אַ ברום געטאָן אָנשטאָט דעם געוויינטלעכן גוט־מאָרגן און געגעבן אַ זאַרג דאָס האָלץ לעבן אויוון. זי האָט אויסגעטאָן די דיקע האַנטשן, צעשפּיליעט דעם קאַפּטן און גענומען אַרויסשאַרן דאָס אַש. זי איז געווען צעטראָגן און זיך ווי געשעמט צו קוקן אין מיין זייט. האָב איך געשוויגן, ניט געמאַכט זיך וויסן, ווייל וואָס כ׳זאָל ניט פרעגן, האָב איך געטראַכט, וועט איר ווי טאָן. נאָר נאַסטיאַ איז ניט געווּינט געווען אַזוי אינגאַנצן צו שווייגן. זי האָט אין מיין אָנוועזנהייט ניט געקענט צוהאַלטן ס׳מויל און אַוודאי ניט איצט, ווען ס׳דריקט איר אַזוי אויף דער נשמה. ווייל ווי נאָר דאָס פייער האָט זיך פריילעך צעקנאַקט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס זייט איר אַזוי פרי היינט אויפגעשטאַנען? נאָך צייט צו דער אַרבעט! —

— פרי, זאָגט איר? ס׳קאָן זיין, ס׳שלאָפט זיך עפּעס ניט! —

זי האָט זיך פּאַמעלעך אונטערגעהויבן פון אויוון און זיך צו מיר דערנענטערט.

— איר ווייסט דאָך מסתם וואָס ס׳איז געשען צווישן מיר און גרישאַן? איר ווייסט, ווייל אַלע רעדן וועגן דעם, אָבער כ׳וויל איר זאָלט עס פון מיר וויסן. כ׳וועל עס אייך זאָגן — אירע אויגן זענען געוואָרן שטעכעדיק און די פּאָקן־גריבלעך האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט — כ׳האָב אים געפּאַטשט, כ׳האָב אים געפּאַטשט, דעם ליידאַק!״

איר שטים איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ כריפּ.

— ס׳איז ניט קיין מאַן, אַ באַבע, אַ פאַלנע באַבע איז דאָס! מער ווי אויפן „פייפל״ שפּילן קאָן ער ניט. טאָ צוואָס האָט ער מיר פאַרדרייט

אַ קאָפּ? זאָגט אַליין, דוד מאָיסעיעוויטש, נאָכוואָס לויפט ער מיר נאָך? כ'האָב אים געפּאַטשט אָבער דאָס איז ווינציק. מיט די פיס דאַרף מען אים טרעטן! אַ צינגל האָט ער אַ גלאַטיקס, קען שיין רעדן. באַנעמט זיך איידל, ברענגט פּאַטשיילעס פון מאַרק, מיינט מען ווער ווייס וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס איז? —

נאַסטיאַס שטים איז אַראָפּגעפאַלן. די לעצטע ווערטער האָט זי כמעט־ווי צו זיך גערעדט. כ'האָב געפילט ווי אַ טרערן־שטראָם האָט זיך אַריינ־געריסן אין איר קעל און ווי זי ראַנגלט זיך מיט אים, און ווען זי האָט די טרערן ניט געקענט גובר זיין — איז זי פון מיין צימער אַרויסגעלאָפן.

ה

אויף די שויבן האָבן זיך די קווייטן געמערט און צעוואָקסן. פון די קוימענס האָט זיך דער רויך געצויגן גלייך און שטייף ווי אַ ווירע. ס'האָבן ביימער פון גרויס קעלט געקנאַקט און געסקריפּעט. אַפילו די לבנה איז צוגעפראָרן געוואָרן צום הימל און דער הימל איז געווען ווייט און פוסט ווי דאָס שניי־פעלד וואָס האָט זיך געצויגן פון דער סטאַציע ביז צום וואַלד. מיט דעם שניי־פעלד איז גרישאַ אַוועק. ער האָט זיך אויסגעפּוצט, דעם קלאַרנעט פאַרוויקלט אין אַ געבלימט קאָפּטיכל און געזאָגט אַז ער גייט אין שכנותדיקן דאָרף אויף אַ חתונה, ווו מען האָט אים פאַרבעטן. נאַסטיאַ האָט אים פאַרדעכטיק אָנגעקוקט, אָבער זי האָט געשוויגן. קיינער האָט קיין שלעכטס ניט געטראַכט, כאָטש ס'איז אויסגעקומען מאָדנע דער גאַנצער שפּאַציר, ווייל פריער האָט ער עס קיינמאָל ניט געטאָן.

אויף צומאָרגנס מאָנטיק איז דאָס געווען, האָט ער זיך ניט באַוויזן צו דער אַרבעט און דער נאַטשאַלניק האָט אים געמוזט פאַרבייטן, אָבער מאָנטיק איז אָנגעקומען די באַן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געשטיקט און געפרייכט ווי ס'וואָלט אים לופט פאַרפעלט. די באַן־אַרבעטער האָבן מיט העמערלעך געקלאַפּט איבער די רעדער און אַריינגעגאָסן אין זיי אויל. די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעפילט דעם וואַרעמען עס־זאַל און נאַסטיאַ האָט זיי באַדינט. דער שניי אויפן פעראָן איז געווען צעטראָטן און רעשטלעך פּאַפּיראָסן, שטיקלעך פּאַפּיר האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט. ווען די באַן איז אַוועק און ס'איז שטיל געוואָרן, האָט מען זיך ווידער דערמאָנט אין גרישאַן. דער אַלטער וואַסילי האָט איינגעשפּאַנט די פערד און זיך געלאָזן מיטן שליטן אין וועג אַריין אים זוכן. די שעהן האָבן זיך גערוקט און אויך דעם אַלטן האָט מען ניט אָנגעזען. נאַסטיאַ איז פון צייט צו צייט אַרויס אויפן וועג, אָבער דער וועג איז געווען ליידיק. פאַרנאַכט־צו איז וואַסילי צוריקגעקומען. דער אַלטער האָט צוריקגעברענגט גרישאַס פאַרפראָרענעם קערפער. ער

האָט אים געפֿונען אין וואַלד אונטערן שניי. דער קערפּער איז געווען שטייף און טונקל, טונקל ווי פֿון באַזאַלט־שטיין אויסגעהאַקט.

מיר האָבן אים געמאַכט אַ שטילע לויה און באַגראָבן ביים ראַנד פֿון וואַלד. ביי דעם זעלבן וואַלד ווו גרישאַ איז אַוועקגעקומען, פֿאַרפֿראָרן געוואָרן אָדער אַליין זיך ס׳לעבן גענומען. דאָס האָט דער וואַלד נית אויסגעזאָגט. ער איז געשטאַנען אין פֿייערלעכער ווייסקייט, אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן און געשוויגן.

אַ וועלט אַרום ברויט און צוקער

אַ לאַנגער עשאַלאָן איז געשטאַנען מיט צעפּראַלטע טירן. חושך, געדראַנג און טומל, אַ פּייפּעריי האָט געשניטן די לופט, אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע, געטריבן פון איין גורל, האָט זיך גערוקט פאָרויס צו די וואַגאָנען — מלחמה־מאָביליזירטע צו אַן אַרבעט־באַטאַליאָן אין ווייטן אוראַל. אַז אַ פאַרביילויפנדיקער באַן־אַרבעטער האָט אַ לייכט געטאָן מיט אַ לאַמטערל, האָט מען געקאָנט זען פּלייצעס געבויגענע פון קעלט און באַלאָדענע מיט פּעקלעך, פּנימער צעשוווּמענע אין קנוילן פּאַרע, וואָס האָבן געזעצט פון די מיילער. צווישן דעם סטאַדע־געדראַנג פון די מאָביליזירטע האָט זיך געפּלאָנטערט סענדער. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אָט דעם מענטשן־קנויל וואָס טראָגט אין זיך כל מיני געפאַרן. ער האָט זיך דערפילט נאָך עלנטער ווי ער איז, אָט דאָ, אין דעם אומהיימלעכן טומל, אין דער שטופעניש. מעכאַניש האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט און איז אָן ווילן אַריינגע־פאַלן אין די אינגעווייד פון וואַגאָן. די זעק ביי די היגע תושבים זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט עסנוואַרג און די פּאַלדן אין זייער אָנטועכץ אָטעמען נאָך מיט שטוביקער וואַרעמקייט. אין וואַגאָן איז פינצטער און קאַלט. סענדערן האָט זיך פאַרוואָלט אויסרעדן מיט עמיצן אַ וואָרט, אָבער גיי ווייס ווער עס איז דער טונקעלער פלעק, וואָס שטייט לעבן דיר...

שווערע טעג האָבן איינגעקלעמט די נאָך ניט־אויסגעענדיקטע באַראַקן, ווו די אַרבעט־באַטאַליאָנען האָבן זיך איינגעקוואַרטירט.

אומהיימלעכע באַראַקן זענען עס געווען, מיט פיר שורות דרייגאָרנ־דיקע פּריטשעס, אָן שטרויזעק און אָן דעקן. צווישן איין שורה פּריטשעס און דער צווייטער זענען געשטאַנען צו פיר הויכע ציגל־אויוונס, ווייס־באַקאַלכטע און שטענדיק באַלאַגערטע פון מענטשן. בלויז אויף די אויבערשטע נאַרעס איז געווען וואַרעם, אַפילו הייס, אָבער ניט פאַר אַלעמען איז געווען דאָרטן פּלאַץ, און ביים פאַרכאַפּן אַן אָרט האָט מען אָפט געלאָזט אין גאַנג די פויסט...

זענען טאַקע פאַרדראָסיקע בליקן געפאַלן אויף די „גליקלעכע”, און פאַרוויטלטע אויגן האָבן געגליט מיט קנאה און צאָרן.

פון די ברייטע שפּאַרונעס צווישן די דינע הילצערנע ווענט יאָגט דער ווינט אַרויס דאָס אַריינגעשאָטענע זעגעכץ און קוילנמיאַל און באַפאַלט

אַכזריש מיט זיין קילן אָטעם די איינגעקנאָדערטע גופים. עלעקטרישע לעמפּלעך ראַנגלען זיך מיט דער שטענדיקער טונקלקייט און מען קאָן קיין מאָל ניט וויסן ווער פון זיי ס'איז שטאַרקער. אַלצדינג האָט אַ מאַטן אויסזען אין דעם באַראַק, בלויז די נאַסע האַלצווענט זעען אויס זילבער־העל, אָבער פון דער העלקייט ווערט דער אַרום נאָך טונקעלער, אומהיימלעכער. ביי דער טיר. ווו עס שטייט דער קעסל מיטן שטענדיק־קאַלטן „קיפּיאַטאָק”, זיצט אַ פיגור און עס דוכט זיך, אַז זי זיצט שוין יאָרן אַזוי אין אַ האַלב־שלאָפנדיקן צושטאַנד. יעדן פרימאָרגן שטייט זי אויף פון איר טונקעלן ווינקל און מיט אַן אויסגעלאָשענער שטים נעמט זי וועקן די בינטלעך ביינער אויף די נאַרעס, יעדערן באַזונדער גיט זי מיט איין קנאָכיקן פינגער אַ שטורך, דערביי נעמט זי ניט אָוועק די האַנט, פון וועלכער ס'הענגען אַראָפּ די לעצטע צוויטן פון דער צעפּליקטער קופייקע, אַזוי לאַנג, ביז יענער הייבט זיך ניט אויף. אויף די צוויטן פונם אַרבל ברענגט זי דעם ערשטן אָנזאָג פון אַ קאַלטן הונגערטאָג, נאָך איינעם...

2

סענדער האָט אָנגעשפּיצט זיין גאַנצן ווילן, כדי ניט צו בלייבן הינטערשטעליק ביי דער אַרבעט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יענע וואָס שטופּן די פול־אָנגעלאָדענע וואַגאָנעטקעס מיט ערד און שטיינער, קוקן אין זיין זייט, צי ער נאַרט צו מאָל ניט אָפּ. האָט ער איינגעשפּאַנט דאָס ביסל כוח, וואָס מיט יעדן טאָג איז עס געוואָרן ווינציקער און ווינציקער, און איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע. צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט האָט ער אָפטמאָל געטראַכט, אַז מאָרגן וועט ער ווי אַ סך אַנדערע זען זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט געזען ווי מיט יעדן טאָג ווערן מענטשן אַפּאַטישער, פוילער. גלייך נאָך דער אַרבעט קריכן זיי אַרויף אויף די נאַרעס, הערן זיך אויף צו ראַזירן און אַפילו אין די זונטיקן גייען זיי ניט אין באָד. דאָס איז אונטערגאַנג, — האָט סענדער געטראַכט, מען טאָר זיך ניט אונטערגעבן, אָבער אויך ער איז פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרן. דער הונגער האָט צעקרישלט די גאַנצע זיכערקייט זיינע. ספקות האָבן ווי שאַרפצייניקע מייז גענומען אַרומגריזשען זיין ווילן. סענדער האָט עס געפילט מיט אַלע חושים — און ער האָט אַלץ געטאָן זיין מעגלעכסטע אויסצוזען ניט צו פאַרלירן. יעדן טאָג איז ער געגאַנגען צום פעלדקיכל און מיט קאַווע זיך אָפּגעוואַשן ס'פּנים. דאָס איז געוואָרן ביי אים אַ מין ריטואַל. ער האָט זיך געפילט מוטיקער, דערהויבענער. אויך אַנדערע האָט ער געשטאַרקט, געמונטערט, אָבער געווען ווינציק בעלנים אים נאָכצוטאָן. ס'איז קאַלט — קריכט מען

אויף די נאַרעס, אָדער מען לויערט אויף אַ פּלאַץ ביי די אויוונס — אפשר וועט געראָטן אַ ברעקל אָרט צו פאַרכאַפּן. און האָט זיך אַזאַ איינער צוגעקראָגן צום אויוון, האָט מען אים שוין פון דאָרטן ניט געקאָנט אָוועקרייסן, סיידן אין דער טונקעלער לופט האָט זיך צעקלונגען דאָס לאַקיקע וואָרט:

— ב ר ו י ט!

3

פון די טונקלסטע ווינקעלעך האָבן זיך אַרויסגערוקט געשטאַלטן. די אויוונס זענען געבליבן שטיין פאַרלאָזט מיט שמוציקע פלעקן פון די נאַר־וואָס צוגעקלעפּטע גופים און האָבן ברוגזדיק געקנאַקט מיט די אַריינגע־רוקטע שייטלעך האָלץ. קיינער האָט זיך אָבער אויף זיי ניט אומגעקוקט. ווי פלעדערמייז אַרום אַ פייער האָבן זיך די מענטשן געדרייט יעדערער אַרום זיין בריגאַדיר, אויך סענדער איז ניט ביי־געשטאַנען דעם נסיון און זיך צוגערוקט צו זיין בריגאַדיר, דעם טאַטער סאַדיקאָוו. ער האָט סאַדיקאָוון פיינט געהאַט פון דעם ערשטן אויגנבליק. דעם טאַטערס פלאַטשיק פנים, אויסגעשטעפּט מיט פּאָקן־גריבעלעך, און זיינע צוויי גרויסע, הונגעריקע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין זוכן און נישטערן, — האָבן קיין צוטרוי ניט געוועקט. סאַדיקאָוו האָט דאָ גלייך דערשמעקט די נייע לופט און אין איינעם אַ טאָג איז ער געוואָרן בריגאַדיר איבער צוועלף מענטשן. פאַר סענדערן האָט ער זיך אַביסל געשראָקן, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט אים אָפּט באַוואָלט ביים נאַכטעסן, ווען אַלע צוועלף זענען געזעסן אַרום אַ קעסל און מיט צעפּיבערט־הונגעריקע בליקן, וואָס זענען, ווי צעררייצטע וועלף נאָך אַ שליטן, נאָכגעלאָפן יעטוועדן קער פון שעפּלעפל, מיט וועלכן ער, סאַדיקאָוו, האָט מאַנעווורירט. אָט וויל ער אַ גאָס טאָן, גיט אַ וואַקל מיט דער האַנט, טוט אַ שפּריץ און שוין לויפט די האַנט מיטן שעפּלעפל ווייטער. סאַדיקאָוו האָט געקענט די קונסט פון פאַרטיילן, און קיינער האָט אים ניט געקאָנט פאַרוואַרפן אַז ער האָט וועמען אָפּגענאַרט. ערשט שפּעטער האָט מען דערזען אַז די גרויפּן געפינען זיך ביי אים אין שיסעלע.

נאָך יעדער אַזאַ מאָלצייט פלעגט סאַדיקאָוו אויסמיידן צו טרעפן זיך מיט סענדערס בליק... אויך סענדער פלעגט זיך באַמיען ניט צו באַגעגענען סאַדיקאָוון נאָך דער אַרבעט און נאָכן באַקומען דאָס עסן, נאָר אַז ס'איז געקומען די צייט פון פאַרטיילן דאָס ברויט, האָט ער שוין ניט געקאָנט איינזיצן אין זיין ווינקל און זיך געמוזט דערנענטערן צו סאַדיקאָוון. סענדער האָט געוווּסט אַז ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן ביז סאַדיקאָוו וועט זיך אויסקלייבן אין סקלאַד אַריין. ער וואָלט געקאָנט צוקומען שפּעטער, ווען דאָס ברויט וועט שוין זיין גרייט צום באַקומען, נאָר אַזאַ שטאַרקן ווילן האָט סענדער

ניט געהאַט, אַזאַ ווילן האָט דאָ קיינער ניט. סאַדיקאָוו נעמט זיך בלאָזן, ברוגזן, וואָס מען באַלאַגערט אים שוין, וואָס מען שטערט אים די רו, — וואָלט מען אַזוי פלייסיק געווען ביי דער אַרבעט — ברומט ער, און זיינע גרויסע, רונדיקע אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף סענדערן.

סענדער האָט געוווסט אַז אויך סאַדיקאָוו קאָן קוים איינליגן, אַז אויך ער וויל „אַריינקנייטשן" דאָס שוואַרצע ברויט צווישן זיינע צעפוילטע ציינער, אָבער איצט איז דער איינציקער מאָמענט ווען ער קאָן אָפּצאָלן סענדערן פאַר זיינע מיאוסע שטיק.

ענדלעך איז סאַדיקאָוו פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און געקומען צוריק באַלאָדן מיט שווערע, פּירקאָנטיקע ברויטן. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט פון דער נאַכט אַרויסגעהאַקט שטיקער חושך און וויל זיי איצט צעטיילן צווישן די מענטשן.

קעפּ האָבן זיך צעשאָקלט, אויגן — צעפלאַמט. מען האָט זיך גענומען אַוועקשטופּן איינער דעם צווייטן. סאַדיקאָוו האָט מיט אַ טעמפּן מעסערל געשניטן די ציגל־פאָרמיקע ברויטלעך און געוואָרפן קרומע בליקן.

דער אַרום האָט זיך צעוויגט.

— עסן!..

סענדער האָט געקוקט אויף סאַדיקאָוון מיט זיינע פאַרשעריש־שטעכיקע אויגן. סאַדיקאָוו איז געווען אומרואיק, גענומען זיך בייזערן אויפן טעמפּן מעסערל, וואָס עס שניידט ניט, צעקרישלט, ער האָט געשפּירט, אַז סענדערס בליקן מאָנען ביי אים חשבון, וויפל ברויטלעך ער האָט אויפן וועג אַראָפּגעשלונגען...

ענדלעך האָט זיך געענדיקט דאָס פונאַנדערטיילן. ערגעץ פון אַ ווינקל האָט מען אים דערלאַנגט די „וואָג" — אַ העלצל מיט אָנגעהאַנגענע צוויי טאָוועלעך, אויף וועלכע עס ווערט אויסגעוועגן דאָס פאַרטיילטע ברויט. וועגט איין שטיקל איבער דאָס צווייטע, הייבט זיך אָן אַ שניידעניש און צולייגעניש. דאָס טוט אַלעמען וויי. יעדער ניי שטיקעלע וואָס ווערט אָפּגעשניטן, טוט אַ ריס ביים האַרצן: אפשר איז דאָס פון מיין פּאַיאָק?..

אין די פריערדיקע וואָכן איז נאָך ערגער געווען. דער בריגאַדיר האָט געטיילט דאָס ברויט אויפן אויג. איינער פלעגט זיך אויסדרייען מיטן רוקן צום בריגאַדיר און פלעגט דאַרפן אָנרופן אַ נאָמען, פאַר וועמען ס'איז באַשטימט די פּאָרציע ברויט אין דעם בריגאַדירס האַנט. דאָס האָט אַריינגעטריבן דעם עולם אין האַזאַרד. יעדערער האָט מיט אַ קרענקלעכן גלאַנץ אין די אויגן געזוכט צווישן די צעלייגטע שטיקלעך ברויט די גרעסטע פּאָרציע און מיט האַרצקלאַפּעניש אָנגעשפּיצט זיין בליק אויפן

טרעפּערס פּלייצע, ווי ער וואָלט אים וועלן היפּנאָטיזירן, צווינגען אים אַרויסצוזאָגן זיין נאָמען...

די באַטאַליאָנשטשיקעס האָבן געפּילט, אַז ווייטער קאָן עס אַזוי ניט אָנגיין, האָט מען אויסגעפונען די וואָג — און דאָך זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געפילט באַעוולט...

באַקומען דאָס ברויט — האָט מען זיך גענומען צום עסן.

אָט זיצט איינער מיט פאַרלייגטע פיס, לעבן אים אַ קעסעלע הייס וואַסער, אין אַ שמאַטקעלע אַביסל זאַלץ — און ער שניידט דאָס ברויט אין לאַנגע, גלייכע פּאַסן, טונקט אין זאַלץ און שלינגט עס קונציק אַראָפּ. אַ צווייטער רייסט נערוועז שטיקער ברויט, פּאַקט אין מויל אַריין, און נאָך איידער ער באַווייזט אַרויפצוקריכן אויף דער פּריטשע, האָט ער שוין אַ העלפט. ער כאַפּט זיך אָן מיט איין האַנט אין דעם נאַרע־אָגלען, גיט זיך אַ הייב אויף, טאַנצט אַראָפּ צוריק. וועדליק דעם שנעלן באַוועג פון זיין האַלדזקנאָפּ האָט מען געקאָנט זען אַז פון ברויט איז שוין קיין זכר ניט פאַרבליבן. ערשט דעמלט איז ער אַרויפגעקראָכן און מיט נאָך מער הונגעריקע בליקן זיך צוגעקוקט ווי אַנדערע פּראָווען נאָך די סעודה.

אַ דריטער צעקרישלט דאָס ברויט אין אַ קעסעלע מיט וואַסער, פאַררוקט עס אין אויוון ביז ס׳ווערט דערפון אַ געדיכטע מאַסע. אַנדערע שניידן אָפּ אַ פּענעץ, פאַרוויקלען אין די אַלע שמאַטעס וואָס ליגן ביי זיי אין די זעקלעך, פאַררוקן עס טיף־טיף, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרטרייבן פון זיך דעם יצר־הרע... נאָר העכסטנס ביז האַלבע נאַכט קאָן אַזאַ איינער אויסהאַלטן. מיט ציטערנדיקע הענט וויקלט ער פונאַנדער די שמאַטקעס און מיט עטלעכע הונגעריקע בליקן זיך צוגעקוקט ווי אַנדערע פּראָווען נאָך די סעודה.

סענדער רוקט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, קייט דאָס זויערע ברויט און קוקט זיך צו ווי מענטשן ראַנגלען זיך און קעמפן מיט זיך כדי איבערצולאָזן אַ ברעקל אויף שפּעטער. אויך ער וועט גאָרניט איבערלאָזן, אפשר איז גלייכער אַזוי?..

שמוציקע וואַטע־וואָלקנס, ווי אַרויסגעצויגענע פון הויזן און קופּיי־קעס, האָבן באַדעקט די טעג. שווער האָט געדריקט די צוועלף־שעהדיקע אַרבעט אויף סענדערס אַקסלען, אָבער ער האָט עס אויפגענומען אָן פּראָטעסט.

— עס איז דאָך מלחמה מיטן דייטש — האָט ער געטראַכט — און מען מוז איבערקומען. אָבער ס׳פּנים איז ביינערדיקער געוואָרן, און די אויגן האָבן איינגעזונקען טיפער און טיפער, ווי זיי וואָלטן זיך איבער גליטשיקע טרעפּ אַראָפּגעקייקלט אין אַ תהום אַריין...

4

— צוקער! —

עפּעס לייכטער קייקלען זיך די וואַגאָנעטקעס און דער פּראָסט בריט ניט אַזוי.

— צוקער!! —

אַ. גאַנצע וואָך קאָן מען עס אַרויסלייענען פון יעדערנס בליק.

וועגן דעם האָט מען אַפילו ניט געקאָנט טרוימען. צוקער... דערמאָנט עס דאָך אין וואַרעמע שטובן און ווייכע בעטן... אָבער מ׳איז פּאָרט כמעט ווי זיכער, אַז שוין מאָרגן, פאַרן גיין צו דער נאַכטשיכט, וועט מען צוזאַמען מיטן ברויט באַקומען צוקער.

סענדער איז געגאַנגען לעבן דער וואַגאָנעטקע ווי אין היגערפלעט. די אויגן האָבן זיך געשניטן אין טיפעניש פון נאַכט ווי געוואָלט זיך דער־שלאָגן צו עפּעס, צו עפּעס וואָס קאָן געבן אַן ענטפער אויף האַרבע, מאַטערנדיקע פראַגעס, וואָס קאָן לינדערן אַביסל דעם אומעט, שטילן די בענקעניש מיט וועלכער ס׳האַרץ איז אַזוי איבערפולט... אָט פאַרהאַלטן זיך די אויגן זיינע אויף די דעכער פון די שוין אויסגעפּאַרטיקטע פאַבריק־צעכן, אויף דעם שניי וואָס האָט באַוויזן זיך אויסצושפּרייטן און אויף די אייזצויטן וואָס דערמאָנען אָן... צוקער...

סענדערס האַרץ ווערט אויפגעצאַפּלט פון דעם בלויזן געדאַנק וועגן דעם.

אין דער פרי, ביים פאַרענדיקן די אַרבעט, האָבן די הימלען דעם אויסגעטראָטענעם און שמוציקן וועג מיט פרישן שנייוויס באַדעקט, און דער לאַנגער וועג צו די באַראַקן האָט אין די מידע מענטשלעכע אויגן אַן אַנדער אָנבליק באַקומען, די פאַרמאַטערטע פיס האָבן זיך עפּעס אַנדערש געהויבן, דערפילנדיק די ווייכקייט פון דעם פריש־אַרויסגעפאַלענעם שניי. שלאָפן איז שוין אין יענעם טאָג געווען גאָר שווער, ווער ס׳האָט נאָר פּרובירט צוצומאַכן די אויגן האָט באַלד דערזען פאַר זיך אַ געשיט פון שטיקלעך צוקער — אַ ווייסן צוקערפאַל...

אַפילו סאַדיקאָוו איז היינט פריער ווי אַלע מאָל אַראָפּגעקראָכן פון זיין נאַרע און מיט חשיבות זיך געלאָזט צום סקלאַד, די אונטערשטע ליפּ איז אַביסל געווען ביי אים פאַרקרימט. דאָס איז געווען אַן עכט סאַדיקאָוויש שמייכעלע, מיט וועלכן ער פלעגט זיינע מענטשן באַשענקען אין מינוטן פון צוגעלאָזנקייט און צופרידנקייט. פון אונטער דער פאַרקרימטער ליפּ האָבן אַרויסגעשוואַרצט די לעצטע סימנים פון זיינע ציין, ווי אָפּגעסמאַליעטע פּיענעס פון אַן אָפּגעברענטן וואַלד. זיינע קרומע אויגן האָבן זיך פלינק

איבערגעקייקלט פון איינעם צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן געשריען: — זעסט, דאָס ברענג איך צוקער פאַר דיר, פאַר דיר!

אויפן ברויט האָט מען איצט קיין גרויס אַכט ניט געלייגט און מיט פאַרשיכורטע בליקן האָבן אַלע געוואַרט אויפן צוקער.

ענדלעך האָט זיך סאַדיקאָוו גענומען צום טיילן.

זיינע באַוועגלעכע, שמוציקע הענט זענען פאַרשוווּנדן אינם אָפּגרונט פון עפּעס אַ זאַלציק־גראָען זעקעלע, אַרויסגעשלעפּט ווייסע שטיקלעך צוקער פון פאַרשיידענער גרויס, און צעלייגט זיי אין קופּקעלעך. די אויגן זיינע זענען נאָך גרעסער געוואָרן ווי זיי וואָלטן וועלן אײַנשלינגען דעם גאַנצן צוקער.

צוועלף פּאָר אויגן, ווי געיעגהינט געפּירטע אויפן סמיטשיק און געצוימטע פון זייערע הערן, האָבן נאָכגעקוקט יעדן קער פון סאַדיקאָווס פינגער. אָט כאַפּן זיי אָן אַ שטיקל צוקער, טראָגן עס צו צו אַ קופּקעלע, נעמען ווידער צו און לייגן עס אַוועק אויף אַ צווייטן אָרט. צווישן עולם גייט דורך אַ ניט־צופרידענער מורמל.

סאַדיקאָוו קען מענטשן און ווייס ביז וויפל מען קאָן אָנציִען די סטרונע פון געדולד. צום סוף ווערט אים דאָס פאַרמיאוסט. אויך ביי אים נעמט רינען דאָס שפּייעכץ פון מויל. דעמלט גיבן זיינע הענט אַ פלאַטער אַהין און אַהער ווי שוואַרצע ווראָנעס איבער אַ פוסטן, פאַרשנייטן פעלד — און געענדיקט.

סענדער איז אַוועק, פון זיינע הענט האָבן זיך אַרויסגעוויסט פינף שטיקער צוקער וואָס האָבן גיכער אויסגעזען ווי שנייבאַלעמס, מיט וועלכע ער האָט קליינערהייט באַוואָרפן זיינע חברים גייענדיק אין חדר...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון דער נאַרע און ניט געקאָנט זיך באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן צוקער, צי גלייך נעמען אין מויל אָדער באַהאַלטן.

— צו וואָס באַהאַלטן? —

ער ווערט אויף זיך בייז פאַר זיינע וואַקלענישן. אַ גאַנצע וואָך די אויגן זיך אויסגעקוקט, און ווען שוין באַקומען זיצט ער אָפּהענטיק און ווייס ניט וואָס צו טאָן דערמיט. ענדלעך האָט ער גענומען דאָס קלענסטע שטיקל צווישן די ציין, זיך אויסגעצויגן אויף זיין האַרט געלעגער און מיט צוגעמאַכטע אויגן גענומען זייגן די זיסקייט. עס איז אים באַפאַלן אַ שוואַכקייט, אין די ביינער האָט זיך אים צעגאָסן אַ זיסע רו.

וויפל ס'האָט אַזוי געדויערט האָט ער ניט געוווּסט. ווען ניט אַ שטים וואָס האָט זיך דערטראָגן פון צווישן די פּריטשעס, וואָלט ער נאָך ווייטער אַזוי געלעגן פאַרשיכורט פון דער זיסקייט וואָס האָט געשווינדער זיין בלוט

געטריבן. אָבער די שטים וואָס ער האָט דערהערט האָט אים געצוווּנגען אויסצוניכטערן זיך און אַפילו אָנצושפּיצן דעם געהער.

— ווער גיט ברויט פאַר צוקער?

— וואָס? איז עס מעגלעך? קאָן זיך געפינען עמעץ וואָס וויל זיך אָפּזאָגן פאַר אַ פּאַיאָק ברויט פון אַזאַ פאַרמעגן ווי צוקער? —

— יאָ, ס׳איז מעגלעך —

אָט שטייט שוין יענער לעבן אים מיט איינגעפאַלענע באַקן און אויגן — טיפע אָפּגרונטן. פון צווישן זיינע ביינערדיקע פינגער מאַניעט אוןווינקט דער צוקער מיט אַ העלקייט פון אַ ניט־באַטראָטענעם שניי...

— ווילסט? —

סענדער האָט זיך פּלוצעם אויפגעזעצט. אין אים האָט זיך דערוועקט אַ פאַרלאַנג צו נעמען דעם צוקער, וואָס ליגט אין יענעמס שטעקלדיקע הענט, באַלד אָבער האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בושה־געפיל.

— איך טאָר ניט ביי דעם־אָ שאָטן אָוועקרויבן זיינע לעצטע טעג, אפשר וואָלט דער צוקער אים געשטאַרקט, פאַרלענגערט זיין אָרעם לעבן?..

אָבער איינצייטיק האָט אין אים אָפּגעהילכט אַ שטים פון אַ צווייטן סענדער:

— נאַר דו איינער, אַז דו גיסט דיין ברויט, באַרויבסטו אים ניט, דו גיסט אים די מעגלעכקייט אַ ווײַלע צו זיין זאַט.

— גוט, — האָט סענדער אַ זאָג געטאָן און דערלאַנגט אים דאָס ברויט. יענער האָט גענומען דאָס שטיקל קלעפּיקס, אָפּגעוואויגן אויף איין האַנט, אויף דער צווייטער און דערלאַנגט סענדערן דעם צוקער. נאָך איידער סענדער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז יענער שוין אַוועק שטופּנדיק דאָס ברויט אין מויל אַריין...

5

אין באַראַק האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער נאַכטאַרבעט. סענדער איז געוואָרן אומרואיק: — ווי פאַרבאַהאַלט מען אַזוי פיל צוקער? דאָס זוכן אַ באַהעלטעניש האָט פאַרשלונגען זיין מוח: ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ביז מאָרגן פאַרנאַכט וועט ער קיין קרישקע אין מויל ניט האָבן. ער האָט פאַרוויקלט דעם צוקער אין אַ ווייס שטיקל לייוונט און אַריינגעלייגט אין זעקל צווישן די שמוציקע העמדער. דערנאָך אָביסל אַ באַרואיקטער זיך אָוועקגעלאָזט מיט אַלעמען צו דער אַרבעט. ביינאַכט האָט ער דערפילט אַז אין בויך איז פּוסט און אין קאָפּ רוישט. האָט ער זיך באַמיט מיט די לעצטע כוחות צו טרייבן די וואַגאָנעטקעס, אָבער אינעווייניק אין אים האָט געמאָנט, עפּעס פּראָטעסטירט. ער האָט אין געדאַנק צעוויקלט דאָס לייוונט און צעלייגט די שטיקלעך צוקער:

— דאָס אויף מאָרגן, דאָס אויף איבערמאָרגן, יאָ, עס קאָן סטייען אויף אַ גאַנצע וואָך, אויף צוויי וואָכן...

אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיינע בלאָ־פאַרטריקנטע ליפּן. — יאָ, מאָרגן וועט ער דעם צוקער צעמאָלן און באַשיטן אַ פּענעצל ברויט, אַ צווייט מאָל וועט מען אָנצוקערן, גוט אָנצוקערן, אַ פול קעסעלע מיט קאַווע; אַ דריט מאָל... האַ? וואָס וועט מען מאַכן אַ דריט מאָל? מען וועט שוין מאַכן. דאָרטן אין ווייסן שטיקל לייוונט, אונטער די שמוציקע העמדער, וואַרט דאָך אויף אים...

— וואָס שלעפּן זיך אַזוי די שעהן?

סענדער האָט מיט די לעצטע כוחות אונטערגעשטופּט די וואַגאָ־נעטקע. אין בויך האָט ווידער אָנגעהויבן צו ברומען און ער האָט אויפסניי זיך געגומען צום אויסגעפּרוווטן מיטל: מאָרגן באַשיטן דאָס ברויט מיט צעמאָלענעם צוקער, איבערמאָרגן...

אָבער דאָס האָט שוין אויך ניט געהאָלפן.

פון דער אַרבעט איז סענדער געגאַנגען אַ מוטיקער, אַ שטאָלצער, ער האָט זיך געפילט ווי אַ זיגער, אַ נאַכט אַזאַ איבערצוקומען איז גאָרניט אַזוי גרינג — און ער איז דאָך איבערגעקומען! איצט גייט ער אַהין אין דעם קאַלטן, אומהיימלעכן באַראַק, וווּ עס וואַרט אויף אים דאָס ווייסע שטיקל לייוונט...

סענדער האָט פאַרשנעלערט די טריט.

נייע כוחות האָבן גענומען ריזלען אין זיין קערפּער און אים אונטער־געטריבן. אָט זעט ער די טעלעגראַפן־סלופּעס האַלב־פאַרזונקענע אין שניי, אַביסל ווייטער — די באַנרעלסן וואָס ציען זיך פון פאַבריק, פון רעכטס — דאָס שטיבל פונם באַן־שומר, די דריי פאַרשנייטע בעריאָזעס, דערנעבן דאָס בריקל — און באַלד נאָכן בריקל טונקלען זיך שוין אַרויס די באַראַקן.

צוקומענדיק צום בלאָק האָט ער אַפילו פאַרגעסן אָפּצוקלאַפּן דעם פאַרהאַרטעוועטן שניי פון זיינע לאַפּטשעס, געשווינד אַריין און געלאָזט זיך צום זעקל... פונם זעקל איז טרויעריק אַראָפּגעהאַנגען דאָס שטיקל לייוונט — אַ ווייסע פאָן אויף אַ באַלאַגערטער פעסטונג...

פּליטים

אַ פאַרפראָרענע נאַכט איז נאָכגעלאָפן נאָך די וואַגאָנען און מיט אײַז־קאַלטע פינגער געקלאַפּט איבער די ווענט, דורך שפּאַרונעס האָט דער ווינט אַרײַנגעיאָמערט, אויסמישנדיק זיך מיטן רעדער־געקלאַפּ.

שוין די פינפטע נאַכט אַזוי. די פינפטע נאַכט ווי דער לאַנגער עשאַלאָן אײַלט זיך צו די פאַרשנייטע ווייטן. דער לאָקאָמאָטיוו, באַהאַנגען מיט אײַז־צויטן און מיט הויכן שניי־אָנשיט, פילט ניט קיין שום מידקייט. די גרויסע באַלויכטענע שטעט היפּערט ער דורך מיט אַ לאַנג צעצויגענעם פײַף. די קליינע, פאַרשנייטע כוטאָרן גיט ער סתם אַ בלענד דורך, און אָט איז ער שוין ווידער אין פּוסטן פאַרשנייטן פעלד, שלעפּנדיק און טרייסלענדיק מיטן לאַנגן עק טעפּלושקע־וואַגאָנען.

דאָס אײַזערנע אײַוועלע אינמיטן פונם וואַגאָן איז צעברענט ביז רויט, אָבער קיינער קאָן ניט צוטאָן קיין אויג. סיידן די וואָס זיצן אַרום אײַוועלע פּילן די וואַרעמקייט וואָס שלאָגט פון דעם. אָבער ניין, אויך זיי האָבן קנאַפּ דערפון. פון פאָרנט אין פּנים אַריין שלאָגט די היץ, נאָר הינטן, אין די פּלייצעס, פּילן זיי דעם קאַלטן הויך פונם ווינט, וואָס מאַכט אויפשוידערן דעם גאַנצן קערפּער. אָבער ווי ס'זאָל ניט זיין איז לעבן אײַוועלע בעסער ווי דאָרטן אויף די הילצערנע נאַרעס. טוישט מען זיך טאָקע. יעדע שעה גייט איין גרופּע אַוועק און די צווייטע זעצט זיך אַרום. דער רויטער אָפּגלאַנץ פונם אָנגעגליטן אײַוועלע צעלייגט זיך אויף אײַנגעהויקערטע פּלייצעס, אויף אַראָפּגעזונקענע קעפּ...

די קנויט אין הענגנדיקן פאָנאַרל צאַפּלט און טרייסלט זיך אומרואיק אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. דער פראָסט ליגט אויף נאַרעס און פינקלט פון די ווינקלען אַרויס, און דער ווינט אין די שפּאַרונעס וואָיעט אַלץ פאַרצווייפלטער און פאַרצווייפלטער. די שאָטנס פון די זיצנדיקע וויגן זיך אויף די באַזילבערטע ווענט צום טאַקט פונם רעדער־געאײַיל.

לאַנג איז די נאַכט, צעצויגן אומענדלעך, און די קעלט שטייט — אַ קאַלטער גזלן, און לאָזט זיך דעם שלאָף אויף קיין וויַיל ניט דערנענטערן. מ'האָט שוין אַלע שמאַטעס פון די וואַנדער־זעק אַרויסגעשלעפּט און הויך אָנגעבערגלט אויף די פּלייצעס, אויף די קעפּ, אָבער די קעלט לעכערט אַלץ אַדורך און מיט ווילדער הנאה שטעכט זי די פּליטים־גופים.

און די רעדער פליען און פליען. די פלייצעס און קעפ נידערן נעבעטער, נעבעטער צום אייוועלע. די נאַכט האָט ניט קיין גרענעץ, און דאָס קנייטל אין פאַנאַר צאַנקט, גוסט און גייט פאַמעלעך אויס. די טעפּלושקע הילט זיך איין אין אַ דיקער שוואַרצער דעק, וואָס טיילט אָפּ איינעם פון צווייטן און יעדערער פילט זיך פאַרלאָזט, נאָך מער איינזאַם ווי ער איז. מען הערט זיך צו צום אייגענעם קלאַפּ פונם האַרצן, און צום קלאַפּן פון די רעדער וואָס שלינגען די מיילן און ניט געזעטיקטע שרייען זיי נאָך־נאָך־נאָך...

אינם חושכדיקן אַרום שפּרייט דאָס אייוועלע אַ רויטע רייף, וואָס פאַלט אויף יעדערן באַזונדער און אויף אַלע צוזאַמען — אַ בראַנדיק־גורלדי־קער גאַרטל, וואָס האַלט זיי פאַרקנופּט אין דער טעפּלושקע, וואָס טראָגט זיך אין אומבאַקאַנטקייט פון נאַכטיקער שוואַרץ.

עמיץ וויל מרה־שחורה פאַרדעקן, נעמט ער שטיל אַ ניגון ציען, באַר ווערט באַלד אַנטשוויגן. גרויליק צו זיצן אַזוי און שווייגן, פּרוווט מען זיך דערציילן וואָס עס קומט אויפן זכרון, אָבער דאָס קלעפּט זיך אויך ניט. דער אומעט וויל ניט אַנטרינען, כאָטש נעם און רייס זיך אַרויס דאָס האַרץ... די מידע בליקן בלייבן הענגען אויפן אייזערנעם, צעגליטן אייוועלע.

*

נאָך אַ נאַכט פאַריבער.

די לעצטע נאַכט־שאָטנס האָבן זיך פאַררוקט אין די וואַגאָן־ווינקלען. פון די נאַרעס האָט זיך דערהערט אַ באַוועגונג. מען איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער די מאַנטלען און אַלטע צעפליקטע דעקן. אַרויסגעקראָכן צו באַגעגע־נען דעם נייעם טאָג, דעם זעקסטן שוין.

פון דער אונטערשטער נאַרע איז אָפּגעגעקומען, מיט אַ קרעכץ, דער אַלטער ר׳ פּנחס. דאָס ווייב זיינס איז נאָך געבליבן ליגן. זי האָט צוגענומען זיין צעלעכערטע קאָלדרע און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך. אפשר וועט דאָך וואַרעמער ווערן און מען וועט כאָטש קאָנען אויף אַ שעה כאַפּן אַ דרימל. ר׳ פּנחס האָט מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג אַביסל אָפּגערוקט די שווערע טיר; אָפּגעגאָסן זיך נעגל־וואַסער און געשטעלט זיך דאַווענען. די טעפּלושקע טרייסלט זיך און דער סידור טאַנצט אין זיינע הענט — אָבער ר׳ פּנחס איז איינגעשפּאַרט. ער מוז גובר זיין אַלע שטרויכלונגען, ער מוז אויספירן און ער פירט טאַקע אויס. מעג זיך די באַן ווי טרייסלען, אַז ער שטייט „שמונה־עשרה" איז שטייט ער.

— נאָך גוט, טראַכט ער, וואָס ס׳איז געווען וואַסער אויף אָפּצוגיסן זיך די הענט. נעכטן, ווען מען איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט אויף אַ פּוסטן סטעפּ, האָט ער געבעטן מען זאָל אַריינכאַפּן עטלעכע עמערס שניי,

ווער ווייס ווי לאַנג מען וועט דאַרפן פאָרן ביז צו אַ סטאַציע, און טאָקע, פון נעכטן אינדערפרי האָט זיך דער עשאַלאָן אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט.

— אוי דער פראָסט, דער פראָסט, ווען וועט ער שוין פּלאַצן? ס׳איז דאָך ניטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן, — טראַכט ער ביי זיך ווען ער ענדיקט דאַווגען און וויקלט לאַנגזאַם צונויף די רצועות אַרום די תּפילין.

שוין דער זעקסטער טאָג. און ס׳דאַכט זיך אַז אַן אייביקייט דויערט עס שוין. ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק האָט מען געמיינט, אַז מען וועט אין אָט די פערדישע וואַגאָנען ניט קענען אויסהאַלטן. זענען די ערשטע צוויי טעג געווען ממש אַ גיהנום. אייגער דעם צווייטן האָט פּשוט פיינט געהאַט. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט האָט מען זיך אַרומ־געריסן. האָט זיך אייגעם אויסגעוויזן, אַז דער צווייטער האָט אויף דער נאַרע מער פּלאַץ פאַרכאַפּט, און יענעם איז ניט געפעלן וואָס זיין אָרט געפינט זיך אין דער אונטערשטער ריי.

ווען די רעדער האָבן אַדורכגעקלאַפּירט די לעצטע פּוילישע דערפער, און דער רוסישער סטעפּ האָט מיט טויזנטער ווידערקולן אָפּגעענטפערט אויפן לאָקאָמאָטיווס שניידיקן פייף, איז מען עפּעס שטילער געוואָרן, צוגע־לאָזענער געוואָרן. די נאַרע איז שוין ניט קליין געווען און די רוק־זעק האָבן שוין ניט פאַרשטעלט די שיין פונם קליינעם פענצטערל. מען האָט זיך פּלוצעם דערפילט עלנט, הילפלאָז, פאַרשליידערט אין אַן ענגער, צע־קייקלטער וועלט. אַ וועלט אַ צעדולטע וואָס שפּאַרט פאָרויס און פאָרויס אָן אַ באַשייד. האָט אייגער דעם צווייטן געזוכט. כאָטש קערפּער צו קערפּער האָט געקלעפּט, האָט מען זיך געזוכט, געוואָלט זיך געפינען.

אַפילו מיטן קריסטלעכן שכן, דעם וואַרשעווער טראַמוויי־פירער טאַדעאוש מיט זיין פרוי, אַפילו מיט זיי איז מען געוואָרן גוט־פריינד. דעם ערשטן טאָג, ווען מען איז אַריין אין די וואַגאָנען, האָט טאַדעאוש געוואָלט אויפהענגען אַ פּעקל אויף דער וואַנט לעבן דער אויבערשטער נאַרע, דאָרט וווּ די צוויי לאָדזשער שוועסטער ליגן. האָבן זיי אים ניט געלאָזט, ווייל ווען די באַן וועט פאָרן וועט זיך דאָס פּעקל הוידען. אָבער טאַדעאוש האָט זיך איינגעעשפּאַרט. אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט מען אים גערופן „אַנטיסעמיט״, און זאָל ער ניט מיינען אַז דאָ איז וואַרשע און יידן זענען הפקר. דאָ זענען רוסן און ניט די „גוטע״ פּאָליאַקן און ניט די דייטשע באַנדיטן. אויסגע־פירט האָט טאַדעאוש. אָבער דערפאַר האָט קיינער ניט צו אים און ניט צו זיין פרוי קיין וואָרט אַרויסגערעדט. און איצט איז אַלץ אַנדערש. ער, טאַדעאוש, צי איז זיין העמד ניט שוואַרץ ווי ביי אַנדערע און צי אונטער־שיידט זיך זיין ניט געגאָלט פּנים פון אַנדערע פאַרוואַקסענע פּנימער? אויך טאַדעאוש האָט אַלעמען שוין לאַנג פאַרגעבן. עס האָט אים געבונדן

מיט אַט די יידן אַ געמיינזאַמע שנאה צום דייטש און געמיינזאַמער גורל פון אומבאַקאַנטע ווייטן.

ער האָט אייגנטלעך געקאָנט בלייבן אין וואַרשע און ווייטער פירן דעם טראַמווײַ. זי, מאַרישא, האָט אים דאָס געבעטן צו טאָן. אויב אַזוי האָט זי אים קיינמאָל ניט געקענט. בלייבן מיט די דייטשן הייסט זיך אַליין פאַרלייקענען. איצט ליידט זי, מאַרישאַ, מאַכט אים פאַרווורפן. אָבער וואָס זאָל ער זאָגן, וואָס קאָן ער איר זאָגן. שווייגט ער און ליידט צוזאַמען מיט אַלעמען...

אַנדערש איז געוואָרן הער אַלבערט. די אָסט־יודן, די ניט־דערצוי־גענע, די ניט־קולטורעלע זענען אים איצט נאָענטער געוואָרן. זיינע צעטומלטע, צעשראָקענע בליקן האָבן אויפגעלויכטן, ווען עמעץ האָט זיך מיט אים צוגעזעצט און געכאַפּט אַ שמועס. אמת, דעם קראַוואַט טוט ער יעדן טאָג אָן אויפן קאָלירלאָזן העמד, דעם מאַנטל טרייסלט ער און פּוצט, און די נעגל זיצט ער שעהן לאַנג און רייניקט. נאָר דאָס וואָס ער איז געווען אין די ערשטע טעג איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן... דער זעלבער ייִד, מיט אויגן טיפע, ווו שרעק פון צוויי מאָל אַנטלויפן פונם דייטש ליגט אין די ווינקלען. ער גייט שוין מיט יעדן גלייך אויף די סטאַציעס נאָך „קיפּיאַטאָק”. אַז מ׳דאַרף ערגעץ אויסגעפינען האָלץ אויף צו הייצן, כאַפּט ער זיך פון די ערשטע. מען לאַכט שוין ניט פון זיין נעגל־פּוצן, פון זיין „יאַוואָל”, אָבער דער נאָמען „הער אַלבערט” איז פאַרבליבן. די צונג האָט זיך שוין אַנדערש ניט געלייגט. דער זיידענער קראַוואַט אויפן העמד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין צעקריכן, דער זיידענער קראַוואַט אַרום דעם האַלדז, וואָס האָט שוין לאַנג קיין זייף ניט געפילט, אָט דער קראַוואַט אין דעם צעטרייסלטן אַרום איז עפּעס געווען פרעמד, ניט פּאַסיק. אַז ס׳האָט אים ווער אָנגעקוקט האָט ער אַ ביטערן שמייכל געטאָן...

אויך גיטעלע, אַ פאַרקלעמטע אין איר צער, איז די גאַנצע צייט געווען פאַרשטעקט אין איר ווינקל, אויף דער מיטלסטער נאַרע, און זעלטן אַראָפּגעקראָכן און נאָך זעלטענער גערעדט. איר פלעגט ניט לאָקן דאָס צעגליטע אייוועלע, דאָס קליינע פענצטערל, דורך וועלכן מען קאָן לויט אַ רײַ, אַרויסקוקן און זען די רחבות׳ן פאַרדעקט און פאַרשלייערט אין ווייס־בלענדיקע הילעס און ניט די וואָקזאַלן, ווען דער עשאַלאָן פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ לענגערע צייט, אַלע פלעגן דאַן לויפן אָנקוקן, עפּעס קויפן און סתם זען נייע מענטשן, רוסן, מיט וועלכע מען קען זיך נאָך אַזוי גוט פאַרשטענדיקן. אַלע פלעגן לויפן, און זי, גיטעלע, האָט זיך ניט גערירט.

אָט טראָגט זי אונטערן ברוסט דאָס זעקעלע מיט פויליש געלט, איר

נדן, און עס בריט זי, יעדער באַריר פון דער לייוונט צום לייב צו גיט אַ שטאָך, גיט אַ ריס. ווערטלאָזע פּאַפּירלעך.

ווער זאָגט עס, ווער?!

אַ ליגן, אַ ליגן, ס׳איז איר בלוט, איר שוויס, איר פאַרטאַכלעוועט לעבן! אַ מאָדנע עקשנות האָט זי אַרויסגעוויזן דורך די אַלע יאָרן, ווייסנדיק, אַז זי קאָן קיינעם ניט געפעלן, ווייל וועלכער בחור וועט נעמען אַ מיידל מיט אַ פאַרבעלמט, מיט אַ הייטל פאַרצויגן אויג, און בשום אופן האָט זי ניט געוואָלט בלייבן אַליין, בשום אופן!

האָט זי געאַרבעט שווער און ביטער. אַ גראָשן צו אַ גראָשן געלייגט, געשפּאָרט, געשפּאָרט, און איצט ווערטלאָזע באַנקנאָטן...

זי ווייס ווי לעבערלעך עס איז דאָס באַהאַלטן אָט די צוגאָרניט טויגנדיקע פּאַפּירלעך. אָבער זי קאָן עס ניט טאָן. שטויביק־צעהיצטע פאַבריק־טעג ליגן אין דעם, אָפּגעזאָגטע פאַרגעניגנס, ניט באַזוכטע פאַרוויילונגען, ניט געקויפטע קליידער ליגן אין דעם...

די ערשטע דריי טעג אין דער טעפּלושקע איז איר ניט קיין חילוק געווען, צי די באַן לויפט, צי זי שטייט, צי ס׳איז אַ פראָסט אָדער ס׳פאַלט אַ שניי. אָבער אַז אַזאַ מוראַדיקער ווינט האָט גענומען אַריינקריכן, אַריינדרינגען דורך שפּאַרונעס, איז זי פלוצים אויפגעקומען ווי פון אַ לאַנגן שלאָף. מיט דעם איינעם טונקל־ברוינעם אויג האָט זי גענומען זיך אַרומקוקן און ניט בלויז אַרומקוקן. זי האָט גענומען זוכן מענטשן. זי האָט זיך גענומען צוהערן צום זדונסקע־וואָליער חזנס זינגען. זיין שטים אַ פאַרקילטע, און ביים זינגען פאַרוואָרפט ער דאָס קעפל, דער אַרויסגע־רוקטער האַלדז־קנאָפּ באַוועגט זיך ווי אויף אַ ספּרענזשינע, אַרויף און אַראָפּ. ער זינגט און ס׳דוכט זיך, אַז די רעדער נעמען אויך אויסהעמערן דעם ניגון.

גיטעלע קוקט אויפן חזן, אויף זיין ווילד־פאַרוואַקסענעם פּנים. זי באַמערקט אויך די צוויי לאָדושער שוועסטער, וואָס באַשמירן יעדן פרי־מאָרגן די נעז און די גאָמבעס מיט פודער, באַהאַלטענערהייט. גיטעלע זעט ר׳ פּנחסן מיט זיין משפּחה. זי איז זיי מקנא, ווי מען גרייט דאָס עסן, ווי איינער דאגה׳ט, העלפט דעם צווייטן, ווי דער יונגערער זון האַלט אַ פושקע מיט אַ דראָטן אויערל אויפן אייוועלע און קאָכט קאַווע. גיטעלע זעט אויך זעליגן, ווי ער ליגט שוין דעם דריטן טאָג מיט היץ און ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַן איבעריקע שמאַטע, האָט עס אויף אים אַרויפגעלייגט.

✶

שוין צען טעג ווי דער עשאַלאָן טראָגט זיך און יאָגט זיך, און די

רעדער דערציילן אַלץ דאָס זעלבע און פאַרן פענצטערל פון דער טעפּלושקע האָט דער ברייטער, פאַרשנייטער סטעפּ זיך געטוישט מיט געדיכטע וועלדער. וועלדער האָבן געשטרעקט די אָרעמס צו בערג און בערג האָבן געבויגן זייערע קעפּ צו ברייטע פאַרפראָרענע טייכן.

זעליג איז היינט דאָס ערשטע מאָל אויפגעשטאַנען. בלויע קרייזן האָבן באַרעמט זיינע אויגן און די באָרד איז ביי אים אַזוי צעקנאָדערט געווען, אַז מ'האָט קוים אַרויסגעזען דאָס מויל.

דורך אַלע טעג פונם גרויסן פיבער איז גיטעלע פון אים ניט אָפּגעטראָטן. ווי נאָר אַ סטאַנציע איז זי שוין געלאָפן קויפן טיי אָדער עפּל פאַרן קראַנקן און אים צוגעלייגט נאַסע טיכער צום ברענענדיקן שטערן. ער, זעליג, האָט מיט זיך געלאָזט טאָן אַלץ. ער איז געוואָרן אומבאַהאָלפן און די גאַנצע זיכערקייט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ווען די היץ פלעגט קלענער ווערן, פלעגט ער מיט אַ שוואַכער שטים איר אַלץ דערציילן. פאַר איר האָט ער זיך עפּעס ניט געשעמט. ער האָט איר אַפילו געזאָגט, אַז ער וויל שטאַרבן, אָבער אין די שפּעטערדיקע טעג, ווען אים האָט אָנגעהויבן בעסער ווערן, האָט ער שוין ניט געטראַכט דערפון. אויף איינער אַ סטאַנציע האָט מען אים געוואָלט אַראָפּנעמען אין שפּיטאָל אַריין, אָבער זעליג האָט ניט געוואָלט, און היינט איז ער אויפגעשטאַנען, אַפילו זיך צוגעזעצט צום אייוועלע. אַלעמען איז עס געווען אָנגענעם צו זען און פאַר גיטעלען איז עס געווען אַ גרויסע פרייד. ר' פּנחס האָט אַ הויב געטאָן די געדיכטע ברעמען. ווען גיטעלע איז אויף איינער פון די סטאַנציעס אַראָפּ עפּעס קויפן, האָט ער זיך צוגערוקט צו זעליגן און גענומען שטיל מיט אים רעדן. דערנאָך האָט ער אין אַ ווינקל גערעדט מיט גיטעלען. זי האָט זיך גערויטלט, אומבאַהאָלפן געוואָרפן מיט די הענט און דאָס איינע אויג האָט זיך אָנגעגאָסן מיט ליכט.

אויף צו מאָרגנס האָבן אַלע געוווּסט, אַז אין דריי טעג אַרום שטעלט מען טאַקע דאָ, אין וואַגאָן, אַ חופּה. דאָס נייס האָט יעדערן אַ ניי לעבן אַריינגעגעבן. מ'איז געוואָרן רירעוודיקער, מ'האָט אַ ווייל פאַרגעסן וווּ מען געפינט זיך, אַז הינטער זיך האָט מען אַ „דאָרטן" און פאַר זיך קאַלטע, פרעמדע ווייטן. מ'האָט פאַרגעסן און יעדערער האָט זיך אין האַרצן געגרייט צו דער חתונה. דאָס נייס איז באַלד אַדורכגעדרונגען צו אַלע פיר־און־צוואַנציק טעפּלושקעס.

ר' פּנחס האָט פון זיך ווי אַקוראַט אַראָפּגעוואָרפן די יאָרן. אויף די סטאַנציעס, ווען דער עשאַלאָן איז געשטאַנען, איז ער אַרומגעלאָפן ווי אַ יינגל איבער די וואַגאָנען און געזוכט צו קויפן אַ רינגל. ביי אַ קראָקאָווער אַדוואָקאַטין האָט ער געטראָפן אַן אָנדענקונגס־רינגל, דאָס איינציקע

וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט. זי האָט אָבער קיין געלט ניט געוואָלט, זי וויל אויך צולייגן אַ האַנט צום גרויסן יום־טוב.

אַלע פריערדיקע טעג זענען פאַר די וואַגאָן־מענטשן געווען צייללאָז — מאַטערנדיקע, יעדן ניי־אָנגעקומענעם טאָג האָט מען באַגעגנט מיט פאַרטייעטער שרעק. די דריי טעג זענען אָבער עפּעס אַנדערע געווען. צי ווייל דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזן, דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט און אינמיטן טאָג איז אַרויסגעקומען אַ קאַלטע זון. גיכער פון אַלץ איז עס געווען די חתונה פון זעליגן מיט גיטעלען. יעדערער האָט זיך געגרייט. מ׳איז ניט געגאַנגען קויפן קיין נייע קליידער, מ׳האָט ניט געקאָכט און געבאַקן, דאָס האָבן די טעפּלושקע־איינוווינער ניט געקאָנט טאָן, געגרייט האָט מען זיך אינערלעך, מען האָט ס׳האַרץ אויסגעלייטערט אויף אַ ווייל, באַמיט זיך צו פאַרדעקן די ווייטיקן פון נעכטן און דעם אומרו פאַרן מאָרגן.

און אָט איז דער טאָג געקומען. באַלד נאָכן אָנבייסן האָט מען וואַרלאָשן דאָס אייוועלע, צענומען עס און פאַררוקט הינטער אַ נאַרע. עמיץ האָט אין זיין רוק־זאַק געפונען אַ ווייסן גאַזע־באַנדאַזש, האָבן די ווייבער דאָס אויסגעוואַשן און צונויפגעשטוקעוועט פאַר דער כלה אַ קאָפּ־צודעק. פאַר גיטעלען און זעליגן האָט מען צוגעטיילט אַ גרעסערע מאָס וואַסער. האָבן זיי זיך ווי־ניט־איז אַרומגעוואַשן. יעדערער האָט זיך באַמיט מיט עפּעס בייהילפיק צו זיין, יעדערער האָט זיך געפילט ווי אַן אייגענער אויף דער שמחה. עמיץ האָט אויסגעקראַצט אַ ליכטל, האָט מען עס צעשניטן אויף קליינע, גאָר קליינע שטיקעלעך, ווייל יעדערער האָט געוואָלט האַלטן אַ ליכטל.

די צוויי לאַדזשער שוועסטער האָבן זעליגן געגעבן אַ צעבראָכן, האַלב־אָפּגעריבן שפּיגעלע ביי וועלכן ער האָט זיך צעקעמט, מיט מי און מאַטערניש, די צונויפגעקנוילטע האָר פון באָרד און קאָפּ. ווען די באַן האָט זיך אַ ווײַלע געשטעלט, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט נאָך עטלעכע יידן. ר׳ פּנחס האָט געגרייט די כתובה. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און געשריבן מיט אַ האַנט וואָס האָט געציטערט פון גערירטקייט. אויף דער רעכטער זייט וואַגאָן איז געזעסן זעליג און אויף דער לינקער — גיטעלע. אינדערמיטן האָט מען דערוויל אויסגעשפּרייט ר׳ פּנחסעס טלית.

טאַדעאוש איז געזעסן אויף דער נאַרע לעבן זיין ווייב. אויך אויף זיין מידן פּנים איז געווען קאָנטיק אַ פרייד, אויך ביי אים האָבן די אויגן געלויכטן מיט אַן אַנדער קאָליר. בלויז זיין ווייב איז געווען גלייכגילטיק. ווען די שטיקלעך ליכטלעך האָבן פריילעך אַ בלאַנק געטאָן און ר׳ פּנחסעס ווייב מיט דער שנור האָבן צוהאַלטנדיק גיטעלען אונטערגעפירט אונטער

דער חופה און פון דער אַנדער זייט האָט מען געפירט זעליגן, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן צו טאַדעאושן:

— זע נאָר וואָס די זשידעס פראַווען פאַראַ קונצן...

טאַדעאוש איז בלאַס געוואָרן. ער האָט איבערגעפירט דעם צע־שטראַלטן בליק אויף זיין פרוי, און ווען דער בליק האָט אויף איר גערוט, האָט ער שוין געשפריצט מיט קאַלטן, איינגעהאַלטענעם כעס. זיינע פינגער האָבן אָנגעכאַפּט איר האַנט און פעסט, מיטן גאַנצן כוח, גענומען דריקן, ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן אירע ווערטער: — שווייג מאַרישאַ, שווייג! — האָט ער איר מיט אַ שניידנדיקן פליסטער אַריינגערעדט גלייך אין פנים אַריין — ער האָט אָפּגעהאַקט און באַפרייט איר האַנט פון זיין פינגער־קלעם.

דערווייל האָט מען אָנגעגאָסן דעם כוס, דאָס בלעכענע קאָנסערווון־פושקעלע, און ס׳האָט זיך צעטראָגן זעליגס שטים, וואָס האָט זיך געפּאַלדעוועט, דאָ הויך, דאָ שטיל געוואָרן: הרי אַת...

די רעדער האָבן מיט געאייל באַכגעזאָגט „הרי אַת״ און ווען זעליג האָט דעם אונטערגערוקטן כוס צעטראָטן — האָבן אַלע אויסגעשריגן: מזל־טוב, מזל־טוב!...

הער מיך אויס, ווו דו ביסט דאָרט!

איך וועל דיר קיינמאָל ניט קאָנען אָפּקויפן, אָפּגעבן יענע אַרומגעצופּטע, אַרומגעגריזשעטע שטיקל שוואַרץ־ברויט.

איך ווייס ניט ווו דו געפינסט זיך אַצינד און ווען איך זאָל עס יאָ וויסן און צושיקן דיר אַפילו אַ גאַנצן וואַגאָן ברויט, וועל איך דיר אַלץ שולדיק בלייבן יענעם פאַרדאַרטן פּענעץ, וואָס כ'האָב ביי דיר אין יענע מלחמה־יאָרן, אין יענע הונגער־טעג אָוועקגענומען.

הער־זשע מיך אויס, ווו דו ביסט דאָרט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. כ'וויל זאָלסט עס וויסן, ווייל איך ווערג זיך נאָך היינט מיט יענעם ביסן. מוזט ווערן אַ שותף צו מיין סוד, אפשר וועט מיר גרינגער ווערן. — —

ס'איז געווען פרילינג־צייט. באַטש די נידעריקע אוראַלער בערג האָבן נאָך געטראָגן ווייסע פּעלצן, כאָטש אויף דעכער האָבן נאָך נאַכט־פרעסטלעך געפלאָכטן אייז־צעפּ און פון די הויכע יאָדלעס זענען אין די פאַרטאָגן געפאַלן טויטע, פאַרפראָרענע פייגל, — האָט מען דעם פרילינג דאָך דערפילט. אַמאָל דורך אַ הייסערן זון־שטראַל, אַמאָל דורך אַ מילדערן ווינטל, און אָפטער שוין האָט מען געהערט אין די נעכט ווי דער דיקער אייז־צודעק אויפן קאַמע־טייך נעמט טראַסקען, פּלאַצן. נאָר אין אונדזער גרויסן, אומהיימלעכן באַראַק האָט מען מיט גאָרניט ניט געקאָנט מערקן, אַז דער פרילינג איז געקומען. די זעלבע פייכטע האָלץ־ווענט, די זעלבע דרייגאָרנדיקע פּריטשעס און די זעלבע האַלב־פינצטערניש. און אין דער פינצטערניש — מיר. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז דאָס עטעמען מיר אַרויס פון זיך אַזאַ טונקלקייט און צעהענגען עס אין דער קאַלטער באַראַק־לופט.

צו דער אונטערשטער נאַרע פונם באַראַק־ווינקל, ווו מיר, פיר יידן, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ביסטו געקומען פון ערגעץ אַן אַנדער באַראַק כדי צו זיין אַ פינפטער אין אונדזער קליינער עדה. מיר האָבן דיך אויפגענומען. חוץ מיט דער געשפּאַלטענער ליפּ האָסטו זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון אונדז. די זעלבע וואַטענע קופייקע פול מיט לעכער און וואַטע־צויטן, די זעלבע ליקענע לאַפּטשעס אויף די פיס און דער זעלבער טיפער נעפּל אין די מידע, הונגעריקע אויגן. נאָר אַנדערש ביסטו געווען פון אונדז — אין דיין האַלטונג. האָסט זיך ניט באַקלאָגט אויף דער שווערער

אַרבעט און ניט אויפֿן הונגער. מיר האָבן דיך באַוווּנדערט.

דער איינציקער שמועס, ליגנדיק אויף די שמוציקע ברעטער נאָך אַ צוועלף־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג, איז געווען וועגן עסן. וועגן יידישע מאַלצייטן. אויך די שכנים פֿון די אויבערשטע נאַרעס, די טאָטערן, די אוקראַינער און רוסן, האָבן וועגן דעם זעלבן געשמועסט און די נעמען פֿון די יידישע מאכלים זענען ציטערנדיק, ניט דרייסט אַרויסגעפֿלויגן פֿון אונטער די אונטערשטע נאַרעס ווי קראַנקע פֿייגל, זיך אָנגעטראָפֿן מיט די רוסישע, טאָטערישע, לאַנג אַרומגעשוועבט אין דער קאַלטער האַלב־טונקלקייט און צוריק אַראָפּגעפֿאַלן, שוין ניט ווי פֿייגל, נאָר ווי שווערע שטיינער...

דו האָסט אין די געשפּרעכן ניט אָנטיילגענומען. אַ שטיל־שווייגן האָט פֿאַרזיגלט דיינע בלאָע ליפּן. אַנדערע האָבן געמיינט — דו שלאָפֿסט; נאָר ביסט ניט געשלאָפֿן. פֿאַרקערט, דיינע אויערן זענען געווען וואַך און אַפֿילו אָנגעשטרענגט. האָסט אונדזערע געשפּרעכן איינגעזאַפּט ווי עפּעס אַ ווייטע, צאַרטע מוזיק, וואָס מיט יעדן גליד פֿון דיין קערפּער ציסטו זיך צו איר און זי, די מוזיק, דערווייטערט זיך אַלץ מערער, אַלץ ווייטער. עפּעס אַ שעמעוודיקייט איז געלעגן אין דיר, אַ שעמעוודיקייט פֿון ניט וועלן זיך מודה זיין אַז ביסט הונגעריק.

בלויז איינמאָל האָב איך עס געהערט אויף דיינע ליפּן. ס׳איז דעמלט געווען אַ גרויסער פֿראָסט. דו ביסט ניט געגאַנגען מיט אונדז צו דער אַרבעט, געבליבן איינער אַליין — אַ פּעקל שמאַטעס אויף די הוילע נאַרע ברעטער, מיט גרויסן פֿיבער. שפּעטער, ווען מיר זענען צוריקגעקומען און איך האָב מיינע פֿאַרפֿראָרענע הענט געוואַרעמט ביי דיין בריענדיקן לייב, און דער אָוונט האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען די קאָנטורן פֿון דיין קאָפּ, — האָסטו צו מיר שטיל אַ קרעכץ געטאָן:

— כ׳בין הונגעריק.

איך בין אַליין געלעגן פֿאַרקלעמט פֿון הונגער־ווייען. כ׳האָב דאָס וואָרט אויף אַלע שפּראַכן, פֿון אַלע מיילער געהערט. אָבער אין דיין מויל האָט עס געקלונגען אַזוי ניי און אַנדערשדיק, אַז כ׳האָב זיך דערשראָקן...

צו מיר האָסטו עפּעס געהאַט אַ באַזונדער געפֿיל — האָסט זיך מיט מיר אָפּט באַראָטן און ביי מיר, דעם שוואַכערן, געפֿרעגט עצות. דאָס האָט מיך אָפּטמאָל איבערצייגט, אַז איך בין ניט סתם אַ נאָמענלאָזער „באַטאַליאָנשטשיק״, ווי די איינוווינער פֿונעם קליינעם אוראַלער שטעטל האָבן אונדז, מאָביליזירטע אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען, גערופֿן; אַז אַ שטיקל מענטש זיצט נאָך אין מיר און ס׳איז דאָ ווער, וואָס רעכנט זיך נאָך מיט מיינס אַ מיינונג.

און עס איז געקומען יענע נאַכט, ווען איך האָב זיך פּלוצים אויפגע־וועקט, און ווי טונקל עס איז ניט געווען האָב איך לעבן דיר דערזען דאָס שטיקל אַרומגעגריזשעטע ברויט. דיין קליין קעשענע־מעסערל האָט אין דעם געשטעקט און ווי אַן אויסגעשטרעקטער פינגער געוויזן:

— נאַ, זע: דאָס איז ברויט. —

כ׳האָב געוווּסט וואָס דאָס איז פאַר אַ ברויט און וויפל ווילן דו האָסט געדאַרפט האָבן כדי דעם ביסן איבערצולאָזן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן... קיינמאָל האָסטו עס ניט געטאָן און נאָר דו ביסט פעאיק געווען צו מאַכן אַזאַ עקספּערימענט. יחידים זענען געווען, וואָס האָבן אַ פּעניץ איבער־געלאָזט. און אויב שוין איבערגעלאָזט, האָבן זיי עס גוט באַהאַלטן, ס׳רוב אין בוזעם אַריין, דאָס הוילע לייב זאָל פילן, אַז ס׳איז פאַראַן. דו האָסט דאָס ברויט ניט באַהאַלטן. ס׳איז געבליבן ליגן אַרומגעצופּט און פאַרגליווערט און דאָס קליינע מעסערל האָט אויף דעם געטייטלט, געטייטלט: — נאַ, זע! דאָס איז ברויט. —

שעהן האָבן אַרום מיין קאָפּ אַרומגעקרייזט. יעדע שעה האָט ווי אַ ראָב זיך אַראָפּגעלאָזט און ערגעץ אַזוי נאָענט געפּיקט, געפּיקט... און ווען די פינפטע, שלאָפלאָזע שעה האָט אָנגעפּויזעט, זענען שוין פון מיין באַוווּסטזיין געווען אַרויסגעפּיקט די פּריטשעס, די שלאָפנדיקע, אויך דו ביסט פאַרשווונדן. געבליבן איז בלויז אַ שוואַרץ שטיקל ברויט, דיין ברויט. און... און איך האָב עס איינגעשלונגען...

געפונען האָסטו בלויז דאָס קליינע מעסערל מיט די פאַרטריקנטע זשאָווער־טרערן. ביסט אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער נאַרע און געוואָרפן צאָרנדיק־פאַרדעכטיקע בליקן צו די אויבערשטע נאַרעס, דאָרט ווו די טאָטערן און אוקראַינער ליגן. דאָס ניט חושד זיין מיך האָט נאָכמער געברענט מיינע אינגעווייידן ווי וואָלסט צו מיר געווען וואַרפן אַ קרומען בליק. האָסט אָפילו צו די איבעריקע יידן ניט פריינטלעך געקוקט. דאָס אויס־טיילן מיך פונם גאַנצן אַרום, דער בלינדער גלויבן אין מיר, איז געווען די גרעסטע שטראָף וואָס כ׳האָב געקענט באַקומען. מיינע בליקן — צווײ אַלטע בעטלערס — האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף דיינע שמאָלע, איינגע־דאַרטע אַקסלען און געבעטן רחמים: „כאָטש איין פאַראַכטונגס־צייכן באַוויז צו מיר, טו מיט מיר דעם חסד“... אָבער דיינע בליקן האָבן מיך ווייטער באַשאָנקען מיט לויטערער פריינטשאַפט און מיינע אויגן האָבן דעם זעלטענעם געשאַנק ניט געקענט אויפנעמען, אויסטראָגן. האָבן זיי זיך געבראָכן, צו דער ערד געפאַלן...

„סדר"־נאַכט

די קאַמע האָט געריירט.

שטיקער אייז זענען איינס איבער ס׳אַנדערע געשפּרונגען, מיט אימפּעטיקן אומגעדולד געשטופּט זיך, געריבן זיך און אין דעם געדראַנג האָבן זיי זיך געשפּאָלטן, געפּערטלט. אונטערגעטוקט זיך אינם טונקל־גרינעם וואַסער און אויפסניי אַרויפגעשווומען, כדי זיך ווידער צו צעברעקלען, פאַרקלינגענדיק די לופט מיטן געבראַזג פון צעקלאַפּטן גלאָז.

די „באַטאַליאָנשטשיקעס" האָבן אין די נעכט זיך צוגעהאָרכט, ווי דער ווינט האָט דעם טייך אויפגעבאַפּט און אים פאַרשלעפּט צו די באַראַקן, פאַרשלעפּט מיט זיינע קלאַנגען ווי גלעזערנע הייזער, קרישטאָלענע פּאַלאַצן וואָלטן זיך געשפּאָלטן און געקרישלט; ווי ס׳וואָלטן חרוב געוואָרן גאַנצע וועלטן.

בעריש איז אַ פאַרדאגהטער געוואָרן. דאָס פּנים לענגער און די קנייטשן טיפער. אָן אומרו האָט זיך אַרום זיינע מויל־ווינקלען און אין זיינע גראָע אויגן צעלייגט. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון אָן אונטערש־טער פּריטשע און שטיל צו זיך גערעדט, געציילט, פאַרמאַכט אַ פינגער נאָך אַ פינגער, באַלד זיי געשווינד צעעפנט און ווידער אָנגעהויבן פונדאָסניי.

דעם דריטן אויפדערנאַכט איז בעריש צוגעגאַנגען צו די איבעריקע יידן און זיי אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן איז, לויט זיין אויסרעכענונג, די ערשטע סדר־נאַכט. די ערשטע סדר־נאַכט — מען מוז זיך גרייטן.

די יידן האָבן אים אויסגעהערט, אָנגעקוקט און ניט באַנומען, נאָר ביסלעכווייז האָט „דאָס גרייטן זיך" אָנגעהויבן טאָגן אין זייערע אויגן־אַפּלען. זיי האָבן צומאָרגנס, גלייך נאָך דער אַרבעט, אַליין ניט געפילט, ווי גרויס ס׳איז געווען דאָס געאייל אין באַראַק אַריין.

ווי נאָר זיי זענען געקומען, איז בעריש נעלם געוואָרן. ווען ער איז אַרויס פון באַראַק, האָט אים די פינצטערניש איינגעזאַפּט, ער האָט זיך דערווייטערט פון די באַראַקן, אַריין צווישן די ביימער, גענומען זוכן די דיקע יאָדלע מיטן טיפן זעגן־שניט און זי ניט געפונען. די ליכטער פון די באַראַקן האָבן זיך קוים אָנגעזען און בערישן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זענען וועלפישע אויגן; אַז באַלד וועלן די וועלף פון אונטער די ביימער

אַרויסשפּרינגען און אים פֿאַרצוקן. ענדלעך האָט ער דעם בוים געפֿונען, דאָס שניי אָוועקגעשאַרט.

— בחינם איז געווען מיין שרעק, דאָ איז דאָס ברויט זיכערער געווען ווי אין באַראַק — האָט בעריש אַ טראַכט געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער קיך.

ער האָט אָנגעקלאַפּט און לאַנג געוואַרט, דערנאָך נאָכאַמאָל אָנגע־קלאַפּט. אַ צעבייזערטע שטים האָט אַ פֿרעג געטאָן — ווער איז? —

— עפֿן! —

— ווער ביסטו כ׳זאָל עפֿענען? — איז די שטים נאָך העכער און בייזער געוואָרן.

— עפֿן, כ׳האָב פֿאַר דיר מאַכאָרקע! —

די טיר האָט זיך צעעפֿנט. אַ הייסע פּאַרע און אַ זופּן־ריח האָט אַ זעץ געטאָן אויף בערישן.

— כ׳וועל קענען אָפּטריקענען ברויט? האָט בעריש אַ פֿרעג געטאָן דעם הויכן רוס מיט די פֿאַרמעליקטע הענט.

— טריקן, טריקן, נאָר גיב שוין די מאַכאָרקע, כ׳שטאַרב נאָך אַ „צי״! — איז דער רוס אומגעדולדיק געוואָרן.

צוריקגעקומען אין באַראַק אַריין איז בעריש מיט פֿינף פּענעצלעך אָפּגעטריקנט ברויט. ער האָט עס געהאַלטן אויף די האַנטפֿלאַכן ווי מען האַלט אַ ניי געבאָרן קינד. צוקומענדיק צו די ניט־געהובלעוועטע נאַרע־ברעטער, האָט ער דאָס ברויט מיט פֿאַרזיכט צעלייגט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון די פּיס־אַניטשעס אַ שמוציק קניפּל, צעוויקלט עס און אַביסעלע צעמאָלענער צוקער האָט זיך צעהעלט. בעריש האָט דעם צוקער אַריינגעטאָן אין געקאָכט וואַסער און דאָס צעגאָסן אין זעקס בלעכענע פּושקעס.

— יידן — איז בעריש זיי אַנטקעגנגעגאַנגען — וואָס שטייט איר, ס׳איז שפּעט, וואַשט אייך, טוט זיך איבער, מיר דאַרפֿן זיך באַלד זעצן צום „סדר״!

— מען טאָר, חלילה, קיין יום־טוב ניט פֿאַרשטערן! — האָט ער צוגעגעבן זעענדיק זייער פֿאַרלאָרנקייט; און ווען זיי זענען ווייטער געבליבן פֿאַרגליווערט אויף זייערע ערטער ווי גראָע שטיינער האָט בעריש זיין מוט און זיכערקייט פֿאַרלאָרן. ער האָט מורא געקראָגן אַריינצוקוקן אין די יידנס פּנימער, אָנצוטרעפֿן זיך מיט זייערע בליקן.

— מיט וואָס זיך גרייטן, וואָס אָנטאָן? אַז דאָס בגד מיט די וואַטע־צויטן איז דאָס איינציקע וואָס פֿאַרדעקט דאָס לייב; אַז דער באַראַק איז

לאַנג, מיט שטיקער חושך אויף די ווענט און קיין אייגן ווינקל איז ניטאָ; פון אַלע זייטן מענטשן מיט פרעמדע לשונות.

בערישן האָט זיך אויסגעוויזן אַז אַזוי רעדן צו אים די יידנס בליקן, האָט ער ווי אַ שולדיקער דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. נאָר געדויערט האָט עס אַ ווײַלע, באַלד האָט ער דעם קאָפּ צוריק אויסגעגלייכט, מיט האָפערדיקע טריט אַוועק אין זיין ווינקל, צעוויקלט זיין זעקל, לאַנג דאָרט מיט די הענט געשאַרט, געזוכט און צום סוף אַרויסגעצויגן אַ צעדריוולט שאַליקל, אַרומגעבונדן זיך דעם האַלדז.

— אַ שאַליקל.

און פאַר די יידן איז עס פּלוצעם געוואָרן דער גדר, די מחיצה, וואָס טיילט אָפּ די נאַכט פון די איבעריקע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר.

דאָס שאַליקל האָט אויף בערישעס האַלדז אַ מיניע געטאָן מיט אַלע היים־פאַרבן, מיט ווייסע טישטעכער, זילבערנע בעכערס, מיטן אויסגעהאָפטענעם מצה־טעשל, מיט ליכט אויפן טיש, מיט ליכטיקייט אין די ווינקלען — — —

פון יעדער פעדימל האָבן זיך געטראָגן אַלץ ביי און נייערע בילדער, אַלץ פרישערע דערמאָנונגען און מיט וואַרעמקייט זיך געשפּרייט איבער די יידנס קעפּ, איבער די יידנס אַקסלען...

שטיל האָט מען זיך געוואַשן און נאָך שטילער האָט מען זיך געזעצט צום „סדר”. די שכנים פון די אויבערשטע נאַרעס, די רוסן און קירגיזן, האָבן זיך מיט נייגעריקייט אויסגעשטעלט אַרום די פינף יידן וואָס לעבן יעדערן פון זיי איז געלעגן אַן אָפּגעטריקנט ברויט־ברעקל און אַ בלעכל מיט וואַסער.

נאָר איין בלעכל איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אינמיטן פונם ברעט. נאָך גרעסער איז ביי די אַרומיקע געווען דער חידוש, וואָס דאָס ברויט ליגט און קיינער פון די יידן איילט זיך עס ניט איינצושלינגען.

די רוסן און קירגיזן האָבן ניט געוווסט, אַז דאָס פּראַווען אַזוי די יידן אויף שטום־לשון דעם אַלטן יום־טוב, אַז מיט די בליקן ריכטן זיי אָפּ דעם „סדר”. די יידן האָבן די אַרומשטייענדיקע ניט באַמערקט, פּונקט ווי ס׳זענען פאַר זיי פאַרשוווּנדן די נאַסע האַלץ־ווענט, די פּריטשעס, די אויוונס. זייערע אויגן האָבן געוואַנדערט פונם אָפּגעטריקנטן ברויט צו בערישעס שאַליקל, און פונם שאַליקל צום זעקסטן בלעכל וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פון דעם ברעט.

דאָ האָבן זיך די אויגן פאַרהאַלטן און לאַנג, לאַנג אַריינגעבליקט אינם אָפּגעזיסטן וואַסער, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס אויסגעקוקט, אויף עפּעס געוואַרט...

חיים שפּיל...

כ'ווייס ניט דיין פולן נאָמען, פּונקט ווי כ'ווייס ניט ווי איז געווען דיין לעבן און דיין שטאַרבן, און ווי אַזוי דו קומסט צו ליגן אין ווייטן אוטמורדן־לאַנד אויף אַ פרעמדן בית־עולם — אַ מצבה צווישן אַזויפיל פרעמדע בערגלעך פון דעם אוטמורדישן דאָרפס־באַגרעבעניש.

אפשר האָסטו געהייסן... כ'ווייס ניט, די צייט האָט דעם שטיין איינגעהויקערט און די ווינטן, רעגנס און שנייען האָבן די פאַרב, די טונקעלע פאַרב אויפן פשוטן שטיין דאָ און דאָרט אָפּגעריבן.

פאַרמעקט איז געווען דער טאָג פון דיין געבאָרן און פון דיין שטאַרבן צווישן די שטיין־פאַלדן. פאַרשווענקט האָט דער רעגן, פאַרריבן — דער ווינט, און דער שניי האָט מיט ווייס־זילבערנע צינגער אויסגעלעקט טראָפּ נאָך טראָפּ די שוואַרצע פאַרב.

אין מלחמה־יאָרן בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן צו די טרויעריקע אוטמורדישע סטעפּעס. צווישן פרעמדע מענטשן, קליינע אין געוויקס, ברייט־פּלייציקע, מיט שיפּע אויגן, מיט אַן אויסטערליש לשון אין מויל.

דאָס דאָרף איז געווען קליין און די איינוווינער האָבן נאָר געהערט אַז ס'זענען פאַראַן יידן. כ'האָב מיט זיי צוזאַמען טאָרף געטריקנט, צוזאַמען אונטערגעהונגערט, אָבער באַזונדער, ביחידות, געטראָגן מיין יידישן ווייטיק; און אַז די רוסישע צייטונגען, וואָס זענען אָנגעקומען אין דאָרף, האָבן צווישן די שורות מיר געבראַכט די היים־אימה, איז די בענקשאַפט צו זען אַ יידן, אַ יידיש פּנים, צו הערן אַ יידיש וואָרט אַזוי גרויס געוואָרן, אַז אַפילו אָט די פרעמדע מענטשן האָבן מיך מיט אַ שלעכטן רוסיש גענומען טרייסטן.

ס'האָט געטראָפן, ס'איז אַ מענטש אין טאָרף פאַרפאַרן געוואָרן. איינער פון זיי, וואָס איך האָב מיט אים געאַרבעט, מיט דעם זעלבן פוטערנעם היטל, מיט ליקענע לאַפּטשעס אויף די דיקע אָניטשעס, מיט דעם זעלבן טולופּל, פון וועלבן מ'האָט געפילט פון ווי ווייט דעם שעפּסן־ריח.

אַ מענטש, און אַזוי שטיל, אַזוי מאָדנע שטיל איז ער אַוועק. דעם טאָרף וועט מען ווייטער גראָבן, פערד מיט אייז־צויטן ביי די נאָזלעכער, מיט לאַנגע שליטנס וועלן דעם טאָרף אַוועקפירן, און ער, דער מענטש, וועט ניט זיין.

די אומענדלעכע ווייטקייטן פונם סטעפּ, די צויטן אייז פון די

פערדישע נאָז־לעכער און פון מענטשלעכע בערד, האָב איך געפילט, נעמען זיך צונויף, דרינגען אין מיר אַריין און נעמען אַרום מיין האַרץ מיט פּראַסטיקע רייפן... מיר האָבן דעם מענטשן באַגלייט אויפן „קלאַדבישטשע".

די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דינעם צעפינקלטן שניי־פּולווער, וואָס דער ווינט, אַרויסשפּרינגענדיק אומגעריכט פון הינטער אַ בערגל, האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ געדיכטן טומאַן.

כ׳בין צוריקגעגאַנגען, הינטער מיר איז פאַרבליבן אַ שוואַרצער בערגל־פלעק. דער ווינט איז אַנטשוויגן געוואָרן, דער טומאַן האָט זיך אַראָפּגעזעצט און פּלוצעם האָבן אַ בליי־אַרויס געטאָן פון צווישן דער בלענדיקער ווייסקייט טונקעלע, פּירקאַנטיקע אותיות, יידישע אותיות...

אַ כוואַליע פון פרייד און וואַרעמקייט האָט מיך צוגענאַגלט צום אָרט פון דער אומדערוואַרטעטער און זעלטענער אַנטפּלעקונג.

ח־יי־ם...

צובייגנדיק זיך נענטער צום שטיין וואָס דער ווינט האָט פאַר מיר אָפּגעדעקט, האָב איך איבערגעלייענט:

חיים...

האָב איך געקוקט אויף די צעדרייטע אותיות, אין גאַייל געשריבענע.

חיים — לעבן.

אויף אָט דעם טרויעריקן פעלד פון פאַרגאַנג האָט עס אַזוי מאָדנע, מאָדנע געקלונגען. כ׳האָב פאַרזיכטיק אַוועקגענומען דעם רעשט שניי פון שטיין, און צו „חיים" איז צוגעקומען „שפּיל". די ווייטערדיקע אותיות זענען שוין ניט געווען. בלויז ניט דייטלעכע פלעקן האָבן עדות געזאָגט, אַז שפּיל איז נאָר אַן אָנהויב. אַן אָנהויב שפּיל... כ׳האָב געגלעט די יידישע ווערטער, וואָס קיינער פון דאָ ווייס ניט זייער אָפּשטאַם און באַדייט.

אותיות אויף מייל־שטיינער פון אונדזער צעשפּרייטקייט, זיי האָבן דעמלט געשטאַרקט מיין ווילן צו אויסדויער.

כ׳האָב נאָכגעפרעגט ביי די דאָרפס־לייט וועגן דעם קבר. בלויז געציילטע אַלטע לייט האָבן נאָך עפּעס געדענקט:

...רעוואָלוציע־צייטן, אַ שליטן רויט־גוואַרדייער איז פאַרפאָרן אין דאָרף, געפרעגט זיך דעם וועג צום „קלאַדבישטשע", און דאָרט אין איילעניש באַגראָבן „אים". איינער פון „יענע" האָט אויף אַ שטיין עפּעס אויסגעמאָלן אַזעלכע אויסטערלישע צייכנס, וואָס ביז הייגט ווייס קיינער ניט וואָס דאָס איז.

ס׳האָט מיך געצויגן צום קבר. כ׳האָב דעם שטיין אויסגעגלייכט און די איבערגעבליבענע אותיות אָפּגעראָטעוועט פון געשווינדן אונטערגאַנג. כ׳האָב אָנשטאָט פאַרב זיך אַריינגעביסן אינם האַרטן שטיין און אין זיין גוף אַריינגעקריצט:

ח י י ם ש פּ י ל...

רויטע רויזן

ס'האָט ווער זיך דערמאָנט אין מיין געבורטס־טאָג און מיר אַריינגעשיקט רויטע רויזן.

ערגעץ האָב איך געזען אַ פילם ווי אַ טאָרעאַדאָר שטעכט אַ ביק און פון ביק רינט דאָס בלוט און פלייצט, אָבער דער פילם איז ניט געווען קאָלירט, האָט זיך די רויטקייט פון בלוט ניט אָנגעזען.

צו־וואָס דו האָסט דעמלט אָנגעטאָן דאָס רויטע קלייד, געדענק איך שוין ניט. ס'איז דאָך שוין אַזוי לאַנג און ווייט. דו ביסט שוין ניטאָ און פון דיין קלייד איז גאָרניט געבליבן, נאָר איך געדענק ווי ס'איז דיר ניט געווען צום פּנים די רויטקייט. דיין לענגלעך געזיכט, דיינע ביר־אויגן און טונקעלע האָר האָבן זיך געבעטן דאָס ברוינע קלייד מיט דעם הויכן צו־געמאַכטן קראַגן.

זענען מיר דעמלט, צוליבן רויטן קלייד, ניט געגאַנגען אין ערגעץ.

ניט דו האָסט גערעדט, ניט איך האָב גערעדט יענעם אויפדערנאַכט.

ביסט אַרומגעקראָכן איבער די צימערן, עפּעס געטראָגן, עפּעס געזוכט.

און די רויטקייט פון דיין קלייד האָט סיי פון דיר און סיי פון מיר אָפּגעלאָכט.

וואָס זאָג איך קלייד!

ס'איז גאָר די אַרבוזן, וואָס דער פעטער יונה האָט אונדז מכבד געווען, ווען מיר זענען צו אים געקומען אויף דאַטשע אינם דאָרף אַריין.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וווּנדערט זיך ווי אַ ייד קאָן דאָס ווינען צווישן גוֹיים. ער וועט פאַרגרעבט ווערן און אויסזען ווי זיי. האָט זיך דער פעטער יונה צעלאַכט, ווייזנדיק זיינע ווייסע ציינער פון דער געלער באָרד אַרויס.

— דאָס וויל איך טאַקע — האָט ער געזאָגט. — אַ פּויער דאַרף ענלעך זיין צו אַ פּויער און ניט צו קיין רבין...

איך האָב זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט — געפרייט זיך מיט די אַרבוזן, וואָס כ'האָב אַזוי זעלטן געזען און געגעסן. איז ווייס איך טאַקע ניט ווי זיינע ווערטער זענען אין מיר אַריינגעקראָכן ניט־געהערטערהייט.

די מומע ריווע מיטן געבלימטן קאָפּ־טיכל האָט מיך געקניפּן אין בעקל, געשניטן מיט אַ גרויס מעסער די אַרבוזן און כסדר צוגערעדט צו נעמען נאָך אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל. איך האָב זיך ניט געלאָזט לאַנג

בעטן און גענומען. די שוואַרצע קערן האָב איך באַהאַלטן אין קעשענע, אַז כ׳וועל צוריקקומען אין שטאָט וועל איך מיט זיי שפּייען אויף די מייִדעלעך, וועלן זיי זיך שרעקן און וועלן זיך צעלויפן.

— אוי — האָב איך געטראַכט — וועט דאָס זיין אַ פיינע שפּיל! — ביים בלויזן געדאַנק האָב איך שוין גענומען לאַכן און די מומע ריווע איז גאָרניט מיד געוואָרן, געשניטן די רויטע פּענעצלעך און מיר דערלאַנגט, און איך, איך האָב גענומען. ס׳האָט מיר נאָר אַביסל געשטערט איר יידיש, אָנשטאָט מאַמע האָט זי געזאָגט מאָמע, נאָר אין דעם האָב איך אויף פאַרגעסן, ווייל די אַרבוזן זענען אַזוי זיס געווען.

וואָס אַרבוזן, ווען אַרבוזן!

די רויטע פּאָפּוגיי מיין איך.

דער קונצן־מאַכער, אָנגעטאָן אין אַ שמוציקן טריקאָ, האָט זי אַרומגעטראָגן אויף אַ גרויסער גילדענער רייף. זי איז געווען צוגעבונדן מיט אַ גאָלדן קייטעלע צו דער רייף. פון הויף צו הויף איז ער מיט איר אַרומגעגאַנגען און געוויזן קונצן. געשלונגען פייער, געלייגט זיך אויף צעבראָכן גלאָז, און שפּעטער האָט ער געגעבן אַ קליין היטעלע דער פּאָפּוגיי אין קרומען שנאָבל אַריין און צונויפגענומען נדבות.

ניין, ניין, ניט די פּאָפּוגיי!

דאָס האָבן די קינדער באַוויינט דאָס הינטל מיטן רויטן שלייף, וואָס אַ טראַמוויי האָט עס איבערגעפאָרן, כ׳האָב געעפנט אַ פענצטער און אַראָפּגעקוקט.

די קינדער זענען געשטאַנען — אַ שוואַרץ קרענצל און אינמיטן ראָד דאָס הינטל מיטן רויטן באַנד און מיט בלוט־פלעקן איבער דער ווייסער פעל.

אַך, דאָס הינטל!? דאָס הינטל איז דאָך פון דער דאַמע וואָס וווינט אויפן דריטן שטאָק. זי האָט זיך ניט לאַנג אַריינגעצויגן. אַז זי גייט אויף די טרעפּ, שמעקט די לופט מיט רעזעדן. אין די אָוונטן שפּילט זי פּיאַנע. די אַקאָרדן רייסן זיך אַפּיר פון די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן. צום הינטל רעדט זיך ווייך און מענטשלעך. אַפילו ווען זי בייזערט זיך און שרייט אויפן הינטל, איז דער געבייזער אויך אַן איידעלער אַזאַ, אַז ס׳איז שווער צו באַליידיקן זיך.

איצט איז דאָס הינטל טויט.

וואָס וועט די דאַמע טאָן אָן דעם הינטל מיטן רויטן שלייף?

רויטער שלייף, ווער זאָגט רויטער שלייף?

די גאַס שטייט אין פלאַמען!

ס׳ברענט די גאַס. אייניקע הייזער דערברענען שוין און אַנדערע האָבן זיך נאָר־וואָס צעפלאַקערט.

ס׳הערט זיך דאָס קנאַקן פון אויסגעטריקנטע באַלקנס און פאַלנדיקע ווענט.

די גאַס ברענט!

דער הימל איז שאַרלאַך־רויט פון שקיעה און פון פלאַמען.

די גאַס איז פוסט, און פון לאַנג פאַרלאָזט פון אַלעמען. מען איז אַנטלאָפן ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע באָמבאַרדירונג.

די גאַס ברענט. די באָמבען־אַטאַקע האָט אויפגעהערט. ס׳איז כמעט ווי שטיל. נאָר די פייערצונגען קריכן אום איבער דעכער, פענצטער און טרעפּ, באַלעקן יעדעס ווינקל, פאַרבאַהאַלטן זיך, טאַנצן אַרויס, גיבן אַ קנאַק נאָך אַ קנאַק און ווערן ווידער אַנטרונען.

איך שטיי און קוק, כ׳וויל אַוועקגיין, כ׳וויל אַנטלויפן, כ׳קאָן ניט.

כ׳שטיי און קוק און די פלאַמען שפּיגלען זיך אין מיינע אויגן.

דאָס הויז איז צעשמעטערט, אויף דער העלפט צעריסן. איין טייל איז שוין אַ באַרג ציגל־ברוך און פון דער צווייטער, זענען צוויי שוואַכע, קוים זיך האַלטנדיקע ווענט פאַרבליבן. פון איין וואַנט שיינט אין דער גאַס אַראָפּ אַ פענצטער מיט ווייס־געהאָפטענע פאָרהאַנגען (רעזעדן, דאַמע, הינטל). זיי פאַליען זיך לייכט און נאַרן מיט אַ ווייסער בלענדעניש פון ניט־עקזיסטירנדער רו און שטוביקער געמיטלעכקייט. צוויי ווייס־געהאָפּטענע פאָרהאַנגען און אויפן פאַראַפּעט דריי לאַנג־בלעטערדיקע אַלעאַנדערן (פּיאַנע־שפּיל, רעזעדן־ריח).

די גאַס ברענט!

ביסט מיר ווידער געקומען היינט צו חלום און ביסט ווידער געווען אָנגעטאָן אין יענעם רויטן קלייד, וואָס צוליב דעם האָבן מיר זיך צעקריגט יענעם אויפדערנאַכט און ניט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן.

איצט בייזער איך זיך ניט אויף דיר פאַרן קלייד. ס׳איז שוין צו שפּעט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן. ווילסט, טראָג עס. ווען דו לעבסט, וואָלט איך דיר אַפילו צען רויטע קליידער געקויפט.

אַז כ׳האָב דיך געפירט אין אַ שליטן דורך דער טייגע אין שטאָט אַריין, האָסטו שטיל געקרעכצט.

דער פראָסט האָט געברענט, דער שניי האָט געסקריפּעט, איוואַן דער אָנטרייבער האָט געקנאַקט מיטן בייטש, די פערד האָבן שווער געסאָפּעט און דו האָסט שטיל געקרעכצט. די געבורט־ווייען האָבן דיך אָנגעגריפן און אויפגעהערט, אָנגעגריפן און אויפגעהערט.

אַז די ווייען האָבן אַביסל נאָכגעלאָזן האָסטו צו מיר בלייך אַ קרים געטאָן מיט די ליפּן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַ שמייכל אַזאַ. כ׳האָב דיינע פיס מיט שטרוי באַדעקט און מיטן פעלצל דיך גוט אַרומגעוויקלט.

דער וועג איז געווען ווייט, ווייס און פוסט, ניט קיין מענטש, ניט קיין פויגל, נאָרביימער מיט העלן בלענד. ס׳האָבן דיך ווידער געפּאַנגען די ווייטיקן. האָסט ווידער געשריען און געקרעכצט. אָבער דער וועג איז געווען ווייט, און איבער די שנייען זענען די פערד געלאָפן, געסאָפּעט און געפרייכט. איוואַן האָט געשאָלטן, געקנאַקט מיט דער בייטש, און איך האָב דיך געטרייסט. דו האָסט זיך באַקלאָגט, אַז זעסט רויטע קרייזן פאַר די אויגן. „רויטע קרייזן" — און ביסט אַנטשוויגן געוואָרן.— — — — — — — —

ס׳האָט ווער זיך דערמאָנט אין מיין געבורטס־טאָג און מיר אַריינגעשיקט רויטע רויזן.

אין וואַלד

מיר פאָרן פּאַמעלעך דורכן וואַלד. דיביימער לייגן טונקעלע שאָטנס אויפן שניי. דער שליטן גליטשט זיך און לאָזט נאָך זיך צוויי דינע פּאַסן. דער ווינט וועט באַלד די שליטן־צייכנס פֿאַרמעקן. קיינער וועט ניט דערקענען אַז כ׳בין דאָ מיט דיר פֿאַרבייגעפֿאָרן. דער וועג צו דער באַן־סטאַציע איז נאָך ווייט.

דיינע האָר וואָס שטאַרצן אַרויס פֿון דער וואָלענער דערע מיט וועלכער דו האָסט דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט, האָט דער פֿראָסט מיט אַ ווייסן שראָן באַדעקט. אַן אָנגעפּעלצטע, מיט פֿראָסטיקע האָר זעסטו אויס ווי מיין באָבע ווען זי איז אויפֿן מאַרק געזעסן מיט אַ פֿייער־טאָפּ און פֿאַרקויפֿט עפּל, וועלכע זענען געלעגן באַדעקט מיט שטרוי.

די פֿערד איילן זיך ניט. זיי שטעלן פֿאָרזיכטיקע טריט און האַלטן די קעפּ אַרונטערגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן ניט געטרויט דעם שמאָלן שניי־וועג וואָס האָט זיך ווי פֿאַרלאָרן צווישן די ביימער.

די ביימער, זיי שווימען אָפּ, זיי דערווייטערן זיך, ס׳ווערט נאַכט. כ׳טו אויס מיין האַנטש און זוך דיין האַנט. דו פֿאַרשליסט די וויעס און וויגסט זיך צום טאַקט פֿונעם שליטן. האָסט זיך פֿאַרטראַכט? מאַבסט אַוודאי אַ סך־הכּל פֿון די יאָרן דאָ אין דער טייגע? טראַכט, טראַכט, דערמאָן זיך! — זעסט? איבער די ביימער־קרוינען צעהעלט זיך עפּעס. — אַ שטיקל לבנה שניידט זיך דורך אַ וועג צווישן די ביימער און בלייבט הענגען. דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. פֿון צייט צו צייט גיט דער אָנטרייבער אַ יאָג מיט דער בייטש כּדי צו דערמאָנען די צוויי פֿערד אַז ער לעבט נאָך.

מיר פֿאָרן ווייטער.

איך ווייס וואָס דו טראַכטסט. ווילסט אַז כ׳זאָל דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערן אַז ס׳איז שוין אויס מלחמה, אַז דאָס פֿאָרן מיר איצט טאַקע צו דער באַן, וואָס וועט אונדז צוריקפֿירן אין אונדזערע קאַנטן. כ׳וואָלט געוואָלט הערן דיין שטים. אָבער דו שווייגסט. שווייג איך אויך.

אַ וואָלקן האָט דאָס שטיקל לבנה אַראָפּגעשלונגען. ס׳איז צוריק פֿינצטער געוואָרן.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו? זאָג עפּעס, רעד אַרויס אַ וואָרט. ביסט עפּעס אַזוי ווייט געוואָרן. ניט איך זע דיין פּנים מער און ניט כ׳פֿיל דיין וויגן זיך.

כ׳ווייס דען ניט אַז דו ביסט אַ בערגל, אַ פֿאַרפֿראָרן שניי־בערגל

פֿאַרבליבן אויף הינטערוויילעכץ... אָבער אַז ביסט געקומען צו מיר, אַז כ׳זע דיך לעבן זיך — מאַך איך זיך ניט וויסן. די באָבע פֿלעגט דען ניט פֿאַרציילן, ווען כ׳בין אויף איר שויס געזעסן, וועגן אַזאַ געדיכטן וואַלד ווי דער, און וועגן אַזאַ ווינטער־נאַכט און יענעם יידן וואָס האָט אין וואַלד געבלאָנדזשעט און צו אַ מענטשלעכן יישוב ניט געקענט דערגיין. און ווי אַזוי דער ווינט האָט זיינע פֿאָלעס און באָרד געריסן און ווי דער פֿראָסט האָט זיינע נעגל געשטאָכן און ווי הונגעריקע וועלף זענען אים באַכגעלאָפֿן. און אַז זיי זענען שוין גאָר נאָענט געווען, האָט דער ייד פּלוצעם זיין ווייב דערזען פֿון צווישן די ביימער אַרויסקומען און דאָס ווייב האָט אַ טעלער פֿאַרעדיקע גריץ געהאַלטן און אים גערופֿן מיט אַ פֿינגער צו זיך. איז ער נאָכגעגאַנגען, פֿאַרקוקט צו דער הייסער גריץ און דערוויל האָט ער פֿאַרגעסן וועגן ווינט און פֿראָסט און וועגן די הונגעריקע וועלף... זאָל־זשע מיר זיך אויסדוכטן אַז די באָבע האָט ניט גוט יענע מעשה דערציילט, אַז זי האָט עפּעס פֿאַרפּלאָנטערט. ניט קיין שרעק און ניט קיין הונגער האָט דיך אַרויסגערופֿן, נאָר די בענקשאַפֿט מיינע צו דיר האָט דיך אַהערגעבראַכט, אַהערגעבראַכט און איצט באַגלייטסטו מיך.

— זאָג עפּעס, רעד אַ וואָרט! זע ס׳אַראַ גרויסער וואַלד דאָס איז, אין וואָס ס׳אַראַ געדיכטעניש זיי שטייען די ביימער און ס׳אַראַ פּוסטקייט ס׳איז אַרום! — ענטפֿערסט ניט. כ׳זע דיך ניט מער, ביסט נעלם געוואָרן! — העי, אָנטרייבער, פֿאַרהאַלט די פֿערד! זי איז פֿון שליטן פֿאַרשוווּנדן. מיר קענען ווייטער ניט פֿאָרן. כ׳באַשווער דיך, פֿאַרהאַלט די פֿערד! —

ער הערט מיך ניט אָדער ער מאַכט זיך ניט וויסן. כ׳שפּרינג אויף און כאַפּ אים אָן ביים אָרעם און נעם אים טרייסלען.

— פֿאַרהאַלט, זאָג איך דיר, די פֿערד, הערסט, פֿאַרהאַלט! — כ׳טרייסל אים, אָבער ווו איז ער? מיינע הענט קלאַמערן זיך אין דער פּוסטקייט. ער איז זיך צעגאַנגען. אַ שניי איז פֿון אים געוואָרן. פֿון אים, פֿון זיין שליטן און פֿון זיינע פֿערד, אַ שניי.

דער שניי פֿאַלט אויף מיין פּנים. מיין פּנים ווערט נאַס. קאַלטע טראָפּנס טריפֿן פֿון מיינע ברעמען אַרונטער צום מויל און ביים מויל בלייבן זיי הענגען און גליווערן איין, ווערן פֿאַראייזט.

כ׳שטעל הילצערנע טריט. אַלץ איז מיר אונטערן שאַרבן איינגעפֿראָרן געוואָרן. אַ קליין שפּעלטעלע נאָר איז פֿאַרבליבן צווישן איין געדאַנק און דעם צווייטן — גיי, שטעל זיך ניט, פֿאַרהאַלט זיך ניט, נאָר גיי — גיי איך און דער שניי גייט מיר נאָך. אַז כ׳גיב אַ קוק אויף צוריק, גלויבט זיך מיר ניט אַז דאָרטן בין איך געגאַנגען, אַז דאָרטן בין איך געווען. אַ ווייסער שלייער האָט אַלץ פֿאַרדעקט, אַלץ פֿאַרהאַנגען.

ישראל



אַ מעשׂה וועגן ניסים פון הר־טוב, וועגן אַ וואַרשעווער הויף און וועגן אַ שפּיל־פויגל

אַ צעצויגענער אייזל־געשריי האָט מיך אַרויסגעריסן פון שלאָף.

כ׳בין אַראָפּ פון בעט און זיך דערנענטערט צום פענצטער. ס׳איז געווען אַ ווייסע, קלאָרע וועלט — אַ שניי האָט זיך געשאָטן, געדרייט אין דער לופט און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעזעצט. כ׳האָב פאַרווונדערט אַרויס־געקוקט דורך די האַלב־פאַרפראָרענע שויבן.

ווי קומט עס, האָב איך געטראַכט און זיך ניט אויפגעהערט צו חידושן, ווי קומט עס אין אַ וואַרשעווער הויף, אין אַ שנייאיקן טאָג, אַן אייזל?

כ׳האָב אַרויסגעקוקט און טאַקע דערזען אַן אייזל און לעבן דעם אייזל איז געשטאַנען ניסים.

ניסים! האָב איך אַ געשריי געטאָן, וואָס טוסטו אין אַ וואַרשעווער הויף?! גיי דיר פון דאַנען! האָב איך צו אים גערופן, דײַנע באַקעטע פיס אין די שטעק־שיך וועלן פאַרקילט ווערן און דײַן דאַר גופל אונטערן לאַנגן העמד וועט דערפראָרן ווערן!

האָט ער מיר מיט אַ בעטנדיקער שטים אָפּגעענטפערט: „כולם יהודים, טרײַב מיך ניט, לאָז מיך!"

האָב איך ווידער צו אים גערופן:

— „גיי דיר פון דאַנען! כ׳וועל דיך טרעפן אין אַן אַנדער צײַט, אויף אַן אַנדער אָרט!"

ענטפערט ער מיר: „כולם יהודים, טרײַב מיך ניט!"

זאָג איך אים: „ניסים, שטער מיר ניט, צו פרי איז אונדזער באַגעגעניש, איצט וואָרט איך אויף אַן אַנדער ייִדן. דער ייִד טראָגט אַ פּאַרלאַטעט כאַלאַטל און דער האַלדז איז בײַ אים סײַ זומער סײַ ווינטער אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע און אויגן האָט ער ווײַכע אַזעלכע, פאַרהויכטע. אַ באָרד איז בײַ אים פאַרקאָלטנט און געקרײַזלט. ער גייט איבער די הייפן מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס און רופט צו די שטאָקן און שרײַט צו די פענצטער: האַנדל! האַנדל! אַלטע שיך, אַלטע קאַמאַשן, אַלטע הויזן, קויף איך"!

רייסט מיר ניסים איבער מיינע רייד:

— ווייסט? מיין יחיא האָט אַ גוט קעפּל, ער לערנט שוין אין בית־ספר און דער קליינטשיקער עזרא האָט שוין אַלע ציינדלעך און ירושה אַרבעט אין אַ קינדער־גאָרטן און מזל האָט שוין, ברוך השם, חתונה געהאָט, גענומען פון אייערע, פון די „שקינאַזים". אַז ער קומט מיט מזלן צופאָרן צו אונדז אויף שבת קיין הר־טוב, אין מעברה אַריין, ברענגט ער שטענדיק עפּעס אַ מתנה פאַר מיין ווייב דינה. מיין אשה שעמט זיך צו נעמען, זי רויטלט זיך, אָבער דאָס פאַרשאַפט איר אַ סך פאַרגעניגן. דינה, מיין ווייב, איז שוין ווידער, ברוך השם, אויף דער צייט און...

— געגוג, ניסים, בעט איך זיך ביי אים, שוויג אַ ווייל!

„...גייט דער ייד איבער די הייף, צי איך ווייטער מיינע רייד, און איינמאָל איז ער צו מיר אַריינגעקומען און ניט מער און ניט ווינציקער — כ'זאָל אים פאַרקויפן מיין שפּיל־פויגל. דעם ליכטיקן שפּיל־פויגל מיט די לאַנגע קאָלירטע פעדערן זאָל איך אים פאַרקויפן. קוק איך אויף זיינע פאַרהויכטע אויגן און לאַך: דעם שפּיל־פויגל ווילט איר, ר' ייד, און וווּ וועט איר דאָס נעמען?.."

פאַלט מיר ניסים ווידער אַריין אין מיינע רייד און נעמט רעדן אין איין אָטעם ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער קאָן נאָך עפּעס פאַרגעסן אָדער אַז ער וועט מיט עפּעס פאַרשפּעטיקן:

— „און אַרבעט איז איצט פאַראַן גענוג, ברוך השם, מען בויט איצט אַ פרישן כביש פון הר־טוב ביז צו דעם נייעם ישוב וואָס האָט זיך הויך דאָרט אויפן באַרג צעזעצט. זאָגט מיר מיין ווייב דינה: ניסים, אַן אייזל קויף דיר! זאָג איך צו איר: ביסט אַן אשה, אַ שוטה. וווּ וועל איך דאָס נעמען געלט אויף אַן אייזל? שמייכלט זי קלוג און גייט אַוועק און שלעפּט אַפיר פון אונטערן בעט אַ פאַרסאַזשעטן טאָפּ און ציט אַרויס פון דאָרט אַ טיכל מיט געלט. וווּנדער איך זיך און קוק זי שטום אָן. שמייכלט זי קלוג און שטופּט מיר דאָס געלט אין האַנט אַריין און קוועטשט נאָר אַרויס איין וואָרט — „אָפּגעשפּאָרט" און שמייכלט ווידער אַלץ אַזוי קלוג. האָב איך געקויפט אַן אייזל, אָט דאָס אייזל וואָס דו זעסט עס איצט, און כ'בין מיט אים אַוועק אַרבעטן אויפן כביש, זעק מיט ערד און שטיינער צו פירן. אַז אַרבעט איז פאַראַן פילט מען ניט אַזוי אַז מען זיצט אין אַ ביידל, און פרייטיק צו נאַכטס איז דאָ אַביסל אַראַק, און דינה, מיין ווייב, גרייט צום טיש און שמייכלט נחת'דיק אונטער, און ווייסט? מען זאָגט שוין אַז מ'וועט בויען שיכונים, און מ'זאָגט..."

דאָ האָב איך אויף ניסימען אַזאַ קוק געגעבן אַז די ווערטער זיינע האָבן זיך צוריק אַראָפּגעקאָלערט אין האַלדז אַריין און ווי כ'וואָלט זיינע

רייד ניט געהערט, האָב איך מיר גענומען ציען מיינס:

...ווו וועט איר דאָס נעמען אַזויפיל געלט אויף צו קויפן מיין שפּיל־פויגל מיט די לאַנגע, קאָלירטע פעדערן, וואָס יעדע פעדער האָט זיבן פאַרבן און וואָס יעדע פאַרב האָט זיבן חנען. איז דער ייד געבליבן שטיין אינמיטן צימער און זיך געקראַצט די באָרד: אָבער כ'וויל דאָך פאָרט דעם שפּיל־פויגל האָבן! כ'וועל אַ גראָשן צו אַ גראָשן לייגן, כ'וועל טאָג און נאַכט איבער די הייף קריכן, נאָר דעם שפּיל־פויגל מוז איך האָבן. האָב איך מיטלייד באַקומען מיט דעם ייד מיט די פאַרהוילכטע אויגן און צו אים אַזוי געזאָגט: ווייסט איר, ר' ייד, וויפל הייף איר דאַרפט אַדורכגיין און ווייסט איר וויפל יאָרן איר דאַרפט לעבן ביז וואַנען איר וועט געלט אָנזאַמלען אויף צו באַצאָלן פאַר מיין ליכטיקן שפּיל־פויגל? איז דער ייד טרויעריק געוואָרן און געגלעט מיט זיין דאַרער האַנט די לאַנגע פעדערן פון מיין שפּיל־פויגל, און כדי אים צו טרייסטן האָב איך אַזוי געזאָגט: אין אייער קעלער־שטיבל איז ענג און נאַס און קאַלט און קיין ברויט איז ניטאָ צו דער זעט און קינדער זענען דאָ אַ סך, איז צו וואָס טויג אייך אַ שפּיל־פויגל? איר האָט דאָך אים סייווי ניט ווו צו האַלטן.

כ'האָב געזען אַז ניסים קלויבט זיך שוין ווידער מיר איבערצורייסן. האָב איך אים אויפסניי אָנגעקוקט. האָט ער זיך באַרואיקט און אַראָפּגעלאָזט זיינע וויעס צו דער ווייסער ערד.

כ'האָב געזען — האָב איך ווידער אָנגעהויבן מיינע רייד, ניט ווּיסנדיק צי ניסים הערט מיך יאָ, צי ער הערט מיך ניט — כ'האָב געזען אַז דער ייד מיטן פאַרלאָטעטן כאַלאַטל איז אַדורכגעדרונגען געוואָרן פון מיינע ווערטער, ווייל ער האָט לאַנג געשוויגן און שוין ביים אַוועקגיין האָט ער מיך שטיל געפרעגט: קען איך יעדן טאָג קומען און אָנקוקן דעם שפּיל־פויגל? האָב איך אים געזאָגט יאָ, ער מעג. איז ער אַביסל אַ געטרייסטער אַוועק מיט זיין מאָנענדיקן ניגון פון „אַלטע שיך און אַלטע קאַמאַשן". ער פלעגט קומען יעדן טאָג און פלעגט גלעטן די פעדערן, ציילן די פעדערן און פאַרקוקן זיך לאַנג אין די אויגן פון מיין ליכטיקן שפּיל־פויגל. ער פלעגט קומען און איינמאָל האָט ער מיך געבעטן: כ'וויל איר זאָלט מיר אַ פעדער פון דעם שפּיל־פויגל שענקען, אַרויסרייסן אַ קאָלירטן פעדער פון זיין ברייטן עק און אים אַוועקגעבן, ווייל אַז ניט גייט זיין נשמה אויס, אַז ניט וועט ער זיך אויף מיין שוועל אַוועקלייגן און ליגן אַזוי לאַנג ביז מיין האַרץ וועט ווייך ווערן און איך אים אַ פעדער, אַ פעדער פון מיין שפּיל־פויגל געבן.

האָב איך לאַנג געטראַכט, געקוקט אים אין זיינע פאַרהויכטע אויגן און לאַנג געטראַכט, ביז כ'האָב אים צוגעזאָגט אַז ווען ער וועט דאָס

צווייטע מאָל קומען, וועל איך אים אַ פעדער, אַ קאָלירטע פעדער, אַוועק־שענקען. האָט זיך אַ פונק פון פרייד דורך זיינע פאַרהויכטע אויגן אַדורכגעריסן און ער איז אַוועק. אַוועק און מער זע איך אים ניט. די פעדער ליגט און די קאָלירן, ווי טרערן, טריפן אויס פון איר און ער, דער ייִד, איז ניטאָ.

איז ניט אויף דיר, ניסים, וואַרט איך אַצינדער. יענעם ייִדן מיט דער פאַרקאָלטנטער באָרד זוך איך. דיך וועל איך טרעפן שפּעטער אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנדער צייט. כ'רעד אַזוי און כ'רעד און כ'באַמערק ניט אַז ניסים מיט די נאַקעטע פיס אין די שטעק־שיך, מיט זיין קליין, דאַר גופל אינם לאַנגן קלייד, איז אַנטרונען געוואָרן. אויך פון זיין אייזל איז קיין סימן ניט פאַרבליבן.

דער שניי פאַלט און פאַלט, ער פאַרדעקט די אָפּגעשיילטע מויערן פונם ענגן וואַרשעווער הויף און אָט רייסט ער זיך אַריין אין מיין צימער, דער שניי. און מיין צימער ווערט אויך אַזוי ווייס ווי די וועלט. אין שנייאיקן געווירבל ליג איך. דער שניי פאַלט אויף מיינע הענט און אויף מיין פּנים און אויף די ליפּן און אויף די אויגן.

כ'ווער ווייס און ווייסער און לויטער. כ'ווער אַליין אַ שניי...

ער איז געקומען

זי האָט אים אָנגעקוקט — און גלייך דערקענט. מיין גאָט, דאָס איז דאָך ער! די קני האָבן איר אָנגעהויבן ציטערן.

אָט שטייט ער פאַר דער באַלעבאָסטע און מיט אַ שטילער, אויסגע־לאָשענער שטים פרעגט ער זי אויס וועגן דעם צימערל, וואָס ער וויל ביי איר דינגען. דאָס איז ער...

דורך די אַלע יאָרן האָט זיין אויסזען אין איר דמיון זיך געהאַלטן אין איין בייטן. זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט פאַרשידנאַרטיק, לויטן בוח פון בענקען; אָבער אַ גלאַנציקער פליך, אַנגעשוואָלענע בייטעלעך אונטער די אויגן, צעקנייטשטע הענט און אויסגעקרימטע פינגער — דאָס ניט, ניין, ניין!

פאַר ווייטיק האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פונם אָרט און גלייך זיך צוריקגעצויגן. — ער קאָן מיך נאָך דערקענען — איז איר אין אויגנבליק אַדורכגעפלויגן אַ געדאַנק.

זי האָט צו זיך אַ ביטערן שמייכל געטאָן. דערקענען, ווען? אָט דאָס בינטל ביינער, באַצויגענע מיט געל־שאַרסטיקער הויט, די צוויי איינגעפאַלענע אויגן, וואָס מאַכן גיכער דעם אַיינדרוק פון צוויי קוים פלעמלדיקע ליכטלעך, וועלכע שיינען פון אַ פינצטערן קעלער־פענצטער? די אויגן...

איינמאָל, ווען ער האָט זי געהאָט באַגלייט צו דער באַן — ס'איז געווען פאַר די עקזאַמענס, זי איז געפאָרן קיין וואַרשע אַ צעשראָקענע, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, זי זאָל נאָר ניט דורכפאַלן, און ס'האָט איר כסדר נאָכ־באַגלייט אַ געפּיל פון ניט־זיכערקייט: דורכפאַלן, וועסט דורכפאַלן... — איז זי געגאַנגען אין זיין באַגלייטונג און אַפילו ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר. אָבער שפּעטער שוין, איידער דער צוג האָט גערירט און זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט דורכן אָפענעם פענצטער, קלאַמערנדיק זיך מיטן בליק אין זיינע שטאָל־קאָליריקע אויגן און צונויפגעוואָקסענע ברעמען, וואָס האָבן געמאַכט אַביסל שטרענגלעך זיין כמעט קינדעריש פנים, האָט זי דערהערט זיין שטים. די ווערטער האָט ער אַלעמאָל אַרויס־געוואָרפן, ווי זיי וואָלטן אים געבריט, מיט אימפּעט, נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער זיך ניט געאיילט:

— אַזאַ גלעטנדן בליק האָב איך נאָר קיינמאָל ניט געפילט...

די לעצטע ווערטער זענען צו איר דערגאַנגען, ווען די רעדער האָבן זיך שווער און אָן חשק אָפּגעריסן פון די רעלסן...

— אַזאַ גלעטנדן בליק האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפילט. —

זי האָט עס איצט איבערגעחזרט, קוקנדיק דורך דער האַלב־אָפּענער טיר צו אים, דאָרט ווו ער שטייט מיט דער באַלעבאָסטע און באַוועגט מיט די הענט, באַוועגט מיט די קרומע פינגער.

ווי אַ קרום מעסער וואָלט זיך צוגעקראָגן צו איר מוח און שאָבט און קראַצט דאָרט און יעדער קראַץ טוט וויי. זי זוכט מיט דער האַנט אַ שטול. די אויגן האַלט זי אַלץ אויף דער האַלב־אָפּענער טיר און קאָן דעם בליק ניט אָפּרייסן. די ציטערנדיקע האַנט בלאָנדזשעט לאַנג אין דער לופט. זי גיט אַ טריט צוריק. ענדלעך דערפילן די אויסגעלאָשענע פינגער דעם האַרטן אָנלען פון אַ שטול. זי זיצט, און דאָס קרומע מעסער האַלט אין איין שאָבן. פינגער...

זי זעט ווייסע, לאַנגע פינגער מיט ראָזלעכע נעגל, ווי זיי לויפן איבער ווייס־שוואַרצע האַרמאָניע־טרעפּלעך, ווי זיי באַצווינגען און באַפעלן די פאַרשידענע קלאַנגען, און מיט וואָס פאַרא זיכערקייט זיי כישופן אַרויס דעם ניגון פון די האַרמאָניע־אינגעווייִדן...

זי זעט די ווייסע פינגער, דערפילט נאָך זייער האַרטקייט אין איר האַנט, און די ווייכקייט פונם גלעטן, פונם צערטלען, וואָס זיי האָבן געשאָנקען... איצט זענען זיי קרום.

קרום... און וואָס ביסטו?! שרייט אין איר אַ שטים. פאַרוואָס ווילסטו אים זען אַנדערש, ווען דו אַליין ביסט ניט דו. דיינע רונדיקע אַקסלען, וואָס האָבן אַזוי אָפּט געפילט דעם ברי פון זיינע פולע ליפּן, זענען דאָך הויקערדיקע קנאָכן און די בריסטן, אין פיל־יעריקער בענקשאַפט נאָך אים, זענען פאַרגאַנגען און אַראָפּגעגלידערט צום אײַנגעשרומפּענעם בויך. האָסט אַזוי געפּיבערט אין אייביקער דערוואַרטונג, ניט וועלנדיק נאָכגעבן, און צום סוף פאַרשרומפּן, צעפרעסן געוואָרן פון ניט־געזעטיקטן באַגער נאָך אים...

זי דריקט די ציטערנדיקע האַנט צום האַרץ, וועלנדיק פאַרטויבן די אינערלעכע שטים. אָבער עס העלפט ניט. די שטים איז מעכטיקער און זעצט איר אין די שלייפן אַריין.

— האָסט אויף אים געוואַרט אַלע יאָרן, בלינד געוואַרט. אָט איז ער דאָך. נאַ, גיי אים אַנטקעגן. אָבער מיט וואָס? וואָס וועלן דיינע פאַרדאַרטע הענט אים שענקען?..

זי וויל אויפשפּרינגען, שרייען. נאָר זי בלייבט זיצן פאַרגליווערט,

דאָס סאַמע אומדערוואַרטסטע, דאָס סאַמע גרוילעכסטע האָט זי איצט געטראָפֿן. די ווייס־געוואָרענע ליפּן פּרעסן קוים אַרויס:

— און דאָס איז אַלץ, שוין? אַזוי ענדיקט זיך עס?

אירע אויגן קריכן איבערן דיל, איבערן ניט־פאַרבעטן בעט און בלייבן הענגען אויפֿן בילד פֿון די עלטערן. זיי ווערן מיטאַמאָל צעפּלאָמט און נעמען שפּריצן מיט בייזע פֿונקען... די מוטער איז שוין געווען נאָכגיביק, אָבער ער, דער פֿאָטער אירער, דער „שיינער ייד", דער ציוניסטישער עסקן, אים איז ניט אָנגעשטאַנען דער „קונצנמאַכער", וואָס „גרימפּלט" אויף אַ האַרמאָניע ערגעץ אין אַ קאַפע...

איצט איז עס פאַר איר אויפֿגעשווומען.

צוויי שאַרפֿע שפּיזן האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פֿון דער שטול און זיך פאַרפּלאָנטערט אינם פֿאָטערס באָרד, נאָר דער פֿאָטער האָט ווייטער מיט זיין גאָרניט־זאָגנדיקן שמייכל אַראָפּגעקוקט פֿונם בילד.

קיין ארץ־ישראל האָט ער זי, זיין געראָטענע טאָכטער, די יתגע קינדער־דאָקטאָרין, אַוועקגעפֿירט. געוואָלט פֿון איר דאָ נחת קלייבן.

אוי, האָבן זיי נחת געקליבן!..

ביי דעם געדאַנק צינדן זיך אירע ליפּן מיט אַ שניידיקן שמייכל.

ווי טאָן, יענעם ווי טאָן. מיט דעם האָט זי אויסגעפֿילט אירע אַלע טעג.

ווען זי פֿלעגט זען דעם פֿאָטערס ציטערנדיקע ליפּן און בעטנדיקע אויגן, האָט זי געשמייכלט. ווען אַ יונגערמאַן פֿלעגט איר נאָכגיין חדשים לאַנג ווי אַ שאָטן און ער איז שוין זיכער געווען אין זיין נצחון, — האָט זי אים געוויזן די טיר. ווען יענער איז אַוועק, האָט זי זיך האַסטיק און גאַליק צעלאַכט...

ווי טאָן.

זי האָט געטראָגן די שענסטע קליידער, און אַז זי פֿלעגט אָנטרעפֿן בליקן פֿון קנאה — האָט זי הנאה געהאַט.

בלויז צו קליינע, קראַנקע קינדער איז זי אַנדערש געווען. ווען אַ מוטער פֿלעגט ברענגען אַ קינד צו איר אין דאָקטאָר־קאַבינעט אַריין, האָט איר שטרענג געזיכט אויפֿגעשיינט. זי פֿלעגט מיט שטראַלנדיקע פֿינגער אַרויסנעמען דאָס קינד פֿון דער מוטערס הענט, באַטראַכט עס זאָרגפֿעליק און באַהאַלטענערהייט געגלעט. אָבער אַהיימקומענדיק — אַ דראָענדיקע שטילשווייגעניש האָט זיך געפּלאָנטערט פֿונם סופֿיט ביז צום דיל און זיך צעזעצט איבער די ווענט. די מוטער האָט מיט אומהערבאַרע טריט זיך אַרומגעשלייכט איבער די ווינקלען און דער פֿאָטער פֿלעגט אַן אויף־

גערעגטער אַ זעץ טאָן מיט דער טיר, אַראָפּלויפנדיק פון די טרעפּ אַזוי האַסטיק, אַז די שויבן האָבן אַ בייזן גלימצער געטאָן.

שפּעטער איז נאָך ערגער געוואָרן. פון זינט די מוטער איז געשטאָרבן, האָבן זיך פאָטער און טאָכטער אויסגעמיטן, און אין איינעם אַ ווינטיקן טאָג האָט זי פאַרלאָזט דעם פאָטערס הויז און אַריבער וווינען צו דער באַלעבאָסטע.

פינף יאָר נאָך איר איבערקלייבן זיך איז דער פאָטער געשטאָרבן. נאָך דער לוויה איז זי געגאַנגען אַ שטייפע. פון אונטער איר קאָפּ־צודעק האָבן אַראָפּגעזילבערט די לאָקן. אַ טיפער קנייטש איז געלעגן צווישן שטערן און נאָז. ערשט ווען מ׳האָט דעם פאָטער אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַריין, האָט זי זיך צעוויינט. אַלע אַנוועזנדע האָבן זי שטום און מיט פאַר־וווּרף אָנגעקוקט. זי האָט אויף זיי קיין אַכט ניט געלייגט און, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, שטיל זיך אַוועקגעשלייכט.

איינמאָל האָט זי אין אַרבעטס־יאָגעניש צוגערופן צו זיך אַ קליין ייִנגעלע. דאָס ייִנגעלע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. געבליבן שטיין אינ־מיטן וועג און אין פאַרלעגנהייט געדרייט מיטן קעפּל, דאָ צו דער זיצנדיקער מוטער און דאָ צו דער פרוי אין ווייסן פאַרטוך. ענדלעך האָט עס פאַרשעמט אַ פרעג געטאָן דער מוטער: — אמא, צוגיין צו דער סבתה? —

סבתה...

דער שמייכל איז אויסגערונען און דער רופנדיקער פינגער איז איר מיד אַראָפּגעפאַלן.

סבתה...

ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען איז זי צו צום שפּיגל...

און איצט... ער איז געקומען.

ער איז געקומען.

אָט האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זי זעט דייטלעך זיינע צונויפּ־געוואָקסענע, גראָע ברעמען. זיי זענען שוין ניט ווייך און האָבן ניט דעם אָפּגלאַנץ פון זייד — האַרטע שטעכלקעס. אויף דער רעכטער האַנט זעט זי אויסטאַטואירט אַ נומער.

זי פאַרשטייט אַלץ...

זי פילט זיך זייער מיד. די אויגן־אַפּלען שווערן אַראָפּ, אין קאָפּ איז פּוסט. איין פאַרלאַנג האָט זי, ער זאָל אַזוי צופעליק אַוועק, ווי צופעליק ער איז געקומען.

אַ קלאַפּ פון דער טיר האָט זי אַרויסגעשטויסן פון דער פאַרגליווערונג.

זי איז ווייטער געבליבן זיצן. פון די טרעפּ האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון זיינע טריט...

יגאל האָט חתונה

פינף זענען זיי געווען. פינף. און איינער האָט דעם אַנדערן ניט געזען.

דאָס העלע ברייטע צימער אויפן כרמל האָט זיי צונויפגעזאַמלט, ווען די לעצטע האַרמאַטן־שאָסן זענען פאַרשטומט געוואָרן. עס האָט זיי פאַרברודערט דער שוואַרצער פאַרהאַנג, וואָס האָט פאַרהילט זייערע אויגן. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט איינער „אָנגעקוקט" דעם אַנדערן. אָט איז יגאל. הויך, שלאַנק, מיט געדיכטע קאַשטאַן־קאָלירטע האָר און שמאָלע וואָנצעלעך, וואָס באַהנען זיין לענגלעכע נאָז מיט די אומרואיקע נאָזלעכער. און דער איז אברהמל, אַ קיילעכדיק כמעט קינדעריש געזיכט מיט חן־גריבעלעך. דב — אַ לאַנגפיסיקער בחור מיט אַ קלייען פּנים און שמאָל־צונויפגעצויגענע ליפּן, און יענער, דער אַממיינסטן שווייגנדיקער, גד — אַ נידעריקער, געזעצטער, מיט אַ רונד בייכעלע. די נאָז אַביסל פאַרריסן און די ליפּן זענען פולע, פליישיקע. און צולעצט פּיוול, וועלכער קאָן נאָך אַפילו ניט קיין עברית. ער האָט אַן אויסטאַטואירטן נומער אויפן האַנט און אַ ביינערדיק געזיכט.

פינף.

און היינט גייט איינער אַוועק. היינט האָט יגאל חתונה און פאַרלאָזט זיי.

יגאל ווייס אַליין ניט, צי ער זאָל זיך פרייען. גיכער איז ער צערודערט און ניט זיכער. די פיר חדשים זיין אין צימער מיט אָט דער חברה, ליגן אים אין בלוט. זיין האַרץ האָט ער שוין פון לאַנג צעטיילט אויף פינף חלקים, און איצט קומט אַ זעקסטער, אַ זי, און נעמט עס צו אינגאַנצן.

יגאל ליגט אומרואיק אויפן בעטל. פון צייט צו צייט זעצט ער זיך האַסטיק אויף, לויפט מיט לאַנגע פינגער איבער די אַנטבלויזטע ווייזערס פון האַנט־זייגערל, און אַ פאַרשעמטער כאַפּט ער זיך, אַז אייגענטלעך יאָגט ער זיך אין ערגעץ ניט — די חופה וועט פאָרקומען שפּעט אין אָוונט און איצט איז קוים צען פרי. דורכן אַנטקעגנאיבערדיקן אָפענעם פענצטער שיינט אַריין די זון. ער פילט די וואַרעמקייט, מיט וועלכער זי באַשענקט אים.

יגאַל לייגט זיך צוריק און פאַרציט אַ פרישן סיגאַרעט.

ער ווייס ווי שטאַרק דאָס צימער וועט ליידן פון זיין אַוועקגיין, זיין געלעכטער, זיין זינגען וועט שוין ניט אַרויסשפּאַרן אַזש אין גאַס אַריין. זיין אַלטע האַרמאָניקע וועט מיטוואָנדערן מיט אים, און דער קלאַוויר וועט שטיין אַ שטומער, אַ פאַרגעסענער. קיינער פון זיי וועט צו אים ניט צוגיין. אַ פריילעכער איז ער געווען, און ער פלעגט מיטרייסן. אברהמל האָט אים דערין מיטגעהאָלפן. זיינע קורצע, גראָבע פינגער האָבן באַוויזן וווּנדער, אויסקלאַפּנדיק פריילעכע טאַקטן אויף ליידיקע פלעשלעך. איצט אָבער וועט אברהמל אויך שווייגן. פון זינט דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן אַן אָפּעראַציע און מ׳וועט אים אַריינזעצן גלעזערנע אויגן, איז ער אויסגעלאָשן געוואָרן. אברהמלען האָט מען דאָ געהאַלטן פאַר אַ „גליקלעכן״. יעדערער האָט אים שטילערהייט אין האַרצן מקנא געווען. ערגעץ אין אַ ווינקל פונם רעכטן אויג האָט זיך אַריינגעריסן אַ ווייס פּאַסיקל ליכט, און דאָס האָט אברהמלען ניט צורו געלאָזט דעם גאַנצן האַלב־יאָר פון זיין דאָ. עס האָט געדרעגט, געשראָקן און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט פאַרטייעטער האָפענונג. שעהן פלעגט ער שטיין ביים פענצטער. דעם קאָפּ שטאַרק פאַרריסן און געקוקט, געקוקט... דער מיד־געוואָרענער קאַרק האָט ווי געטאָן, ער איז אָבער אַלץ געשטאַנען, דער שטערן נאַס פון אָנשטרענגונג, די ליפּן האַלב צעעפנטע, ציטערנדיקע, און ניט געקאָנט זאַט ווערן, שווינענדיק דאָס פאַרפירערישע ווייסע שטרייבעלע. ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן, פלעגט ער שוין בענקען צום פרימאָרגן. אין חלום האָט אברהמל געזען ווי פון שטרייכעלע ווערט אַ העלער פלעק, אַן איי די גרויס, פונם פלעק קייקלט זיך אויס אַ גאָלדענער קינדער־באַלעם און באַלד גייט־אויף פאַר זיינע אויגן אַ גרויסע, פלאַקערדיקע זון. ניט איינמאָל האָט ער מיט זיין האַסטיק געשריי: זון! זון! אויפגעוועקט די איבעריקע חברה. ווען זיי האָבן אים אינדערפרי אויסגעפרעגט, האָט ער אַ פאַרשעמטער געשוויגן...

יעדן אינדערפרי, ווען אברהמל פלעגט זיך אויפכאַפּן, פלעגט ער לאַנג האַלטן צוגעפרעסט די אויגן און וואָס לענגער ער פלעגט זיי צוהאַלטן, אַלץ שטאַרקער האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, געזעצט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע הערן דאָס. אברהמל וואָלט נאָך לענגער אַזוי געהאַלטן פאַרשלאָסן די אויגן, אָבער אין ברוסט פעלט אים אויס לופט. שפּאַרט ער זיך אָן אויף די עלנבויגנס, דער קאָפּ הייבט זיך לאַנגזאַם אונטער פונם קישן, נענטער צום פענצטער צו, און ראַפּטום גיט ער אַן עפן די צוויי פאַרבעלמטע אויגן. קיין ברענענדיקע זון, די פון די נאַכט־חלומות, דערזעט ער ניט, נאָר אַ בלייך, קליין שטרייכעלע גיט אַ קיצל, אַ

מיניע... די עלנבויגנס האָקן זיך אונטער און דער קאָפּ קייקלט זיך אַראָפּ. אַ לאַנגע ווײַלע בלײַבט ער ליגן שטיל, אומבאַוועגלעך. באַלד טאַנצט ער אַראָפּ פונם בעט און מיט הילכיקע אויסרופן וועקט ער די אַנדערע. און אַזוי יעדן טאָג.

דאָס ווײַסע פּאַסיקל פּעדעמט אײַן די העלע טעג, צים זיי אויף אויפן האָפּענונג־שנירל ווי ווײַסע, קײַלעכדיקע פּערל, און פּלוצים איז דאָס שנירל צעריסן, די פּערל האָבן זיך צעשיט...

דער דאָקטאָר האָט באַשטימט צו מאַכן אברהמלען אַן אָפּעראַציע...

יגאַלן שנײַדט דאָס האַרץ פֿאַר ווייטיק. ער ווייס ניט, וועמען ער זאָל פֿריער באַדויערן: זיך צו אים. זיך, פֿאַרוואָס זיך?

ער גייט היינט חתונה האָבן.

מיט אַ חודש צוריק איז אים אַזוי פֿינצטער געווען אינם האַרצן ווי אין די אויגן. אָבער יגאַל איז ניט פֿון די וואָס גיבן נאָך. וואָס גרעסער די פּוסטקייט, אַלץ הילכיקער דאָס זינגען, דאָס לאַכן. די האַרמאָניע איז אין זײַנע לאַנגע הענט אַ קונצנמאַכער געוואָרן, און די פּאַרטעפּיאַן־קלאַווישן האָבן אין יענע טעג ווינציק רו געוווּסט. אַפֿילו דער שווײַגנדיקער גד האָט אויך מיטגעהאָלפֿן זינגען. ווען יגאַל איז געפֿאָרן צו זײַנע עלטערן אויף באַזוך, איז זײַן פֿריילעכקייט נאָך מער געשטיגן. דער שמייכל איז ניט אַראָפּ פֿון זײַנע ליפּן, נאָר די נאָזלעכער האָבן זיך אומרואיקע געבלאָזן, געהויבן.

מיט זײַן אַרײַנקומען אין שטוב האָבן די ווינקלען אויפֿגעלעבט. די מוטער איז געשטאַנען אַ בלייכע, מיט די הענט פֿעסט צוגעהאַלטן דאָס מויל און געקוקט אויף די צוויי קאַלטע גלעזלעך, וואָס קוקן אַרויס פֿון יגאַלס אויגן־לעכער.

— אמא, וואָס האָסטו זיך פֿאַרקלערט, פֿרייסט זיך ניט מיט מײַן קומען?

נאַ, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ מתּנה! — האָט ער איר אונטערגעטראָגן אַ שאַכטל.

זי האָט עס צוגענומען, פֿאַרשלונגען אַ קרעכץ און מיט אַ שטים וואָס זי אַליין האָט ניט דערקענט, האָט זי אויסגערופֿן:

— צו דײַן חתונה וועל איך דיר אויך קויפֿן אַ מתּנה! —

יגאַל האָט זיך פֿון איר אָפּגעקערט צום ראַדיאָ צו, אַנגעשטעלט אויף די העכסטע טענער. די מוזיק האָט געזעצט פֿאַרטויבט צו ווערן. די מוטער איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער אַ פֿאַרלאָרענע, מיט בלייכע פֿינגער גערייסן דאָס קנעפּל פֿונם קלייד. זי קען איר יגאַלן גוט, זי קען זײַן כאַראַקטער און פֿון זינט זײַן ראיה איז פֿאַרגאַנגען ווי די זון און נאַכט האָט פֿון זײַנע אויגן אַרויסגעחושכט, האָט ער ניט דערלויבט מ׳זאָל צו אים

רחמנות אַרויסוווייזן. אין זיין אָנוועזנהייט האָבן אַלע געמוזט זיין פריילעך, און דאָ האָט ער, איר יגאל, זיך איינגעבראָכן, אויפגעהערט שפּילן, איר יגאל!..

עס האָט געדויערט אַזוי עטלעכע מינוט. די מוזיק האָט שיער דאָס ראַדיאָ־קעסטעלע ניט צעשמעטערט. יגאל איז געשטאַנען נעבן ראַדיאָ מיט די פּלייצעס צו דער מוטער און זי אין מיטן צימער ווי אַן איינזאַמער, וואַקלדיקער בוים אין פּוסטן פעלד...

מינוטן האָבן אַזוי געדויערט.

פּלוצעם איז שטיל געוואָרן, שטיל האָט זיך יגאל אויסגעדרייט, שטיל צוגעקומען צו איר און נאָך שטילער געזאָגט:

— אמא, וועסט מיר שוין קיינמאָל ניט קויפן קיין מתנה...

נאָך איצט, ווען ער דערמאָנט זיך עס, שעמט ער זיך פאַר יענע מינוטן פון שוואַכקייט. יגאל גיט זיך ווידער אַ ריס פונם בעטל, פאַררייכערט נאָך איין סיגאַרעט.

היינט גייט ער צו דער חופּה...

איר שטים האָט אַלעמאָל געקלונגען אַזוי פריש און אָנגענעם, ווען ער פלעגט אַריינקומען אין משרד פון זייער מעון. ס׳איז סתם אָנגענעם געווען צו הערן זי רעדן. פלעגט ער אָפט, אַפילו ניט דאַרפנדיק גאָרניט, דאָרט אַריינגיין. יגאל האָט זיך ניט איינמאָל געכאַפּט ביי דער זינד, אָבער באַלד זיך באַרואיקט.

— פונקט איך קען געפעלן, ניט אַנדערש.

יגאל פלעגט זיך וועלן פאָרשטעלן ווי זעט זי אויס. אַזאַ שטים מוז אַרויסזינגען פון אַ שיין מיילעכל, אָבער באַנעמנדיק וועגן וואָס ער טראַכט, האָט ער זיך גענומען עפּעס טאָן, אַבי איבערצורייסן זיינע געדאַנקען.

און אָט — אַזוי פשוט, אַזוי אומגלויבלעך פשוט:

— יגאל, כ׳וויל ווערן דיין פרוי! —

זיינע פיר חברים, וואָס האָבן אויסגעגנייט לעדערנע טייסטערס און דערביי געטומלט, זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

און יגאל, וואָס האָט גראָד אָנגעטאָן דעם סמיטשיק אויפן האַלדז פונם הונט, וואָס האָט אים געפירט איבער די גאַסן, האָט ניט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. ער האָט זי געהערט אַריינקומען, און דאָ אַזעלכע ווערטער, און דאָ דאָס קול...

ס׳ווייזט זיך אים אויס, אַז עס דוכט זיך אים בלויז. זיינע פינגער לאָזן אַרויס דעם סמיטשיק און שוועבן ניט־דרייסט אין דער לופטן אַריין. זיי ווערן באַלד באַגעגנט פון ווייכע וואַרעמע פינגער, פינגער מיט פינגער פאַרפלעכטן זיך...

און היינט איז די חופה.

נעכטן אינדערפרי האָט יגאל צווויסן געטאָן זיינע חברים וועגן דעם און געבעטן פאַרגעבונג, וואָס ער גייט פון זיי אַוועק. יעדער איינער האָט זיין האַנט געדריקט צווינטשנדיק.

פּייוול האָט אים אַנגעוואונטשן אויף יידיש, יגאל האָט קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען די שפּראַך, אָבער דערפאַר האָט ער אים, פּייוולען, בעסער באַנומען און לענגער, פעסטער געדריקט זיין האַנט.

פּייוול האָט ערגעץ אין דייטשלאַנד געלאָזט זיין מיידל. געקומען אַלס פריייוויליקער נאָך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווען די אַראַבער זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן. אַז די אויגן זענען אים אויסגערונען, האָט ער זיין קרוב אין תל־אביב אָפּגענאַרט, געשריבן פון שפּיטאָל, אַז ער איז פאַרוווּנדעט אין אַ האַנט, און דער קרוב האָט זיין מיידל אויך אַזוי צווויסן געטאָן. פּייוול האָט אַ סך מאָל שוין געהאַט אָנגעשריבן צו איר, אַז ער איז בלינד און זי זאָל זיך אַרויסשלאָגן פונם קאָפּ דעם גאַנצן פּייוול. בעסער זיך ניט צו טרעפן, קיינמאָל... אָנגעשריבן און צעריסן, אָנגעשריבן און צעריסן...

און דערווייל זענען געקומען בריוו פון איר. בריוו פול מיט צערטלעכ־קייט און אומגעדולד, און אין איינעם פון זיי די בשורה, אַז אין אַ חודש אַרום קומט זי שוין ענדלעך צו אים צופאָרן.

ניט איינמאָל האָט יגאלן אויפגעוועקט דאָס קלאַפּן פון דער שרייב־מאַשינקע. דאָס שרייבט שוין ווידער פּייוול דעם בריוו צו זיין מיידל. בעט זי ווידער ניט אַהערצוקומען און פאַרגעסן יענעם פּייוול מיט דער בלאָנדער טשופּרינע...

יגאל ווייס, אַז באַלד ווי נאָר די מאַשינקע וועט אַנטשוויגן ווערן, וועט זיך צעטראָגן דער כאַראַקטעריסטישער שאָרך פון פּאַפּיר וואָס רייסט זיך און אויפסניי וועט די מאַשינקע נעמען אויסזינגען דעם טרויעריקן ניגון: „פאַרגעס, פאַרגעס״...

אַביסל פאַרדראָסן האָט יגאלן נעכטן אויף גדן. ווען אַלע זענען געווען אַזוי פול מיט זיין פרייד, דערהערט מען פלוצים גדן רעדן. אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צו גדס זייט. ער האָט אַזוי זעלטן גערעדט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט עפּענען דאָס מויל און זיין פאַרכריפּעט קול האָט זיך צעטראָגן, איז עס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג.

— וואָס פאַלט איר אַריין אין קעלבערנער התפעלות? יגאל גייט חתונה האָבן, נו גייט ער. איז וואָס? געזען שוין אַזעלכע מציאות. וואָס מיינט איר, זי האָט אים ליב? ס׳איז לויטער אויסרעכענונג. ער באַקומט

פון דער רעגירונג חודש־פּענסיע און וועט באַקומען אַ צימער, מעבל...
עס, וואָס איז דאָ צו רעדן. איך קען „זיי" שוין גוט, צו גוט... —

שווייג! — האָט יגאַל זיך אָנגעצונדן, אויפגעשפּרונגען, און רייסנדיק מיט נערוועזע פינגער די לופט — זיך דערנענטערט צו גדס ריכטונג. אַבֿרהמל מיט פּייוולען האָבן אים צוריקגעשלעפּט. דערטאַפּנדיק אַ שטול האָבן זיי בכוח אים צוריקגעזעצט. דער גאַנצער אויפדערנאַכט איז שוין אַוועק אין אַ געדריקטער שטילשווייגעניש.

איצט טראָגט ניט יגאַל אויף אים קיין בייז האַרץ. פאַרקערט, ער וויל אים וואָס בעסער פאַרשטיין. גד איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע הגנה־מיטגלידער און אויסגעפּירט, נאָך אין דער אונטערערד, פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן. ניט איינמאָל איז ער אַוועק פון דער היים אויף וואָכן און חדשים. ווען שכנים האָבן אים צוגעטראָגן וועגן זיין פרויס אויפפירונג, האָט ער ניט געגלייבט. זי האָט אים איינמאָל אין אַ נאַכט גראָד און אויפריכטיק געזאָגט:

— ווען ב׳וואָלט געפילט, אַז כ׳ליב דיך ניט, וואָלט איך מיט אַ ריין געוויסן אַוועק. און האַרך זיך ניט צו וואָס בייזע צינגער רעדן. —

אָבער אין סאַמע ברען פונם קריג, ווען ס׳האָט זיך געדוכט אַז ירושלים וועט ניט אויסהאַלטן און מ׳האָט געזוכט נייע וועגן צוצופירן שפּייז און פאַרשטאַרקונג, איז גד אַריינגעפאָרן קיין תּל־אביב אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָ, דערליידיקט אַלץ און צוריקפאָרנדיק צום פראָנט האָט ער זיך פאַראיינוועגס אַרויפגעכאַפּט אין זיין שטוב אַריין. געעפנט די טיר, געזען, קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, נאָר שווייגנדיק זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ און אַוועק...

וואָלט ער כאָטש גערעדט, דער גד. שווייגט ער און דאָס שווייגעניש הענגט איבער אים ווי אַ שאַרף, לאַנג, מעסער, וואָס קאָן זיך יעדע מינוט אַראָפּלאָזן...

יגאַל האָט אויסגערויכערט דעם לעצטן סיגאַרעט. נאָכאַמאָל אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן ציפערבלאַט און אַראָפּגעגאַנגען אין עס־זאַל.

אַרויפגעקומען זענען אַלע פינף צוזאַמען... דער לאַנגפיסיקער דב האָט צעשנירט זיינע צונויפגעצויגענע ליפּן און דערלאַנגט יגאַלן אַ מתנה אין נאָמען פון אַלעמען. די קלייען אויף זיין פּנים האָבן זיך צעשיינט — יעדער קלייען אַ זון, — ווען ער האָט מיט אַ געריררטער שטים אַרויסגעשטאַמלט, שטופּנדיק צו יגאַלס פינגער אַ שפּאָגל נייע האַרמאָניע:

— נאָ יגאַל, „זע", און... און דערמאָן אונדז צום גוטן, — האָט ער שוין די לעצטע ווערטער אונטערגעשטופּט, ווי מען שטופּט אונטער אַ שווער באַלאָדענעם וואָגן.

יגאל האָט אַרומגענומען די האַרמאָניע, ווי מען נעמט אַרום אַ קליין ליב קינד, און געשטאַמלט:

— פאַר מיר, פאַר מיר... —

די נאָזלעכער האָבן זיך האַסטיק געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

פּלוצים האָט ער דערפילט אַ האַנט אויף זיך. יגאל האָט זי גלייך דערקענט.

— גד, זיי מיר מוחל פאַר דעם נעכ...

ער האָט ניט געקענט פאַרענדיקן.

— ניין יגאל, מיר זיי מוחל! —

און ווען יגאל האָט אַוועקגעלייגט די האַרמאָניע און אים געוואָלט צודריקן צו זיך, האָט גד געמאַכט עטלעכע טריט צוריק, פאַררוקנדיק זיך אַלץ מער און מער אין זיין ווינקל אַריין און שטאַמלענדיק מיט זיין אַביסל כריפּעוואַטער שטים:

— מיר זיי מוחל, מיר זיי מוחל...

אַ זעאונג

זי האָט געהאַט אַ משפחה: אַ מאַן, טעכטער, זין, און געבליבן אַליין.
ער האָט געהאַט אַ משפחה: אַ ווייב, טעכטער, זין, און געבליבן אַליין.
איצט מאַכן זיי אַ „זעאונג”, ווילן פון צוויי חרובע היימען אויפבויען אַ נייע, אַ גאַנצע.

זי שמייכלט. די גאַנצע צייט שמייכלט זי. אַ נחתדיקע רואיקייט ליגט אויף איר פּנים. אַז זי שמייכלט, זעט מען ניט אַזוי גוט אָן די אַלע פאַלדן און קנייטשן וואָס זאַמלען זיך אַרום די מויל־ווינקלען. אויך די הענט זענען ביי איר פאַרנומען: אָדער זי דרייט דעם דיקן רינג אויפן פינגער, אָדער זי שלעפּט אַרויס אַ דין, ווייס טיכעלע און ווישט זיך די ליפּן.

ער שמייכלט ניט. קיין דיקן רינג אויף אַרומשפּילן זיך האָט ער ניט און זיינע פינגער זוכן ניט קיין טיכעלע. ווייס ער טאַקע ניט ווו זיי אַהינצוטאָן. האַלט ער די הענט אויף די קני. ווערט עס אים נמאס, וויל ער זיי אויפהויבן, אָוועקלייגן אויפן טיש, דערשרעקט ער זיך און לאָזט זיי צוריק אויף די קני.

זי קוקט אויף אים און ס׳איז איר מאָדנע די גאַנצע באַגעגעניש. וואָס פרעגט ער וועגן אירע אומגעקומענע קינדער? צוואָס איצט וועגן דעם דערמאָנען? ווערט זי אין כעס. זי ענטפערט ניט.

דער שמייכל טריפט אויס. די אונטערשטע ליפּ לאָזט זיך ברוגזדיק אַראָפּ און באַלד נעמט זיך די הויט אַרום מויל קנייטשן.

ער דערפילט די ענדערונג און ס׳טוט אים באַנג. ער האָט דאָך ניט געמיינט איר וויי צו טאָן. ניט געוווּסט וואָס צו רעדן, האָט ער סתם אַ פרעג געטאָן וועגן אירע קינדער. ער האָט אויך געהאַט קינדער, דערוואַקסענע שוין — פרווט ער זיך אין די געדאַנקען פאַרטיידיקן.

זי שווייגט נאָך אַלץ. ווי אַזוי רייסט מען איבער די שטילקייט? קלערט ער און דערלויבט זיך, אפשר צום ערשטן מאָל, איר גלייך אין פּנים אַריינצוקוקן. אָן דעם שמייכל איז עס נאַטירלעכער; ניט אַ סך יונגער פון זיינעם. ער זוכט דאָך ניט קיין יונגערס. ער איז מיד, ער קען ניט זיין אַליין. איז צוואָס די גאַנצע שפּיל? זאָל זי זאָגן אַז זי וויל אים און אַ סוף, אַן עק זאָל עס נעמען. שוין ניטאָ יענע יאָרן...

זי שווייגט נאָך אַלץ. זי וואַרט ער זאָל אָנהייבן, ער זאָל זי איבערבעטן. אָבער וואָס זאָגן? ער זוכט ווערטער.

— דער שיכּור איז אייערער, ניט אמת? גיט ער אַ פרעג דאָס ערשטע וואָס עס קומט אים אויפן זינען. זי ענטפערט ניט, ווערט נאָך מער באַליידיקט. — דער שיכּור ליגט אים אין קאָפּ, מיך זעט ער גאָרניט.

די לופט ווערט שווערער און דאָס שווייגן געדיכטער.

ער דערמאָנט זיך זיין היים, דאָס ווייב, די קינדער. ער האָט אויף זיך רחמנות און גיט אַ זיפץ. זי טראַכט וועגן פריערדיקן מאַן, וועגן זיין איידלקייט, זיין גוטסקייט, און די קינדער, די שיינע שטובן, פאָרהאַנגען, געפּוצטע פּאָדלאָגעס.. זי קריגט צו זיך רחמנות און גיט אַ זיפץ.

צוויי זיפצן שניידן זיך אַריין אין דער שטילקייט.

ער קוקט זי אָן פאַרוווּנדערט, זי קוקט אים אָן דערשטוינט.

— איר זיצט און שווייגט און איך זיץ און רעד ניט קיין וואָרט, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? ווענדעט זי זיך פּלוצים צו אים מיט אַ ווייכער און אַביסל זיסלעכער שטים.

— אין צווייען צו שווייגן איז לייכטער — האָט ער פאַרזיכטיק צוגעוואָרפן.

זי נעמט ווידער שמייכלען. די הענט ווערן באַוועגלעך, זי שפּילט זיך ווידער מיטן רינגל און דאָס ווייסע טיכעלע טראָגט זיך אויפסניי פאַרביי אירע ליפּן.

ער שמייכלט ניט. קיין דיקן רינג האָט ער ניט און קיין טיכעלע דאַרף ער ניט. ווייס ער טאַקע ניט ווו אַהינצוטאָן זיינע אויסגעאַרבעטע הענט.

זי קוקט זיך איין נאָכאַמאָל אין אים. ער זעט גאָרניט אויס אַזוי אַלט ווי מען האָט איר אָפּגעמשלט. פאַרקערט, דאָס ביסל גראָקייט ביי די שלייפן מאַכן זיין פּנים אינטערעסאַנטער. דעם קנייטש אויפן שטערן צווישן די ברעמען האָט זי פריער גאָרניט באַמערקט, אָבער דאָס שטערט ניט. ס׳גיט אים צו אַ מענלעכע איינגעשפּאַרטקייט. ער מוז זיין ענערגיש און שטאַרק. די צוויי הענט זאָגן דערויף, אָבער וואָס האַלט ער זיי אַזוי נאַריש אויף די קני?

זי שמייכלט און דרייט אומרואיקער מיטן רינג.

ער כאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף איר. זי האָט זיך איבערגעבעטן, איר פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. — וואָס טראַכט זי, אַ שטייגער, וועגן מיר? זי קוקט אויף מיינע הענט. הענט פּראָסטע, געמיינע — זאָגט זי מסתּם צו זיך.

ס׳ווערט אים אומהיימלעך, ער נעמט זיך נערוועז דרייען אויפן שטול.

זי נעמט אים דורך מיטן בליק. — ער איז געוואָרן לעבעדיקער. כ׳האָב געוווסט אַז זיין גלייכגילטיקייט צו מיר וועט פּלאַצן. ער דרייט זיך אויפן שטול, ער קען שוין ניט איינזיצן. האַ, אַבי כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳קען שוין קיינעם ניט געפעלן. באַלד וועט ער אויפשפּרינגען און זיך דערנענטערן צו מיר. אָבער מען דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן. אַזוי גרינג זאָל עס אים ניט אָנקומען, ווייל וואָס וועט ער טראַכטן ביי זיך?

ער קען ניט אויסטראָגן די דורכדרינגלעכקייט פון אירע אויגן, בויגט ער אַוועק דעם קאָפּ. — וואָס קוקט זי אַזוי שאַרף אויף מיר, זי מוז שוין ווידער זיין באַליידיקט? איך לאַנגווייליק זי און זי וויל פון מיר פּטור ווערן. מען דאַרף זיך אויפהויבן און אַוועק. ס׳איז סיי־ווי אַלץ פאַרפאַלן. קיין גאָלדענע רינגעלעך וועל איך איר ניט קענען קויפן פון מיינע פאַרדינסטן, און צו דעם מיינט זי דאָך, אַז כ׳בין אַ זקן וואָס איז שוין צו גאָרניט פּעאיק.

ער האָט זיך געגעבן אַ ריס פונם אָרט. זי איז אויך אויפגעשפּרונגען. אויסגעשטרעקט צו אים ביידע הענט ווי אים אַרומצונעמען.

ער האָט עס ניט באַמערקט און שטיל אַרויסגעשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט פאַרן צורויבן אייער צייט, כ׳האָב עס באמת ניט געמיינט.

די פרוי פון באַרג

1

פֿופציק אייזלען האָבן פֿון אַ ווייטן קוואַל אַרויפֿגעבראַכט צו איר וואַסער אויפֿן באַרג. יעדער אייזל מיט צווי בלעכן אָנגעהאַנגען אויף די זייטן, און אין די בלעכן וואַסער. אייזל צו אייזל צוגעבונדן מיט אַ שטריקל זענען זיי געגאַנגען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט און פֿון סאַמע הינטן די אָנטרייבערס — צוויי באָרוועסע אַראַבער מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגן די שטעקנס אַ פּאָכע טאָן, פֿון צייט צו צייט פֿלעגן די אָנטרייבערס אַ שיק טאָן אַ צעכאָרכלטע קללה איבער די לאַנג־אויערקע קעפּ פֿון די קליינע באַשעפֿענישן.

האָבן זיך די אייזלען ניט געאיילט, געשטעלט קליינע טריטלעך און ביים ראַנד פֿון וועג געכאַפּט צו עטלעכע האַרט־שטעכיקע דערנער צווישן די ציינער. זענען זיי געגאַנגען און פֿון יעדן טריט האָט דאָס וואַסער אין די בלעכן געגעבן אַ פּלוכע מיט ריטשקעלעך זילבער. האָט דער שטויביקער באַרג־אַרויף־וועג אויסגעלעקט די טראָפּנס און אָנקומענדיק אויפֿן באַרג זענען שוין די בלעכן געווען האַלב אויסגעליידיקט.

האָט דאָס אָבער ניט אָפּגעשראָקן די פֿרוי. מאָרגן פֿאַרפֿרי וועלן זיך די אייזלען ווידער אַרויסלאָזן אין וועג צום ווייטן קוואַל און פֿון דאָס ניי אַרויפֿברענגען האַלבע בלעכן וואַסער. און דאָ, אויפֿן פּוסטן באַרג אַרום איר, וועט בליען דאָס לעבן, זי וועט פֿאַרזייען בלומען און גרינס, און די מענטשן וועלן צו איר נענטער ווערן.

2

דאָ אַנומלט איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם באַרג אַן אַלטער אַראַבער, האָט ער זיך דערשראָקן, וואָס פּלוצים איז אַ מויערל אויסגעוואַקסן אויף דעם ווילדן באַרג. און ווען ער האָט דערזען די פֿרוי, האָט ער זיך געוווּנדערט וואָס זי איינע אַליין האָט געוואַגט אַזאַ זאַך צו טאָן. האָט אים די פֿרוי פֿאַרבעטן אין שטוב אַריין, געגעבן איילבירטן, ברויט און האָניק צו עסן און טיי צו טרינקען. געפֿרייט האָט זיך דער אַראַבער און געלויבט אַללאַן וואָס האָט אים אַזאַ גוטן מענטשן אויף זיין לאַנגן וועג אַראָפּגעשיקט. און דער זקן האָט איר אָנגעווּנטשן, אַז זי זאָל דאָ אויסדויערן און פֿון הייזל זאָלן הייזער ווערן. דערמאָנט האָט זיך די פֿרוי, אַז פֿאַראַ יאָרן אין די רעגנס האָט זיך באַוויזן אַ פֿייכטקייט אויף די ווענט און אויפֿן דיל, האָט זי דעם אַלטן מאַן

פאַרציילט וועגן אירע דאגות. האָט ער דאָס הויז געגומען באַטראַכטן. געקלאַפּט האָט ער מיטן שטעקן אויף די ווענט, דערנאָך אויפגעהויבן צוויי שטיינער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט לעבן דער שטוב און זיי גענומען שטויסן איינער אין צווייטן און צום סוף געפּסקנט, אַז שולדיק איז דער שטיין, צו ווייך איז ער.

— „שלעכטע מענטשן האָבן אייך אָפּגענאַרט", האָט דער זקן אַרויסגעברומט. ניט אַרויסנעמענדיק די ליולקע פון צווישן די געלע שיטערע ציינער. „זיי האָבן גענומען שטיינער צום בויען פונם זעלבן באַרג און דער שטיין טויג ניט. די רעגן־וואַסערן וועלן אים אַדורכדרינגען".

האָט ער אויסגעדרייט דאָס צעקנייטשטע פּנים מיט דעם שטעכיק־שיטערן בערדל, אויפגעהויבן אַ געדונצלטע האַנט און אָנגעוויזן אויף צפון:

— „צום בויען דאַרף מען ברענגען שטיינער פון אָט דאָרט"! —

האָט אויף צומאָרגנס נאָכן באַזוך פון אַלטן אַראַבער זיך די פרוי אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אייזל אין שטעטל אַריין און מיטגענומען האָט זי אַ שטיין אויף צו באַראָטן זיך. האָט מען איר דאָ געזאָגט דאָס אייגענע וואָס דער אַלטער אַראַבער.

באַשטעלט האָט די פרוי נייע שטיינער — דאָס מאָל פון צפון־באַרג, און דערווייל זיך גענומען גרייטן צום ווינטער. עסנוואַרג האָט זי אַרויפגע־פירט צו איר אין שטוב און נאַפּט און קליידער, ווייל אין די רעגנס — האָט מען איר געזאָגט — איז אָפּטמאָל ניט מעגלעך אַראָפּצוקומען פונם באַרג. האָט זיך די פרוי אַזוי אַרום צוגעגרייט צום ווינטער. און כדי עס זאָל איר ניט זיין אומעטיק און זי זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט איבערצובייטן, האָט זי אַריינגענומען אין איר שטוב אַן אַראַביש מיידל, וואָס מען האָט איר גערופן נאַדראַ.

3

אין שטעטל האָט דאָס באַוויזן זיך פון דער פרוי אַרויסגערופן אַ גרויסע נייגעריקייט. און אַז עס איז אַריבער אַ צייט. און מען האָט זיך צו איר צוגעוווינט, צו איר און צו איר הייזל, וואָס האָט זיך אומגעריכט אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ באַרג — איז דאָך די נייגעריקייט פאַרבליבן.

האָט דאָס שטעטל איר אַ נאָמען געגעבן „די פרוי פון באַרג". און ווען די פרוי פלעגט אַמאָל אַראָפּקומען, איינגעהילט אין איר ווייס־טיולע־נעם שאַל און פאַרביירייטן די שמאָלע, טרעפּלדיקע געסלעך, האָבן מאַמעס קינדער צונויפגערופן און אויף איר ווי אויף אַ בייז ווונדער אָנגעוויזן:

— „קינדער, די פרוי פונם באַרג"!

און ווען אַ קינד איז געוועזן צו קליין און ניט געקענט איר גוט אָנזען, האָט עס די מאַמע אונטערגעהויבן.

אָבער געוווּסט פון דער פרוי האָט מען גאָר ווינציק. ניט פאַרשטאַנען האָט מען פאַרוואָס די פרוי איז אַהערגעקומען און פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון מענטשן. געטראַכט האָט מען, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט איר צו דעם געשטויסן. אָדער אַז די פרוי איז נעבעך ניט מיט אַלעמען. אָבער דאָס אַלץ זענען געווען נאָר טראַכטענישן און די אמתע סיבה פון איר באַזעצן זיך אויפן באַרג האָט קיינער ניט געוווּסט.

4

איז אַריין דער ווינטער, אָבער קיין צווייט הייזל איז נאָך אויפן באַרג ניט געשטאַנען. האָט די פרוי און מיט איר נאַדרע, דאָס אַראַבישע מיידל, די ווענט מיט סמאַלע אויסגעשמירט און געוואַרט אויף רעגנס. האָט דער רעגן צו ערשט ניט אַדורכגענעצט, פלעגן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ביידע פרויען זיצן ביי דעם נאַפט־אייוועלע און שווייגן. דער שאָטן פון נאַפט־לעמפל האָט אַרומגעטאַנצט אין שטוב און דער רעגן האָט געפּאַטשט אין די פענצטער, און ווען די פרוי פלעגט בלייבן אַליין — ווייל נאַדרע איז געגאַנגען שלאָפן — פלעגט זי אַרויסנעמען אַ בילד פון איר אַלטער היים און זיך אין איר פאַרטיפן.

אין איינער אַ רעגנדיקער נאַכט האָט זיך געטראָפן:

אויפגעכאַפּט האָט זיך די פרוי פון שלאָף און דערהערט אַ פּליוסקען פון וואַסער. אַראָפּגעשפרונגען איז זי אַ דערשראָקענע פון בעט און דערפילט וואַסער אויף אירע באָרוועסע פיס. איז די פרוי שטאַרק צעטומלט געוואָרן, זי האָט גענומען זוכן שוועבעלעך און ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיי געפונען. און ווען זי האָט דאָס לעמפל אָנגעצונדן, איז איר דאָס גלעזל אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און דאָס גלעזל האָט זיך צעבראָכן. איז זי געבליבן שטיין מיטן רויכנדיקן לעמפל אין האַנט און פון אַלע זייטן האָט אַריינגערעגנט. אַריינגעפאַלן איז נאַדרע מיט אַ געוויין און צוגעפאַלן צו דער פרויס אָרעם. האָט די פרוי זיך געשטאַרקט, אָװעקגעשטעלט דאָס לעמפל אויפן טיש און באַרואיקט דאָס ציטערנדיקע מיידל. שפּעטער האָבן זיי ביידע גענומען גרויסע עמערס אין די הענט און אָנגעהויבן אויסשעפּן דאָס וואַסער.

צוויי פרויען אין ווייסע, נאַסע העמדער האָבן געשעפּט עמערס שוואַרץ וואַסער און דורך דער אָפענער טיר אַריינגעגאָסן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין, און געשעפּט האָבן זיי ביז ס'האָט געטאָגט...

5

האָבן זיך יאָרן אַראָפּגעקייקלט אויפן באַרג און אויפן באַרג זייערע סימנים איבערגעלאָזט. דריי נייע שטיבער האָבן זיך אַריינגעוואַקסן

אין די שטיינער און אַ יונג נאָדל־וועלדל האָט בייגעריק אַראָפּגעקוקט אין שטאָט. האָט דאָס שטעטל אַ שליאַך ווי אַ שטריק פאַרוואָרפן אַרום די שטיבער וואָס אויפן באַרג — איז דער באַרג נענטער געוואָרן. פלעגט די פרוי און מיט איר נאַדרע אַנטקעגנגיין די מענטשן וואָס האָבן זיך יעדן שבת געלאָזט באַרג אַרויף זיך אין וועלדל אָפּרוען.

זענען אָבער אויך שווערע צייטן געקומען. ווען די אַראַבישע שכנים פלעגן אָנפאַלן אויף די יידישע ישובים און שנאה איז געווען אומעטום. פלעגן אַראַבישע רייטער מיט בייזע בליקן זיך אָפּשטעלן אויף דעם באַרג, באַטראַכטן די הייזער און דאָס יונגע נאָדל־וועלדל און שטום און ניט־פאַרגי־נעריש זיך אַוועקלאָזן. און דעמלט האָט זיך די פרוי פאַר זיי געשראָקן. איז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען די פרוי איז געשטאַנען און באַאַרבעט איר פעלד אין דער אונטערגייענדיקער זון — אַן ענגלישער אָפיציר אויפן באַרג אויסגעוואָקסן. קליין איז ער געווען, אין אָנהייב ווי אַ פּינטעלע, נאָר דערנאָך איז ער געשטאַנען גרויס און טונקל פאַר דער בלאָנדער, גראָ־אויגיקער פרוי און אויף איר אַראָפּגעקוקט.

— „געקומען איז ער איר וואָרענען אַלס שכן" — האָט ער געזאָגט, „אַז גרויסע סכנות לויערן אויף אַלע וועגן און אַז ער וואָלט איר געראָטן צו פאַרלאָזן דעם באַרג און זיך אַראָפּקלייבן אין שטעטל אַריין". און צוגעגעבן האָט ער: „אַז קיין שום שלעכטע כוונות האָט ער ניט דערביי".

האָט אים די פרוי גלייך ניט געענטפערט. אָפּגעווענדט האָט זי דעם קאָפּ פון אָפיציר און מיט איר קוק אַרומגענומען דאָס פעלד, דאָס בלומען־גערטנדל און דאָס יונגע נאָדל־וועלדל, דערנאָך האָט זי זיך ווידער אויסגע־דרייט צו נאַדרען, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, און אַ פרעג געטאָן:

— האַ, ווי זאָגסטו, נאַדרע? —

און ווען נאַדרע האָט, אַ פאַררויטלטע, אָפּגעענטפערט:

— ניין, מאַדאַם, ניט אַוועקגיין! —

האָט די פרוי אויפגעהויבן אירע אויגן צום וואַרטנדיקן אָפיציר און זיך אין אים שטום איינגעקוקט, האָט זיך דער אָפיציר ווי צעמישט און ווי פאַרלאָרן זיך, און ניט האָבנדיק מער וואָס צו זאָגן, האָט ער אָפּגעבונדן די לייצן פון זיין קליין אַראַביש פערדל און אַוועקגעריטן...

6

...איז די פרוי פונם באַרג ניט אַראָפּ. האָט די שטאָט פון צופוסנס זיך אַ שפּאַר געטאָן, ווי וועלנדיק איר העלפן אין איר איינזאַמקייט. שטיבער האָבן זיך גענומען דראַפּען אַלץ נענטער אַרויף צו דער פרוי פונם באַרג. זומער־הייזלעך האָבן אויפגעמאַכט זייערע טירן אויף דאַטשע און אָנגעפילט דעם אַרום מיטן הילך פון קינדער.

איז די פרוי אַרויס פון איר התבודדות. מען האָט אָנגעהויבן צו קומען צו איר און אויך זי פלעגט גערן אַריינקומען אין די נייע שטיבער.

אָבער אינגיכן איז איר דער טומל און דער הו־האַ צוגעגעסן געוואָרן. גרויסע מויערן האָבן איר מיט אַ מאָל גענומען פאַרשטעלן דעם זון־פאַרגאַנג און דער רעש פון די ניי־צוגעקומענע תושבים האָט זי ניט געלאָזט מער פאַרנעמען דעם שאָרך פון די בלומען אין זייער וואַקסן. האָט דער פרוי אָנגעהויבן עפעס וואָס צו פעלן.

און ווען נאָדרע האָט מיט איר שווייגנדיקן קוק אַ פרעג געטאָן די פרוי, און געמיינט דערמיט די סיבה צו איר אָנדערשקייט און צו איר אומגעדולדיקייט וואָס איז אויף איר פּלוצים אָנגעלאָפן, האָט די פרוי צו איר געזאָגט:

— דער באַרג איז ניט מער אונדזערער... —

7

די מהומות האָבן איר דעם באַרג צוריקגעגעבן.

ווען אַראַבישע באַנדעס האָבן זיך הפקרדיק צעלאָזט איבער דער סביבה, זענען אין איילעניש די טירן פון די דאַטשעס פאַרמאַכט געוואָרן און די דאַטשניקעס זענען אַוועק. איז די פרוי געבליבן ווידער אַליין. אָבער ווען יונגע בחורים און מיידלעך מיט ביקסן אין די הענט און מיט וואָלענע צוויי־שפּיציקע היטלען אויף די קעפּ האָבן זיך איינמאָל באַוויזן אויפן באַרג און זיך צעלייגט אין איר שטוב מיט האַק־און־פּאַק, מיט קליינע רוקזעקלעך, מיט „פינדזשאַנעו״ און פריילעכן קלאַפּן זיך אין פּלייצע — האָט זי דערפילט ווי אַ וואַרעמקייט בעמט איר אַרום, און אַ ניי היימישקייט צעשפּילט זיך אין אַלע ווינקעלעך. און ווען דער באַרג איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער וועלט, ווען די אַראַבער האָבן פאַרכאַפּט דעם וועג וואָס פירט צום שטעטל, איז די פרוי געבליבן מיט אָט די בחורים און מיידלעך, אַרומגע־האָוועט אַרום זיי און זיך געפילט ווי אין אַ גרויסער משפּחה.

8

דאָס זיין אויפן באַרג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער. פון די אַרומיקע דערפער האָבן אָן אויפהער געשאָסן מאַשינגעווער און האַרמאַטן, און נאָר ווען נאַכט פלעגט צופאַלן איז געוואָרן שטיל. האָט זיך דאָס לעבן איינגעשטעלט אין די נאַכט־שעהן. ביינאַכט האָבן מיידלעך געוואַשן וועש און ביינאַכט האָט מען אויך געגראָבן שוץ־גראָבן וואָס פאַרבינדן מיטן וועלדל. איז דאָס וועלדל מיט די גרינע, דינע נאָדל־ביימער געוואָרן זייער פעסטונג.

און שפּעטער האָט אָנגעהויבן אויסצופּעלן אויך ברויט.

ווען די פרוי מיט נאַדרען האָבן דעם לעצטן ביסן פאַרטיילט און ס׳איז שוין ניט געווען מער אויף וואָס צו וואַרטן, האָבן די בחורים און מיידלעך אויסגעקליבן פון צווישן זיך צוויי שליחים און זיי געשיקט אין וועג אַריין. איז איינער פון די שליחים צו זיין ציל ניט דערגאַנגען און איז געבליבן ליגן אַן אונטערגעשאָסענער אויפן ברעג פון וואַלד. דער צווייטער האָט זיך אַדורכגעריסן און איז יאָ אָנגעקומען. האָט אין דער זעלביקער נאַכט אַ זשומען זיך דערהערט. און ווען די באַלאַגערטע האָבן דאָס ברומען דערקענט און דעם „פּרימוס״, דעם יידישן נאַכט־פליער אַ צייכן געגעבן, זענען עטלעכע זעק מיט ברויט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, באַלויכטענע פון דעם אַראַבישן האַרמאַטן־פייער, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל און פון אַלע זייטן אַ צינד געטאָן.

און די זעק מיט ברויט זענען זיך אין דער לופט פונאַנדערגעפאַלן.

זענען די אויסגעהונגערטע יינגלעך און מיידלעך ניט געקוקט אויף דער שיסעריי, אַוועק צווישן די פעלדזן זוכן און אויפקלייבן דאָס צעקרישל־טע ברויט.

שווער איז געווען דער וועג צווישן די שטיינער. צעריסן האָבן זיך די קליידער אָן די פעלדז־שפּיצן, און די פיס זענען געוואָרן צעוווּנדיקט. אָבער דערנאָך, ווען צוריקקומענדיק פון דעם נאַכטיקן גאַנג, איז זיי די שטוב מיט דער פרוי אויף דער שוועל אַנטקעגנגעשוווּמען קלאָר ווי געווען — האָבן זיי שטאָלץ אויפגעהויבן די הענט, אין וועלכע ס׳זענען געווען פאַרקלאַמערט שטיקלעך ברויט. און זייערע אויגן האָבן געשיינט.

9

איז די פרוי געוואָרן צונויפגעוואַקסן מיטן בינטל בחורים און מיידלעך וואָס אויפן באַרג, און ווי אַ מאַמע אַרום זיי אַרומגעגאַנגען. נעכט זענען דעמלט געווען קאַלטע און אָנגעלאָדענע מיט סכנה. פלעגן די „חברה״ זיצן אין די פּאָזיציעס וואָס אין וועלדל, זיך בלאָזן אין די פויסטן פאַר קעלט און וואַרטן. פון שטוב פלעגן זיך דאַן אַרויסגליטשן צוויי געשטאַלטן — די פרוי און נאַדרע — און „דזשאַרעס״ פאַרעדיקע קאַווע אַראָפּטראָגן צו די פון די פּאָזיציעס. און ווען אין איינער אַזאַ נאַכט איז נאַדרע דערשאָסן געוואָרן און געבליבן ליגן אַ טויטע לעבן דער אויסגעגאָ־סענער קאַווע, האָט די פרוי זיך אָפּגעשטעלט, אַ בליפּ געטאָן, און שפּעטער זיך גענומען שפּרייזן גיך, מיט דער „דזשאַרע״ אין האַנט, אַראָפּ, צו דעם וועלדל...

אַרום בית־מדרש

ליגט הערש־בער ביים אָפענעם פענצטער און אָנטקעגן — דער כרמל אין זיין פרישער גרינקייט. עס וואָלט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז ערשט נעכטן איז ער אַהערגעקומען און קען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער באַרגשיינקייט. שוין פופצן יאָר ווי טאָג נאָך טאָג פילט ער דעם כרמלס גרינעם אָרעם איבער זיך. שוין פופצן יאָר פון יענעם טאָג ווען ער האָט זיין ווייב, זלאַטען, צו קבורה געבראַכט דאָ, צופוסנס פון באַרג, אויף דעם אַלטן קיבוצישן בית־עולם. פון דעמלט אָן איז אים דער כרמל נאָך נעענטער, נאָך אייגענער געוואָרן, ווי דורך דעם געבראַכטן קרבן פון זיין זלאַטען וואָלט ער מיטן באַרג אַ שטילן בונד געשלאָסן. ער פילט זיך שוואַך. די איינגעבויגענע פּלייצע שטעכט און די פיס זאָגן זיך אָפּ צו דינען. מעגלעך אַז שוין אינגיכן וועט אויך זיין קנאָביקער גוף ליגן אין דער כרמל־ערד, לעבן זיין זלאַטען.

הערש־בער וואָלט איצט אויפגעשטאַנען און אַוועקגעשפּאַצירט צו איר, — דאָרטן צווישן די הויכע ציפּרעסן און אָלעאַנדער־ביימער ליגט זי — און וואָלט זיך מיט איר אַדורכגעשמועסט. אוי! ווי ס'ווילט זיך אים אַראָפּלאָזן אויפן שטיין, אַראָפּבויגן נידעריק דעם קאָפּ און שטיל אַריינשעפּטשען אינעם הויכן, זאַפטיקן גראָז וואָס אַרום דעם שטיין! ס'איז דאָך אַזוי נאָענט, ממש אַ שפּאַן... אָבער הערש־בער פילט זיך ניט בכוח אויפצושטיין. ווענדט ער די אויגן צו יענער זייט און גלעט מיטן בליק די שלאַנקע ציפּרעסביימער וואָס שטייען ווי טרייע שומרים — און ניט זיי גיבן זיך אַ ריר און ניט זיי גיבן זיך אַ בויג.

— זלאַטע, זלאַטע! ווו האָסטו מיך איבערגעלאָזט אויף דער עלטער?!

נאָר פון יענער זייט, דאָרט ווו זלאַטע ליגט — קומט ניט קיין ענטפער. די שפּיציקע ציפּרעסן גיבן זיך ניט קיין ריר און ניט קיין בויג. קערט ער אָפּ די בליקן פונם פענצטער און זיי צעקריכן זיך איבער די פּוסטע צימער־ווענט.

פופצן יאָר... צי איז דען ווער געקומען דורך די אַלע יאָרן אַ פרעג טאָן: — הערש־בער, וואָס איז מיט דיר? — קיינער, קיינער.

אַפילו די אייגענע טאָכטער האָט עס דאָך ניט געטאָן.

עפּעס אַ ווייטע האָט זי אויסגעקוקט אין זייער אויגן. שטענדיק

פאַרטאָן מיט די שטאָלן, מיט זיצונגען, מיט די קינדער. ער איז שטאָלץ געווען אויף איר, אויף איר אַרבעט. אָבער דער שטאָלץ איז געווען אויסגעמישט מיט פאַרדראָס אויפן קיבוץ וואָס נעמט ביי אים צו די טאָכטער.

ס׳איז זיין צירל און פּאָרט אָן אַנדערע...

איין איינציק מאָל איז זי אים געווען נאָענט, שטאַרק נאָענט, אָבער דאָס איז שוין אַזוי לאַנג געווען, אַז הערש־בער הייבט אָן באַלד צו גלויבן, אַז ס׳איז בלויז אַ חלום. אַ גוטער חלום וואָס קומט אַזוי זעלטן...

געווען איז עס דעמלט ווען דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט. איז זי געקומען אין זיין צימער און שטיל־טרויעריק אַ זאָג געטאָן: — „טאַטע, כ׳בין געבליבן אַליין, ער איז אַוועק", און הערש־בער האָט געוווּסט ווער ס׳איז דער „ער". ער האָט אַרויסגעפילט אַ פאַרבאָרגענע בקשה נאָך טרייסט און שוץ, און עס האָט אים דערמאָנט ווי אַמאָל, אַמאָל, נאָך אין שטעטל, ווו צירל, נאָך גאָר אַ קליינע, איז איין מאָל אַריין אינם סטאָלער־וואַרשטאַטל, אים אַ צי געטאָן פאַרן לעדערנעם מיט לאַק־באַשמירטן פאַרטעך און אַ שלוכץ געטאָן: — „טאַטע, דאָס קעצל איז דערטרונקען געוואָרן אין ברונעם".

ער האָט דעמלט אַוועקגעלייגט דעם הובל. ס׳האָט אים אַזוי באַנג געטאָן וואָס דאָס קינד לײדט... האָט ער זי אַרומגענומען, געגלעט איבערן קאָפּ און איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויערל אַריין: — פאַרפאַלן, קינד, אין לעבן טרעפט זיך אַלץ...

אַ געטרייסטע מער פון דעם גלעט ווי פון די ווערטער, וואָס זייער מיין האָט זי דעמלט נאָך ניט באַנומען — איז זי אַרויסגעגאַנגען פון טאַטנס וואַרשטאַטל. אויך איצט האָט הערש־בער זי אַרומגענומען, געגלעט איבערן קאָפּ און צו איר געזאָגט די זעלביקע ווערטער וואָס אַמאָל:

— פאַרפאַלן, קינד, אין לעבן טרעפט זיך אַלץ...

***

...ווי אַ שטייענדיק שליימיק וואַסערל איז דאָס לעבן פון די זקנים־עלטערן אין קיבוץ. אין הערש־בערן האָט עפּעס פראָטעסטירט. אַ האָרעפּאַש־ניק אַלע יאָרן, האָט ער ניט געקענט זיך איינלעבן אין וועלטל פון די אַלטע. געוווינהייטן פון זעכציק אָפּגעלעבטע יאָרן האָבן זיך גענומען ברעקלען און קרישלען און אָפּפאַלן ווי קליינע שטיינדעלעך פון אַ מעכטיקן ים־פעלדז, וואָס די בוואַליעס רייסן פון אים מיט פאַרעקשנטן געדולד. דאָס קיבוץ־לעבן איז פאַר הערש־בערן געווען ניי און אַביסל ניט־פאַרשטענדלעך, און דאָס זקנישע וועלטל האָט אים אי אָפּגעשטויסן אי געצויגן צו זיך. ברעקלעך שטעטל האָבן אַראָפּגעקוקט פון איטלעכן יידן און איטלעכער

יידענע. אין בית־מדרשל האָט ער זיך געקענט טוליען צום אַלטן גאָט, מיט אַ קאַפּיטל תהילים, אונטערוואַרעמען דעם בטחון וואָס האָט אָפּטמאָל געגומען צאַנקען; און ביי די אַלטע בערדיקע יידן האָט ער געזוכט אַ קאַפּעטשקע וואַרעמקייט, היימישע צוגעלאָזנקייט. הערש־בער האָט ניט נושא־חן געווען ביי די אַלטע לייט. דאָס רייסן זיך צו אַרבעט, דאָס דרייען מיט דער נאָז אויף אַלץ, איז זיי ניט געווען צום האַרצן. זייער וועלטל האָט זיך שוין געהאַט זיין גאַנג, זיין סדר — און דאָ קומט עפּעס איינער און וויל גאָר איבעראַנדערשן. און נאָך אַ זאַך האָט זיי געשטערט אַריינצו־נעמען הערש־בערן אין זייער עדה — דער „יחוס", זיין בעל־מלאכהשע פאַרגאַנגענהייט. הערש־בער האָט עס אַרויסגעפילט סיי ביי דער מאָגערער עליה אין בית־מדרש, סיי ביים לערנען אַ בלאַט גמרא. זיין שכן ר' אהרעלע, דאָס קליינע יידעלע מיטן ציגנבערדל, מיט די אַדורכנאָדלענדיקע אויגעלעך וואָס האָבן זיך גאָרניט געפּאַסט פאַרן איינגעשרומפּענעם גופל, האָט איין מאָל, וועלנדיק אים אַ שטאָך טאָן, אַ זאָג געטאָן:

— מיין זון איז דאָך ניט געווען קיין געבאָרענער אַרבעטער. ער איז אַן אידעאַליסט, אַ חלוץ, דעריבער אַרבעט ער. אָבער דו און דיין טאָכטער — איר זייט דאָך געווען און געבליבן אַרבעטער. אָט דער זאָג (כאָטש ס'זענען שוין אַדורך אַ צענדליק יאָר און ער, ר' אהרעלע, איז שוין לאַנג אויפן עולם־האמת) ברענט נאָך איצט זיינע אינגעווייִדן און איז אַלע יאָרן פאַרבליבן ווי אַ מחיצה צווישן אים און די איבעריקע יידן...

אַז דאָס האַרץ איז אים איבערגעלאָדן געוואָרן מיט ביטערקייט, האָט ער עס געקענט אויסגיסן נאָר פאַר זלאַטען. דאָרטן, אין דער בית־עולם־שטילקייט, צווישן די הויכע גראָזן, האָט ער איר אַלץ אויסדערציילט און צום סוף צו איר תרעומות געהאַט. איר פאַרגעוואָרפן וואָס באַלד ביים אָנהויב נאָכן קומען אַהער האָט זי אים אויף הפקר געלאָזט. אַמאָל האָט אים אַן אַלעאַנדער־בלאַט אַ שאַרף געטאָן איבערן קאָפּ, אַמאָל האָט אַ זשאַבע פון אַ נאָענטן זומפּ אַ קוואַקע געטאָן אָדער אַן אומבאַקאַנטער פויגל האָט אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ משונהדיקן קוויטש — אָבער דער שטיין, דער גראָער שטיין פון זלאַטעס קבר איז געלעגן צווישן די הויכע גראָזן און אַ קאַלטקייט האָט געשלאָגן פון אים. פלעגט זיך הערש־בער אויפהויבן און זיך דערווייטערן, לאָזנדיק הינטער זיך די ציפּרעס־ביימער וואָס האָבן געוואַכט איבער דער שטילקייט פון די קליינע בערגלעך... נאָך אַזאַ אויסטענהן זיך מיט זלאַטען, פלעגט אים דאָס האַרץ ווערן אויסגעליידיקט ווי אַ פּוסט, הפקרדיק צימער — און אַלץ אַרום פלעגט אויסזען אַזוי אומזיניק, אַזוי אינהאַלטסלאָז, אַז אַפילו דער כרמל וואָס שטאַרצט דאָ האָט ווי פאַרשטעלט מיט זיך גאָטס שיינע וועלט. אַזאַ שטימונג האָט געדויערט

עטלעכע טעג; און אַז הערש־בער האָט געזען זיין שכן ר׳ זיינוולען, וואָס פון עפּעס אַ קרענק האָט ער כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, יאָ, יאָ, האָט ער אים שטאַרק מקנא געווען. ער האָט געווינט קעגנאיבער מיט זיין יידענע וואָס איז שטענדיק געלעגן אין בעט מיט אַ הייס שטאַרצל אויפן בויך; אָבער ווי קראַנק זי איז ניט געווען, האָט זי נאָך געפונען אין זיך כוח צו טרייסטן ר׳ זיינוולען. הערש־בער האָט אַפּט געהערט זייערע שמועסן וועגן מענטשן, וואָס זענען לאַנג געשטאָרבן, וועגן זאַכן וואָס קיין זכר איז שוין ניטאָ פון זיי, נאָר אין זייערע שמועסן האָבן זיי נאָך אַלץ געלעבט. הערש־בער האָט זיך געטוליעט צו זייערע שמועסן, געכאַפּט פון זיי שיריים. דאָ אַנומלט האָט זי אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט ר׳ זיינוולען, ווייל ער האָט אין שלאָף געשלוכצט. — „זיינוולעשי, וואָס איז דיר?״ — האָט זי געפרעגט און איר שטים איז געווען אַזוי צאַרט, אַזוי ווייך ווי זי וואָלט גערעדט צו אַ קליין קינד.

הערש־בערן האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ בענקעניש, אַז קוים ווי ס׳האָט נאָר אַ פינקל געטאָן דער טאָג איז ער שוין געווען ביי זלאַטען אויפן קבר...

***

...דאָס בית־מדרשל איז געווען קליין. אויך געדינט ווי אַן עסצימער. פיר לייכטער זענען געשטאַנען אויפן באַלעמער, פיר געלע מעשענע לייכטער. אויסגעקרימטע, צעבויגענע און באַהאַנגענע מיט חלב־צויטן ווי פאַרגליווער־טע טרערן. פיר דערמאָנונגען מיט שטיקלעך אָפּגעדעקטע מעש פון אונטערן חלב, ווי פיר פאַרגאַנגענע זונען שטייען אין זייער פאַרגליווערטער אויס־געקרימטקייט... איבערן באַלעמער האָט ווער פון די אַלטע אַ בלעך איינגערעמט און אויפן בלעך אויסגעמאָלט אַ קראַנץ פון פאַלמענבלעטער און אין מיטן קראַנץ, מיט גאָר גרויסע אותיות, גאָטס נאָמען. איז עפּעס אין בית־מדרשל ליכטיקער געוואָרן. לעבן באַלעמער — אַ שענקל ספרים. ספרים מיט צעקנייטשטע בלעטער, ווי די פּנימער ביי די אַלטע לייט, בלעטער מיט פאַרזיגלטע טרערנפלעקן פון הייסע תפילות, ספרים מיט אָפּגעריבענע טעוולעך און אויסגעפליקטע רוקנס. ניט איינמאָל ביים נעמען אַ ספר אין האַנט האָט ווער אַ זיפץ געטאָן. אַנטקעגן איבער דער וואַנט, לעבן ארון־קודש, זענען געהאַנגען צדקה־פושקעס מכל־המינים, פון ירושלימער, בני־ברקער און חיפהער ישיבות; און האָט זיך ווער פון די אַלטע דערפילט שוואַכער, האָט ער שטילערהייט אַ גראָשן אין דער אָדער אַנדערער פושקע אַריינגעוואָרפן, און ווי שטיל ער האָט דאָס ניט געטאָן, האָט די מטבע ווי אויף צו להכעיס אַ קלימפּער געטאָן — און שוין זענען נייגעריקע בליקן אַרויסגעשפּרונגען פון איבער די צעעפנטע ספרים.

יעדערער האָט זיך זיין פּלאַץ געהאַט סיי ביים עסן און סיי ביים דאַווענען, קיינמאָל פלעגט קיינער ניט פאַרטווישן דאָס אָרט. איז ווער קראַנק געוואָרן און האָט זיך ניט באַוויזן אין שול אָדער צום עסן, האָט מען עס באַלד געוווּסט. און אויב ס'איז געקומען דאָס ערגסטע — דער סוף — האָט מען שוין קיין בליקן ניט געוואָרפן און קיין זיפץ ניט געטאָן, מען האָט די ליידיקע שטול אויסגעמיטן, זי האָט אויפגעהערט אויף לאַנג צו עקסיסטירן. אָבער דערפאַר האָט מען זיך דערמאָנט אָן די צדקה־פּושקעס און מען האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס לעבן איז קורץ...

זעלטענע סעודות האָט מען געפּראַוועט צווישן די הילצערנע ווענט פון בית־מדרש, דאָס האָט ווער געגנייט פאַר זיך תכריכים. אַ מנהג געווען, אַז מען נייט תכריכים ברענגט מען ווײַן און צובייסעכץ און מען ווינטשט זיך לאַנגע יאָר. אין דעם אַנדערן טייל פון בית־מדרשל, וואָס איז מיט אַ ווענטל אָפּגעטיילט, זענען געזעסן די פרויען און אָנטיילגענומען אין דער אויסטערלישער סעודה. מען זיצט, מען מאַכט זיך פריילעך, נאָר קיינער דערוועגט זיך ניט צו ברענגען אויף די ליפּן דאָס וואָס עס שפּאַרט אַרויס פון די בליקן. אַלטע ציטערנדיקע הענט הייבן די בוסות. מיט בלייכע צעקנייטשטע ליפּן זופּט מען, און עס דוכט זיך, אַז ניט קיין ווײַן איז עס נאָר ברענענדיקער טרויער. מען ווינטשט זיך לחיים! לחיים! און אויף די גראָע בערד בלײַבן הענגען טראָפּנס ווײַן, טונקעלע רעשטלעך, וועלכע מען טרייסלט אָפּ געשווינד...

הערש־בער פלעגט זיך נאָך אַזעלכע סעודות פילן איבעריק אין זייערע ד' אמות. מחשבות שווערע ווי שטיינער האָבן זיך איבערגעקייקלט אין זיין מוח.

— „ניט אַזוי זיך פאַרגעשטעלט מיין עלטער" — האָט ער געטראַכט ליגנדיק אויפן געלעגער ביז ס'האָט גענומען שאַריען אויף טאָג. די לעצטע שטיקער נאַכט האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אויפן כרמלס רוקן. הערש־בער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער און זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער שטילקייט. אַ סאָווע האָט ערגעץ דערציילט איר לעצטע נאַכט־מעשה, אין די קיבוץ־שטאַלן האָבן זאַטע פערד אונטערגעהירזשעט. אַן אייזל האָט אָפּגעענטפערט מיט פאַרדראָס, אַ האָן האָט געקרייט, הינער האָבן אונטער־געהאַלטן. הערש־בערס פאַררויטלטע אויגן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די העל־געוואָרענע שויבן. דער הימל האָט שוין אָפּגעשווענקט די גראָע וואָלקנטיכער ערגעץ דאָרט ביים ים, דער אַלטער קישון האָט אָנגעפילט די לופט מיט זיין אָטעם־נעפל וואָס האָט זיך אויפגעלייזט פון ערשטן זונשפּראַץ.

— „ניט אַזוי זיך פאַרגעשטעלט די עלטער"...

**
*

...די לופט אין בית־מדרשל האָט געשמעקט מיט חלב, מיט פאַרלע־גענע שמות און מיט „אַמאָל איז געווען". אָט דער „אַמאָל איז געווען" האָט זיך נאָך יעדערן נאָכגעשלעפּט ווי אַ געטרייער שאָטן. דער „אַמאָל" איז געוואָרן ווי אַ טאָץ מיט שבת־אויבס וואָס אַלע ווילע כאַפּט מען פון אים אַראָפּ און מען דערקוויקט זיך דאָס האַרץ. אויך ער, הערש־בער, האָט זיין „אַמאָל" וועלכן ער האַלט ווי אַן אבן־טוב מיטביידע ציטערנדיקע הענט. אַן דעם וואָלט ער קיין טראָט ניט געקענט שטעלן אין זיין אויסגעליידיקטן וועלטל. אָבער גלייכצייטיק פאַרדריסט אים וואָס אַנדערע לייגן אויף דעם „אַמאָל" אַרויף אויך פרעמדע, צוגעטראַכטע זאַכן.

זיצט דער לאָמער לייזער־וואָלף און דערציילט וועגן זיינע פּאַדריאַדן. וואָס פאַר אַ סוחר ער איז דאָס געווען! גאַנץ ראַסיי אויסגעפּאָרן אין דער לענג און ברייט, די גאַנצע צאַרישע אַרמיי „אויסגעסטרויעט" און דערביי אין יידישקייט ניט פאַרגעסן, ישיבות געבויט, צדקה געגעבן. — אַי אַ לעבן געווען, אַ לעבן... זיפצט ער כסדר אונטער, דערציילט ווייטער, זיפצט אויפ־סניי אָפּ און „אַי, אַ לעבן געווען... אַי, אַ לעבן" באַגלייט יעדן זיפץ זיינעם. ווייסן דאָך אַלע, אַז לייזער־וואָלף איז ווייטער פון בריקל וואָס הינטער דער שטאָט ניט געפאָרן, און אַז אין זיין געוועלבל האָט ער פאַר אַ קאָפּיקע נעפּט און פאַר אַ גראָשן פעפער פאַרקויפט. אַלע ווייסן עס, אָבער מען לאָזט אים רעדן. יידן שאָקלען מיט די קעפּ, זשמורען די אויגן, וועלכע זענען פאַרצויגן מיט אַ נעפּעלע, און ציען צונויף די צעקנייטשטע מיילער. דערביי גלעט מען זיך די בערד פאַרקלערט און מיושבדיק. אין די פענצטער פון בית־מדרשל וויגן זיך די צווייגן פון די צעבליטע מאַנדלען, די ווייסקייט פון די צווייגן, די צעבליטע מאַנדל־ביימער ווערן פאַרוואַנדלט אין ברייטע פאַרשנייטע שליאַכן, וואָס אַלע פירן זיי נאָר צו איין אָרט — צום שטעטל...

הערש־בערן איז דערווידער דאָס פוסטע באַרימען זיך און כאָטש ער הערט זיך צו מיט אַלעמען צוגלייך, בלאָנקעט אויף זיינע ווייסע ליפּן אַ לייכט געלעכטערל, און ווען יענער ענדיקט קען ער זיך ניט איינהאַלטן און זאָגט צו זיך אַז אַלע זאָלן הערן: „באָבע־מעשיות". די יידן נעמען אים אַדורך מיט שטעכיקע בליקן, נאָר מען זאָגט אים גאָרניט! צו וואָס אים זאָגן? זיי וועלן אים שוין אָפּצאָלן ביים אויפרופן צו דער תורה, אָדער ביי אַ בלאַט גמרא...

אָפט האָט זיך אין זיין שוואַכער ברוסט אַ שטורעם צעבורזשעט: ער וועט אַוועק ווו די אויגן וועלן אים טראָגן, ער וועט דאָ ניט שטאַרצן ווי אַן אָפּגעדאַרטער צווייג, אַן אומנוצלעכער און פון קיינעם ניט באַמערקטער. ער פילט זיך ווי אין אַ פוסטן חלל און די אָפּגעלעבטע יאָרן הענגען אים

ביי די פּיס ווי שווערע געוויכטער און שלעפּן אים ערגעץ אַראָפּ. דער ערגעץ האָט ניט קיין סוף, האָט ניט קיין ענד...

אין אַזעלכע מאָמענטן קען ער ניט איינזיצן אין בית־מדרש. לאָזט ער זיך צום כּרמל און הייבט אָן קלעטערן. וואָס העכער ער קומט אַלץ מער באַרואיקט ער זיך, פון די פעלדזנשפּאַלטן שמייכלען די ווייסע קעפּלעך פון נאַרציסן, דער רויטער מאָן ווינקט צו אים און אַ גרויסע שטילקייט נעמט אים אַרום מיט ווייכע, גוטע פינגער, ווי מיט וואַרעמע שאַלן. און אַז הערש־בער נידערט אַראָפּ, איז זיין אויג אויסגעלייטערט און זיין האַרץ רואיק.

אַט ליגט ער איצט אין בעט און קען שוין ניט אויפשטיין. פּופּצן אָפּגעלעבטע יאָרן וואַלגערן זיך פון יענער זייט שוועל, צעמאָלענע און אויסגעמישטע מיט שטויב.

און פונדעסטוועגן בענקט זיך אים צוריק צום בית־מדרשל, צו די אויסגעמאָלענע פּאַלמענבלעטער מיט גאָטס נאָמען, צו די מעשענע לייכטער און צעפּליקטע ספרים. ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט ווי זאַכן קענען זיך צונויפוואַקסן מיט מענטש.

די רויט־פּאַרטרערטע אויגן ווערן מיד, און איידער הערש־בער פאַרמאַכט זיי וואַרפט ער נאָך זיין בליק צום כּרמל. אַ רויטלעכן קראַנץ ליכט האָט אים די זון געשאָנקען פאַרן פאַרגיין. טראָגט אים דער כּרמל אויפן פעלדזיקן שטערן און צעשיקט איבער דער וועלט זיינע לעצטע, לעצטע גרוסן...

פאַרגליווערטע ליפּן

אַז מען זאָגט ערנקראַנץ, איז דאָס ערשטע וואָס קומט אויפן זינען — אַ קליין וועגעלע אויף פיר רעדער, אַן אייזל, פולע קאַנען מילך, און שפּעטער שווימען אַרויס אַ פּאָר ברייט־צעצויגענע ליפּן מיט אַ טויבן געלעכטער אויף זיי. קיין פולן מענטשן זעט מען ניט, נאָר צעלאַכטע ליפּן, אַ וועגעלע, אַן אייזל. פּונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען טיילן פון אים, לעבעדיקע גלידער פון זיין געשטאַלט. דאָס וועגעלע מיט די מילכקאַנען קען מען טאַקע פון אים ניט אָפּטיילן, ווייל שטענדיק איז ער מיט זיי צוזאַמען. שטענדיק געפינט מען אים צווישן די וועגן — פון די שטאַלן צו דער מילכעריי און פון דער מילכעריי צו די שטאַלן.

ער מאַכט דעם איינדרוק, אַז שוין דעמלט, מיט דער גרויסער עליה, איז ער געקומען אין קיבוץ אַריין מיטן אייזל, וועגעלע, קאַנען מילך, און זיי גלייך אָנגעהויבן פונאַנדערצופירן.

זיין נאָמען ווייס קיינער ניט, און ביים פרעגן וואָלט מען זיך גע־וווּנדערט: וואָס הייסט זיין נאָמען? ערנקראַנץ, פּשוט ערנקראַנץ!

מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז געווען אין דאַכאַו און פון דאָרטן — זיין שמייכל.

קענסט דעם מענטשן יאָרנלאַנג, קענסט דעם בליק פון זיינע אויגן. דעם שמייכל און דעם כעס, די האַנט־באַוועגונג און דעם אופן ווי ער טראָגט צו דעם לעפל צום מויל און נאָך אַלעמען בלייבט ער פאַר דיר פאַרהוילן. אַזאַ איז פאַר אַ סך אויסגעקומען ערנקראַנץ. אָט זיצט ער ביים טיש און עסט, און עס דוכט זיך, ער זעט ניט די איבעריקע מענטשן וואָס עסן צוזאַמען מיט אים. די אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט, עד שניידט דאָס ברויט אין קליינע קוואַדראַטלעך, שטעקט זיי אַן אויפן שפּיץ מעסער און דערלאַנגט עס אין מויל אַריין, שלינגט דאָס ברויט צוזאַמען מיט שטיקער געלעכטער. קיינער פון די זיצנדיקע ווייסן ניט וואָס עס טוט זיך אונטערן געלעכטער, ווייל ערנקראַנץ רעדט ווינציק צו מענטשן, און אַז ער רעדט קומט עס אויס זייטיק, ווי פאַרשעמט. די ווערטער פאַלן שטיל, כמעט בלחש, נאָר ווען ער טרייבט דאָס אייזל הייבט זיך די שטים. די גאַנצע אָפּגעשפּאַרטע שטימען־קראַפט, וואָס ער קאַרגט אַזוי פאַר מענטשן, גיט ער אָפּ דעם אייזל און לאָזט אויף אים ניט זעלטן אויך פאַלן אַ קללה.

אַז ס'איז געקומען די אסיפה וואָס האָט באַדאַרפט ערנקראַנצן באַשטעטיקן פאַר אַ חבר אין קיבוץ, האָבן זיך געפונען טייל חברים, וואָס זענען אין ספק געווען צי מען דאַרף אים אָננעמען. ערנקראַנץ איז געזעסן און זיך צוגעהערט ווי מענטשן שטעלן זיך אויף און רעדן און יעדערער פון זיי רעדט בלויז וועגן אים. מען האָט געזען ווי זיינע צעשראָקענע אויגן טאַנצן אַרום, באַהאַלטן זיך אויס אונטער די דיקע ברעמען, שפּרינגען ווידער אַרויס און באַהאַלטן זיך אויפסניי. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך און שווער האָט געצומען דער שמייכל־גליווער זיך אויפלייזן אויף זיינע ליפּן. אַ פאַרטראַכטקייט האָט שטיל און אומבאַמערקט באַהערשט זיין פּנים. די אומגעריכטע פּנים־ענדערונג האָט ביי ערנקראַנצן אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ווי לאַנג דער מזכיר האָט איבערגעציילט די אויפגעהויבענע הענט ביים אָפּשטימען. ווען דורכן עולם איז אַדורך אַ שעפּטש: אָנגענומען, האָט דאָס געלעכטער זיך ווידער אַרויסגעקייקלט פון זיין האַלדז און געבליבן ליגן אויף זיינע ליפּן.

*

חנה האָט אַרויסגעקוקט דורך דער אויסגעהאַקטער שויב פון דער קינדערקיך, געמישט רייז אינם גרויסן דאַמפּקעסל מיט אַ לאַנגן הילצערנעם לעפל און די בליקן געהאַלטן געווענדט צום פאַררעגנטן דרויסן. פּלוצעם האָט זי דערזען אים, ערנקראַנצן. זי האָט געקוקט אויף דער געדיכט־פעטער בלאָטע אין וועלכער ער איז נאָכגעקראָכן דעם וועגעלע און אויף די רעדער וואָס האָבן זיך שווער געאַמפּערט מיט דער געדיכטקייט. געגעבן זיך אַ קייקל, נאָך אַ קייקל און געבליבן שטיין. ביי יעדערן אָפּשטעל האָבן זיך די פולע קאַנען אויפגעטרייסלט און פון אונטער די צוגעמאַכטע דעקלעך האָט אַ שוים געטאָן אַ ווייסער מילכשוואָם. חנה האָט געקוקט אויף די רעגנטראָפּנס, וואָס זענען גערונען איבער זיין צעראַטן היטל און געבליבן הענגען אויף זיינע געדיכטע ברעמען, אויף דעם נאַס־גליטשיקן רעגן־מאַנטל און אויף די לאַנגע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן די לייצעס. אַ ווײַלע נאָר האָט זי געזען זיין נאַס־פאַררעגנטן פּנים. די גרויסע אויסגעבויגענע נאָז איז ניט געווען אין דעם מאָמענט אַזוי קאָמיש. פאַרקערט, זי האָט צוגעגעבן דעם לאַנגן פּנים מיט די צעלאַכטע ליפּן אַ טרויעריקן שטריך. אין דעם אויגנבליק איז חנהן זיין אויסזען אויסגעקומען מענטשלעך, אַזוי איינפאַך מענטשלעך ווי קיין מאָל ניט פריער. ערשט ווען ערנקראַנץ איז פאַרשוואונדן אינם רעגן־נעפל און ווען אין דער בלאָטע האָבן די איינגעקוועטשטע פאַסן־סימנים פון די רעדער און פון זיינע פוסטריט זיך אָנגעפילט מיט רעגן־וואַסער, האָט חנה אָפּגעריסן דעם בליק.

*

ס׳איז נאָך פינצטער און קיל. אַ שוואַך לעמפּל מאַטערט זיך קוים מיט די נאַכטשאַטנס. אַ וואַרעמע פּאַרע זעצט פון די בהמות און פונם מיסט. ערנקראַנץ האָט ליב די ווינטערדיקע פּאַרטאָגן. די פאַררעגנטע ערב־טאָג־שעהן אין די שטאַלן, די בהמהשע וואַרעמקייט, דעם זויערן מיסט־ריח און נאָך מער האָט ערנקראַנץ ליב דעם געבראַזג פון יאַד־קייטן אויף די העלדזער פון די קי. ערגעץ האָט ער שוין אין די קינדעריאָרן ענלעכע קלאַנגען געהערט, אָבער וויפל ער טראַכט ניט, שטרענגט זיך ניט אָן, קאָן ער זיך ניט דערמאָנען ווען און ווו האָט ער געהערט אַזאַ קלאַנג. אָנגענעם איז אים אויך דער לייכטער שאַרף פון ריטשקעלעך מילך, ווען זיי שטראָמען פון די אויפגעלאָפענע אַייטערס אין די עמאַלענע עמערס אַריין. אַט די ריחות, קלאַנגען און וואַרעמע פּאַרע באַוועלטיקן אים אַזוי, אַז ס׳איז אים אַ שאָד, וואָס באַלד וועט טאָג ווערן און ער וועט מוזן איבערלאָזן די שטאַלן. די רפתנים קענען אים שוין און ווייסן זיין שוואַכקייט, וווּנדערן זיי זיך ניט מער פון זיין אַרומשאַרן זיך צווישן די קי. דערפאַר וואָס זיי שטערן אים ניט, העלפט זיי ערנקראַנץ אַרויסצוטראָגן די עמאַלענע עמערס און אָנ־פילן די קאַנען. דאָס מילך, נאָך וואַרעם, גיסט זיך צעשוימט, די קאַנען פילן זיך אָן און רינען איבער אינם אויפגייענדיקן טאָג אַריין.

ערנקראַנצן איז שווער זיך אָוועקצורייסן פון די שטאַלן, וואַרפט ער אומגערן די קאַנען אויפן וועגעלע און שוין לאָזט ער זיך אין וועג אַריין. די קינדער האָבן ערנקראַנצן ליב און נאָך מער — זיין וועגעלע. אַז ער פאָרט פאַרביי די קינדער־גערטנער, וואַרטן אים שוין אָפּ די קינדער און געשווינד כאַפּן זיי זיך אַרויף אויפן וועגעלע. ער שטערט זיי ניט. די קינדער צעזעצן זיך צווישן די קאַנען, און אַז זיי בעטן די לייצעס, דערלאַנגט ער זיי, אַליין קריכט ער אַראָפּ פון וואָגן און גייט זיי נאָך. די קינדער טומלען, ציען שטאַרק פאַר די לייצעס ביז דאָס אייזל שטעלט זיך אָפּ אויסציִענדיק שטייף די אויערן. דעמלט צעשרייען זיך די קינדער און מאַכן נאָך ערנקראַנצן:

— וויאָ חמור, אייזלקאָפּ!

חנה האָט נאָכגעקוקט ערנקראַנצן. זי האָט געוווּסט וועגן זיינע פאַר־טאָגיקע באַזוכן אין די שטאַלן, זיין פריינדשאַפט מיט די קינדער און נאָך פון אַ שוואַכקייט זיינער האָט זי געוווּסט. ערנקראַנץ האָט אין אַ צוויי־אָרעמדיקן צווייג אויסגעהוילט לעכלעך, אַדורכגעצויגן דרעטלעך, און אין די נעכט פלעגט ער מיט אַ דין שטעקעלע אויסקלאַפּן עפּעס קלאַנגען אַזעלכע, וואָס האָבן דערגרייכט צו חנהס אָפענע פענצטער. ס׳פלעגט זיך איר אויסדאַכטן, אַז ערנקראַנץ האָט דורך דער אומפאַרשטענדלעכער און

אויסטערלישער מוזיק צו זיך גערעדט, זיך עפּעס אויסדערציילט.

דאָס איז געווען אין די נעכט. בייטאָג איז ער געווען דער זעלביקער ערנקראַנץ, פאַרטאָן מיט די מילכקאַנעס און מיטן אייזל, צו וועלכן ער האָט צוגעוואָרפן האַלב אויף עברית און האַלב אויף יידיש זיין שטענדיקן פּזמון ווען עס האָט ניט געוואָלט פאָלגן:

— וויאָ חמור, אייזלקאָפּ!

דער אויסגעשריי איז געווען אָנגעלאָדן מיט באַפעלערישקייט און מיט רוגזה, און עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אַז פון אַזעלכע צעלאַכטע ליפּן קען זיך אַראָפּקייקלען אַזאַ בייזקייט. חנהן אָבער האָט ערנקראַנץ כמעט ווי ניט געזען. נאָר איין מאָל, ביי אַ מסיבה, ווען מען איז געזעסן ביי לאַנגע ווייס־געדעקטע טישן, האָט זי דערפילט זיין בליק. ס'איז ניט געווען דער טאָג־טעגלעכער קוק, וואָס אַלע האָבן אַזוי גוט געקענט. זיינע אויגן האָבן אַ מעטאַלענע האַרטקייט באַקומען און די פאַרהאַרטעוועטקייט האָט אַ מאָדנעם פינקל פון זיך אויסגעטיילט. דעם בליאַסק האָט חנה דערפילט פון איבער אַ צענדלינג קעפּ, ווי ער לויפט אָן און לאָזט זיך אַראָפּ אויף איר בוזעם. זי איז געזעסן און מיטגעזונגען מיטן כאָר, נאָר ווען חנה האָט דערפילט דעם בליק, האָט זי ניט ווילנדיק אונטערגעהויבן די הענט צו דער בלוזקע. זי האָט זיך ניט געריכט, אַז ערנקראַנצס אויגן קענען זיך אַזוי אָנצינדן, אַז פון אים זאָל קומען אַזאַ בליק.

*

די צווייגן פאַר חנהס פענצטער שאָקלען שוין פון זיך אַראָפּ די נאַכט. ס'טאָגט. חנה שלאָפט ניט. זי הערט זיך צו צום טומל, וואָס קומט פון דרויסן. דאָס שרייען אַזוי די שאָפערן, קריגן זיך, לויפן צו דער נאַכט־וועכטערין נאָך די צוגעגרייטע פּעקלעך עסן, קומען צוריק צו די אויטאָס, ווישן דעם שטויב פון די שייבלעך און לאָזן אין גאַנג די מאָטאָרן. פאָרן אָפּ די אויטאָס מיט מילכוואַרג איבער די שטעט און שיכונים, ווערט אין הויף אַ ווײַלע שטיל. נאָר דער בענזין־רויך טראָגט זיך נאָך לאַנג אַרום, אויך צו חנהס פענצטער דערגרייכט ער. באַלד הערט חנה ווידער אַ רוישן, דאָס רוישן גייט איבער אין אַ שווער דעכען, דאָס פאָרט שוין אין פעלד אַרויס דער גרויסער, געלער קאָמביין מיט די דריי טראַקטאָרן. חנה ווייס אַז הויך אויפן קאָמביין זיצט אָשר מיטן ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. דאָס העמד ליגט מסתּם ביי דער זייט ווייל אָשר האָט ליב אַז די פאַרטאָגיקע קילקייט זאָל אַרומנעמען זיין נאַקעטן, ברוינעם גוף.

זי הייבט זיך אַביסל אונטער און קוקט אַרויס צום פאַרבייפאָרנדיקן קאָמביין.

— וואָדען? דאָס העמד ליגט טאַקע ביי דער זייט.

זי וואָלט קיינמאָל אויפן הויף אָדער אין עסזאַל זיך ניט דערוועגט אַזוי גלייך צו קוקן אויף אָשרן, אָבער דאָ, אַן אומגעזעענע, טוט זי עס.

צי איז זי נאָך בייז אויף אָשרן?

ס׳איז איר שווער אויף דעם צו ענטפערן. ס׳זענען דאָך שוין פאַרביי אַזויפיל יאָרן זינט יענעם טאָג פון בזיון ווען ער האָט באַדאַרפט איבערגיין צו איר אין צימער און ער איז ניט געקומען. ביז היינט שטייט נאָך ביי איר זיין שענקעלע מיט ביכער, וואָס ער האָט דעמלט, עטלעכע טעג פריער פאַר יענעם טאָג, געהאַט אַריינגעשטעלט. שטייט עס אַזוי מיט אַ דיקן שטויבנטוך אַרומגעהילט און אויף יאָרן שוין פאַרבליבן אַ בייזע דערמאָנונג.

חנה געדענקט די בליקן, וואָס די ווייבער האָבן דעמלט אויף איר געוואָרפן, ווען זי איז אַריינגעקומען אין עסזאַל. זי האָט ניט געוווסט וואָס זי עסט ווייל אין יעדן ביסן האָט געשטעקט אַ בליקן־שפּילקע.

אָ! זי האָט דאָס אַלץ באַמערקט, אַלץ געזען!

צי האָט דאָס אשר אויך געפילט?

ס׳האָט איר דעמלט צום מערסטן געאַרט זיין רואיקייט, זיין זיכערער בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אַרום זיך. חנה האָט אים געהאַסט.

און היינט?

פון צייט צו צייט אין אַ לאַנגער נאַכט פון איינזאַמקייט, ווען אירע אויגן טרעפן־אָן אין ווינקל צימער זיין פאַרשטויבט ביכערשענקל, גיט אַ זיך דער ווייטיק, אָבער פיינד האָבן אים, ניין.

ער איז דאָך פאַרבליבן, אַזוי ווי זי, אַליין. דער הויכער, געזונטער יונג, אויך ער איז פאַרבליבן אַליין.

חנה וואָלט אים געוואָלט נאָר פרעגן:

פאַרוואָס האָט ער איר דאָס אָפּגעטאָן, פאַרוואָס זיך אַזוי אָפּגעטאָן?

✶

אַ גרויסע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט איבער חנהס צימער. די שטילקייט נאָך אַ טאָג אַ מי. אַ מידקייט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין איר גוף און אים פאַמעלעך איינגעדרימלט. אומגעריכט איז אַריינגעקומען ערנקראַנץ. אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט. פון זיינע ליפּן האָט זיך איבער דער שטוב צעשפּרייט דאָס שטומע געלעכטער.

ערנקראַנץ האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ בילד וואָס איז געהאַנגען אַנטקעגן; אַ מאַן זיצט איבער אַ קלאַוויר און אין דער געעפנטער טיר שטעקט אַ פרויען־געשטאַלט און הערט זיך צו צו זיין שפּילן. די פרוי זעט מען ניט אַן דייטלעך, ווייל אין צימער איז טונקל. האָט ערנקראַנץ זיך אויס־

געמאָלט, אַז דער מאַן — דאָס איז ער, און ניט קיין קלאַוויר איז עס, נאָר זיין צוויי־אָרעמדיקער צווייג מיט די אַדורכגעצויגענע דרעטלעך, און די פרוי — דאָס איז חנה, וואָס האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין שפּילן מיינט ער זי, זי זאָל קומען און אָט איז זי געקומען.

חנהן איז אומהיימלעך געוואָרן פון דעם זיצן און שווייגן, האָט זי אים צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי.

— טרינק!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איז אַרויסגערעדט געוואָרן פאַר דער גאַנצער צייט. ערנקראַנץ האָט לאַנג זיך ניט צוגערירט צום טיי. חנה האָט געזען ווי ער קעמפט מיטן געלעכטער, קרימט מיט די ליפּן, ציט זיי איין, שלעפּט זיי צוריק. אַ ווײַלע געראָט עס אים, באַלד אָבער צעפּאַלן זיי זיך און שוין רייסט זיך אַרויס פון צווישן די ציינער דאָס זעלביקע געלעכטער און בלייבט הענגען.

חנה האָט געזען די ראַנגלעניש, געזען די אומבאַהאָלפנקייט זיינע און אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט האָט זי אַרומגענומען, אַ וואַרעמקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיין פּנים, פון זיינע אויגן. זי האָט געפילט: ווען ער וויל זי אַרומנעמען וואָלט זי זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט. אָבער ערנקראַנץ האָט ניט דערפילט וואָס ביי חנהן איז פאָרגעקומען.

ס'האָט שוין געמוזט זיין זייער שפּעט. ערנקראַנץ האָט זיך שווער אונטערגעהויבן. ווען ער האָט זיין פּנים געווענדעט צו חנהס זייט, איז עס געווען בלייך און ערנסט. זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעציטערט אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זענען געפאַלן ווי שערבלעך פון אַ צעבראָכענער כלי.

— חנה, וואָלסט — — — וואָלסט — — — חתונה האָבן — — — — מיך?

נאָך יענעם אויפדערנאַכט האָט חנה ערנקראַנצן אויסגעמיטן. ס'איז איר ניט פאַרשטענדלעך געווען פאַרוואָס זי האָט אים ניט געקענט באַגעגענען. אַפילו דאָס שפּילן פון זיין משונהדיקן אינסטרומענט האָט זי ניט געקענט פאַרטראָגן. פלעגט זי צומאַכן דאָס פענצטער. אָבער די קלאַנגען האָבן אַרומגעזשומעט פון יענער זייט שויבן. אין די אָוונטן האָט זי ניט געקענט איינזיצן אין צימער. ס'האָט זיך איר שטענדיק אויסגעוויזן אַז אָט גייט ער, אָט הערט זי זיינע האַרטע טריט. אָבער ערנקראַנץ איז שוין מער ניט געקומען. ער האָט זיך געשעמט פאַר דער פלוצעמדיקער דרייסטקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, און זי, חנה, האָט געשוויגן. ער וועט שוין ניט אָנרירן מיטן דינעם שטעקעלע קיין סטרונע. חנה האָט סיי־ווי צוגעמאַכט די פענצטער. ער האָט דאָס געזען, די פענצטער זענען ביי איר צו. אַז ס'איז אַוועק אַ וואָך האָבן די פענצטער פון חנהס צימער זיך אויפגעפּראַלט. זי

האָט זיך שוין ניט געשראָקן פאַר זיין קומען. נאָר ערנקראַנץ איז ניט געקומען, אויך זיין שפּילן האָט אויפגעהערט, איז חנה אין כעס געוואָרן.

— דערשראָקן זיך דער גולם, האָט מורא זיך צו ווייזן!

זי האָט געוווּסט, ער געפינט זיך אין זיין צימער און צינדט אַפילו ניט אָן קיין ליכט. האָט איר אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג אַריינצוגיין און עפּעס אים זאָגן, ניט וויכטיק וואָס, נאָר סתם רעדן, ס'זאָל אים פריילעכער ווערן. אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן דער פאַרלאַנג, באַלד האָט דער כעס פאַרפלייצט דעם ווילן.

דערשראָקן זיך, דער גולם, האָט מורא זיך צו ווייזן.

✶

אַ זומער פאַרביי און נאָך אַ זומער.

טעג הייסע, חמסיניקע. אויף פעלדער האָבן זיך געצייטיקט און איבערגעצייטיקט די פּאָמידאָרן און אוגערקעס און פון די בריאיקע חמסין־ווינטן האָבן זיי געגומען אָפּדאַרן. ס'האָבן ניט געסטייעט די הענט פון די גערטנער, פלעגן חברים, נאָכן פאַרענדיקן דעם אַרבעטסטאָג, זיך צונויפזאַמלען און אַרויספּאָרן העלפן אין פעלד אַריין.

חנה האָט געריסן די פּאָמידאָרן. געריסן און געוואָרפן אין קוישל אַריין. ווען דאָס קוישל איז שוין פול געוואָרן, האָבן צוויי לאַנגע הענט מיט אויפגעלאָפן־צעדרייטע פינגער עס אָנגענומען. פינגער צעקרימטע מיט שוואַרץ־צעפלאַצטע נעגל. חנה האָט צום ערשטן מאָל אַזוינס דערזען. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט די בליקן אָנגעהויבן וואַנדערן צום שורש פון די הענט.

ערנקראַנץ איז געשטאַנען פאַר חנהן און ניט דערוועגט זיך אויפצוהייבן די אויגן. ער האָט געקעמפּט מיטן געלעכטער. געקרימט די ליפּן, צונויפגעצויגן זיי, צוזאַמענגעשלעפּט זיי. אַ ווײַלע איז עס אים געראָטן, באַלד אָבער זענען זיך די ליפּן צעפאַלן און שוין האָט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די ציינער דאָס זעלביקע געלעכטער און געבליבן הענגען ווי פריער — שטום און פאַרגליווערט.

די ליאַלקע

Iייער געסל האָט ניט קיין ביימער, קיין עלעקטרע און קיין קראָמען זענען ניט פאַראַן. שמאָל, גראָ און פאַרלאָזט איז דאָס געסל. קיין דורכגייער זעט מען ניט, קיין וואָגן און קיין אויטאָ פאָרט ניט דורך, ווייל די גרענעץ האָט מיט אַ שטעכל־וואַנט פאַרשפּאַרט דעם וועג און דאָס געסל אין צווייען צעטיילט.

אַ סך שטיינבריך מיט אַ סך שטויב פון צעשאָסענע הייזער פאַרלייגט און פאַרהילט דאָס געסל. פון צווישן די חורבות וואַקסן ווילדע קרייטעכ־צער אין ביינאַכט יאָגן זיך אַרום קעץ, שלאָגן זיך און יאָמערן. די יללה עגבערט זיך איין און דרינגט אַדורך די שטיבער וואָס שווימען אַרום צווישן די חורבות און שרעקן קליינע קינדער.

בייטאָג ווערט דאָס געסל אַביסל אויפגעלעבט. קינדער שפּרינגען אַרום, ליאַרעמען און שפּילן זיך. די הייזער־חורבות פאַרוואַנדלען זיך אין די שענסטע פּאַלאַצן. ליגן עטלעכע אָפּגעבּרענטע באַלקנס, ווערט פון דעם באַלד אַ שיף און מען שווימט שוין ווו די וועלט האָט אַן עק. שטאַרצן שטיינער ווינקלדיק אַרויס, מאַכט מען גלייך פון דעם אַ ריזן־פעסטונג ניט איינצונעמען, ניט אַדורכצוברעכן; און די אייזערנע זשאַווער־שטאַנגען וואָס שטעקן אַרויס פון צווישן די שטיינער ווערן ווי דורך אַ שפּרוך — האַרמאַטן מיט לאַנגע העלדזער און פון דער פרי ביזן אָוונט „פייערן" זיי אויף דער „פעסטונג" וואָס גיט זיך ניט אונטער און וויל קיין ווייסע פאָן ניט אַרויסהענגען.

די שטומע שטעכל־וואַנט מיטן שילדל וואָס וואָרנט מיט רויטע אותיות „אַכטונג! גרענעץ!", שטערט ניט צו די אַלע שפּילערייען. די קינדער קימערן זיך ווינציק־וואָס פון דעם, מורא האָבן נאָר די גרויסע וועלכע זענען ניט מיד אָנצוזאָגן און אָנצוזאָגן: „צו די דראָטן ניט צוגיין!" אַביסל שרעקן זיך די קינדער, אָבער מען פאַרגעסט גיך. מען ווערט צוגעוווינט און די צוים ווערט ווי ניט באַמערקט. פאַרקערט, אַ דאַנק דער שטעכל־וואַנט איז דאָס געסל אינגאַנצן זייערס. קיינער גייט ניט, קיינער קומט ניט. ווען ס'פאַלט ניט צו די נאַכט קען מען זיך שפּילן און שפּילן.

אַז ס'ווערט טונקל, אַז די צעשאָסענע הייזער פונם געסל וויקלען זיך אַרום מיט נאַכטשאָטנס און אַז די דראָט־צוים וואָס טיילט אָפּ דאָס

ירושלימער געסל אין צווייען צעגייט אויך אין דער אָנקומענדער פינצטער־ניש, צעלויפן זיך די קינדער איבער די שטיבער.

ווען נעמה קומט אין שטוב, טרעפט זי די מוטער זיצן אויפן שטיינערנעם דיל לעבן פרימוס פרעגלענדיק עפעס אויף אַ גרויסער פּאַטעלניע, פון וועלכער ס׳הויבט זיך אַ בייסיקער ריח פון אַלטן בוימל. עטלעכע פליגן פליען אַרום דעם העלן קרייז פונם נאַפט־לעמפּל. אין שטוב איז שטיל, נאָר דער בוימל אויף דער פּאַטעלניע בלעזלט זיך. די מוטער זיצט, פרעגלט און איז אַריינגעטאָן אין עפּעס אַ טראַכטעניש. פון צייט צו צייט הייבט זי אונטער דעם קאָפּ און כאַפּט אַ בליק צו דער טיר.

די קליינע נעמה איז הונגעריק און שלעפעריק און דאָ זיצט די מאַמע און זעט איר גאָרניט. זי זיצט די פיס פאַרלייגט, און טראַכט און טראַכט, אָבער איר, נעמה׳ן, ניט זי זעט, ניט זי גיט איר עסן און ניט זי רעדט צו איר.

דאָס נאַפט־לעמפּל ברענט שוואַך און רויכיק, אין די ווינקלען פון צימער שאַרן זיך שאָטנס און אין די קליינע, קיילעכדיקע שייבלעך איז אַזוי פינצטער אַז ס׳איז אַ מורא אַהינצוקוקן. צעוויינט זיך די קליינע הויך און ביטער. דעמלט שטייט אויף די מוטער.

— שטיל זאָלסטו זיין, דער טאַטע דאַרף באַלד קומען! —

זי ווישט איר מיטן שפּיץ פאַרטוך דאָס פּנים און גלעט איר איבער די גלאַנציקע האָר.

— וואָס פאַראַ וויינען איז דיר אָנגעפאַלן? —

✶

דאָס געסל איז נאָך ליידיק. דער ירושלימער הימל שפּרייט זיך בלאָ און שטיל אויף דער זייט שטעכל־צוים אַזוי ווי אויף דער צווייטער זייט.

די זון איז נאָך אין געסל ניטאָ אָבער פון ערגעץ אַ הויכן און ווייטן טורעם בליקט זי שוין אַרויס.

אַז נעמה קומט אויף פון שלאָף, איז שוין דער פּאָטער ניטאָ אין דער היים, אָבער דערפאַר טרעפט זי לעבן זיך אַ ליאַלקע. די ליאַלקע איז ניט אַזאַ גרויסע ווי די מאַמע זאָגט איר שטענדיק צו, אָבער זי איז אַזוי שיין אָנגעטאָן, אַז נעמה קריגט די ליאַלקע גלייך ליב. זי טראָגט אַ רויט קליידעלע מיט אַ גרינעם, זיידענעם באַנד אין די האָר, שוואַרצע שיכעלעך און בלאָע קרעלן אויפן האַלדז.

— וועסט זיין אַ גוט מיידעלע, נעם איך דיך אַרויס שפּאַצירן — זאָגט נעמה צו דער ליאַלקע בשעת די מאַמע טוט איר אָן די שיך און שפּיליעט צו דאָס קליידל — „די קינדער וועל איך אַ פייג צולאָזן צו דיר!״ —

נעמה אײַלט זיך שטאַרק אין געסל אַרײַן. קוים דערלעבט אָפּצועסן, לױפֿט זי שױן אַרױס.

װען די קינדער דערזעען בײַ נעמהן די ליאַלקע, טרעטן זײ שױן ניט אָפּ פֿון איר. יעדערער װיל אָנרירן דאָס קלײדעלע, גלעטן דאָס פּנים, בעמען פּאָר די הענטלעך — נאָר נעמה דערלױבט ניט צוצורירן זיך, װײַל די קינדער לאָזן איר ניט אָנטײלנעמען אין אַלע שפּילן, און אַז ס'האָט װער אַ צוקערל טײלט מען זיך ניט מיט איר, מען גיט די שטאַרקערע, די גרעסערע, פֿאַר װעלכע מען האָט מורא. דעריבער איז זי זיך איצט נוקם איבער זײ.

די קינדער רוקן זיך אָפּ פֿון איר, שפּילן זיך פֿונדעררװײַטנס, נאָר יעדע װײַלע װאַרפֿט אַ צװײט מײדעלע ניט־פֿאַרגינערישע בליקן צום טרעפּל װוּ נעמה זיצט און האַלט די ליאַלקע אין די אָרעמס. אירע אױגן זענען פֿאַרזשמורעט. זי פֿילט זיך איצט גרױס װי די שכנטע װאָס זיצט יעדן טאָג פֿאַר דער טיר און װיגט איר קלײן, שרײַענדיק קינד. נעמה געדענקט אַפֿילו װי די שכנטע נעמט עס אײַן מיט איר הײזעריק קול. זי צעשמײכלט זיך, הײבט אױף די ליאַלקע אין דער הײך, קוקט איר אַרײַן אין פּנים און זאָגט:

— אַ, באַ, באַ, באַ, שאַ מײדעלע שאַ! —

✶

װען הלל קומט צוריק פֿון פֿאַרקױפֿן די צײַטונגען, רינגלען אים אַרום די קינדער און מיט כּעס און צאָרן דערצײלן זײ אים אַז נעמה האָט אַ ליאַלקע, אַז זי בלאָזט זיך און לאָזט קײנעם ניט צורירן זיך.

הלל איז ניט דער עלטסטער פֿון צװישן די קינדער, אָבער פֿון זינט דער טאַטע זײַנער האָט אים גענומען אַרױסצוהעלפֿן בײַם פֿאַרקױפֿן די צײַטונגען איז זײַן חשיבֿות געװאָקסן אינעם געסל. ער לױפֿט אַרום איבער דער שטאָט, קאָן שױן אַלע גאַסן, זעט אַ סך, הערט אַ סך. װײס װוּ מען מעג גײן און װוּ ס'איז פֿאַרװערט. אַמבעסטן האָט ער ליב דעם „מאַנדעלבױם־טױער". דאָרטן איז טשיקאַװע און שטענדיק איז דאָ עפּעס בײַעס.

דאָ אַנומלט זענען אַריבערגעקומען פֿון יענער זײַט „טױער" עפּעס אױסטערלישע מענטשן מיט געגאָלטע קעפּ, מיט לאַנגע בערד און מיט צלמים אױף די ברײטע פֿרױען־קלײדער. אױף די באָרװעסע פֿיס האָבן זײ געטראָגן שיך אַזעלכע פֿון האָלץ, װאָס מאַכן אַ רעש בײַ יעדן טריט.

אַז הלל קומט צוריק, נעמט ער צונױף די קינדער אין װינקל־געסל, אין דער „פּעסטונג" אַרײַן, און טוט פֿאַר זײ אױסמאָלן דאָס װאָס ער האָט געזען. אָט שטעלט ער זיך אַװעק, לאָזט אַרױס דאָס העמד פֿון די קורצע, פֿאַרלאַטעטע הױזן, בינדט זיך אַרום מיט אַ שטריקל און צום שטריקל

פון צוויי העלצלעך אַ צלם — און מאַכט נאָך יענע מענטשן מיט די געגאָלטע קעפּ און לאַנגע בערד. ער פאַרקרימט דאָס פּנים און באַרכלט אויף אַ מגושמדיקן קול. און אַט איז ער אַ קצין. פאַררוקט זיך דאָס היטל אין אַ זייט, דרייט זיך די וואָנצעס, פּאַכעט מיט אַ קליין שטעקעלע און גייט באַפעלן. קינדער לאַכן, די קינדער האָבן ליב ווען ער דערציילט זיי וועגן דער שיירה, יידישע זעלנער וואָס פאָרן אַרויף אויפן באַרג, נאָכמער האָבן זיי ליב ווען ער רעדט וועגן „דאָרטן", וועגן זייער שטוב אין אַלט־ירושלים. דעמלט פאַרגעסט הלל צי ער אַליין האָט עס געזען, צי דער טאַטע זיינער האָט עס אים אויסגעמאָלן. ער פירט זיי מיט זיינע רייד איבער די געדרייטע, שמאָלע און האַלב־פינצטערע געסלעך, ער פירט זיי דורך בלינדע ליקלעך, דורך געשפּאָלטענע טרעפּ, ער ווייזט זיי דעם מאַרק מיט די וויינשענקלעך, שניט־קרעמלעך און בשמים־פאַרקויפער. די קינדער זעען אַלץ פאַר זיך באַשיינפערלעך. זיי זעען אָבער אויך הללס בלישטשענדיקע אויגן וואָס פאַרגנבענען זיך בשעתן דערציילן צו זייערע שטיקלעך פיתה׳ס וואָס זיי האַלטן אין די הענט, צו די האַלב־אָפּגעגריזשעטע רעפטלעך ברויט. הלל שעמט זיך צו מאָנען, כאָטש ער איז הונגעריק. גיבן אים די קינדער צומאָל אַליין.

הלל דערציילט שיין, נאָר היינט בעטן זיי אים ניט און פרעגן ניט וועגן די שיירות מיט יידישע זעלנער און ניט וועגן „יענער" ירושלים. זיי פאַרדריסט וואָס די קליינע נעמה האָט אַ ליאַלקע און זי וויל די ליאַלקע פאַר זיי ניט ווייזן. נעמה איז אַזוי פאַרטאָן אַז זי זעט ניט הללס אָנקומען און הערט ניט די קינדערס רייד. זי זיצט און הוידעט די ליאַלקע.

הלל נעמט זיך דערנענטערן. די קינדער נאָך אים און נעמה זיצט זיך אויף איר טרעפּל, וויגט און פאַרוויגט די ליאַלקע.

— אוי, סאַראַ שיינע ליאַלקע! ווייז מיר אַ קוק צו טאָן! —

נעמה דריקט די ליאַלקע צו זיך און קוקט אים דערשראָקן אָן.

— ווייז נעמה, כ׳גיב דיר גלייך צוריק — האָט זיך הלל ביי איר געבעטן.

— גוט, נעם, אָבער זיי, ווייזט זי אָן מיטן פינגער אויף די קינדער — זיי זאָלסטו ניט געבן. —

הלל נעמט די ליאַלקע אין זיינע הענט. דרייט איר אויף לינקס, אויף רעכטס און זיינע אויגן גלאַנצן פריידיק. ס׳איז אים אָנגענעם וואָס די קליינע האָט נאָר אים געטרויט, אויך די קנאהדיקע בליקן פון די קינדער ווילן אים.

פּלוצעם טוט זיך הלל פּאַמעלעך דערווייטערן. ס׳האָט אים אָנגענומען

אַווילדער חשק אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט דער קליינער. נעמהס פּנים צעקרימט זיך:

— ס'איז מיין ליאַלקע, גיב מיר די ליאַלקע! —

הלל טראַכט ניט קיין שום בייז צו טאָן נעמהן, נאָר סתם אַ רייץ טאָן ווילט זיך, אָבער ס'פאַרדריסט אים וואָס זי לויפט אים נאָך און מאַכט געוואַלדן. ניט ווייט פון דער דראָט־צוים בלייבט הלל שטיין, אויך די קינדער וואָס לויפן נאָך און שפּעטן פון נעמהן:

— ס'איז מיין ליאַ, אַ, אַלקע! —

אויך זיי פאַרהאַלטן זיך און נאָך איידער זיי באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר, איז שוין די ליאַלקע אַריבערגעפלויגן איבערן צוים און געבליבן ליגן פון יענער זייט.

אַז די קינדער דערזעען וואָס ס'איז געשען, צעלויפן זיי זיך ווי אַ טשאַטע ווילדע גענדז. אויך הלל ווערט אַנטרונען. נאָר די קליינע נעמה בלייבט. פאַר גרויס צער קען זי אַפילו ניט וויינען. דאָס געוויין קומט אַ סך שפּעטער, אָבער די ליאַלקע הערט ניט איר געוויין און זעט ניט אירע טרערן. זי ליגט פון יענער זייט דראָט און מאַניעט צו זיך און פאַרנאַרט מיטן רויטן קליידל.

*

אַז די קינדער קומען אינדערפרי אין געסל אַראָפּ, איז דאָס ערשטע לויפן זיי צו דער צוים זען די ליאַלקע וואָס הלל האָט אַריבערגעוואָרפן. זיי טומלען און אַמפּערן זיך ווייל יעדערער וויל זיין פון פאָרנט, יעדערער וויל בעסער זען. ס'דערגייט כמעט צו געשלעג.

עמעץ ברענגט אַ קאַץ. די קאַץ איז אַנגעשראָקן, אַזש די פעל יאָזשעט זיך ביי איר. מען באַראַט זיך ניט לאַנג, עמעץ לויפט נאָך אַ שטריק. מען בינדט אָן די שטריק צום עק פון דער קאַץ און מען לאָזט איר דורך די דראָטן צו דער ליאַלקע. ווי נאָר די קאַץ דערפילט זיך פריי, גיט זי זיך אַ צאַפּל, אַ ריס און אַ שפּרונג און זי ווערט נעלם. די קינדער בלייבן מיט דער שטריק אין די הענט. זיי נעמען זיך ניט צום האַרצן וואָס די קאַץ איז אַנטלאָפן. אויך דאָס רופט אַרויס געלעכטער און פרייד, אָבער אַז זיי דערבליקן נעמהן ווי זי שאַרט זיך ביי די זייטן, ווי זי זעצט זיך אַ פאַרזאָרגטע אויפן טרעפּל און נאָגט זיך אַ פינגער, פאַרגעסן זיי אין דער קאַץ, אין דער ליאַלקע און נעמען זיך רייצן מיט איר, קרימען איר נאָך, אָבער די קליינע ענטפערט זיי גאָרניט. נאָר ווען הלל באַווייזט זיך, קען נעמה ניט אויסהאַלטן, זי צעוויינט זיך און אַנטלויפט אין שטוב אַריין. די מוטער קען איר גאָרניט איינצעמען, זי רעדט איר איין אַז דער טאַטע

וועט קויפן אַ צווייטע ליאַלקע, אַ שענערע נאָך, נאָר ס׳העלפט ניט. ווען נעמה קומט ווידער אַרויס זענען שוין די קינדער ניטאָ. דערנענטערט זי זיך צו דער שטעכל־וואַנט און בליקט אַריבער צום רויטן פלעק.

— וואַרט, וואַרט, דער טאַטע וועט קומען פון צבא וועט ער דיך צוריקברענגען — שמועסט זי זיך שטיל אויס מיט דער ליאַלקע — דער טאַטע איז אַ גרויסער, גרעסער פון הלל און אַ סך שטאַרקער פון אים.

✶

דער הימל איז כמורנע געוואָרן, וואָלקנס האָבן זיך נידעריק, נידעריק אַראָפּגעלאָזט און פאַרבייגעשווומען דאָס גרענעץ־געסל, פאַרבייגעשווומען און אַריבערגעשווומען די ציינערדיקע שטעכל־וואַנט און זיך צעפליוכעט. עס האָט אויסגעזען ווי די וואָלטן זיך פאַרטשעפּעט אָן די שאַרפע זשאַווער־שפיצן פון דער צוים.

דאָס געסל איז געוואָרן פוסט און ווי איינגעשרומפּן. נאָר די ווילדגראָזן וואָס זענען אַרויסגעוואָקסן פון די חרובדיקע הייזער, פון די צעשטערטע דעכער און פון די פענצטער־לעכער, האָבן אויפגעלעבט, אָפּגעשווענקט דעם שטויב און אַ בלענד געטאָן מיט אַ פרישער גרינקייט. אַז ס׳האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט, זענען קינדער ווידער אַרויסגעקומען און די שפילערייען האָבן זיך באַנייט, מען האָט ווידער „געפייערט" מיט די „האַרמאַטן" און צום וויפלטן מאָל „איינגענומען די פעסטונג".

אין די לוזשעס וואַסער וואָס דער רעגן האָט איבערגעלאָזן האָט זיך אָפּגעשלאָגן דאָס אָפּבילד פון דעם רויטן שילדל וואָס האָט געוואָרנט: „אַכטונג! גרענעץ!" און עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז צוויי אַזעלכע שילדלעך, איינס אין דער הויך צום הימל און איינס אויף דער ליימיקער ערד ווילן אָפּשרעקן די קינדער, אָבער די קינדער האָבן אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. די שפילערייען זענען ווייטער אָנגעגאַנגען און פון יענער זייט צוים איז זיך די ליאַלקע געלעגן אַדורגעווייקט און פאַרבלאָטיקט. די קאָלירן פונם קליידעלע און פון די שיכעלעך און פון פנימל האָבן זיך מיט די רעגן־וואַסערן אויסגעמישט און מיט די רעגן־וואַסערן אָפּגעפלאָסן. די קינדער האָבן שוין וועגן דער ליאַלקע אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, נאָר נעמה איז פון צייט צו צייט צו דער שטעכל־וואַנט צוגעקומען.

אינהאַלט

זייט

פוילן

אַ וואָרט פון אַן עלטערן חבר 7
אירענאַ 13
דער אַנטיקוואַר 23
טויבן 29
דער קאַטאַרינאַזש און דאָס מיידל 35
פאַני וועראָניקאַ 40
בענטשלייכטער 46
דער קאַרשנבוים 49
אַמאָל איז געווען אַ הונט 51

רוסלאַנד

די באַן 55
איך וועל אויך פאָרן... 61
אויף אַ פאַרוואָרפענער באַן־סטאַציע 69
אַ וועלט אַרום ברויט און צוקער 85
פליטים 94
הער מיך אויס, ווו דו ביסט דאָרט 102
„סדר״־נאַכט 105
חיים שפּיל... 108
רויטע רויזן 110
אין וואַלד 114

ישׂראל

אַ מעשׂה וועגן ניסים פון הר־טוב, וועגן אַ וואַרשעווער
הויף און וועגן אַ שפּיל־פויגל 119
ער איז געקומען 123
יגאל האָט חתונה 127
אַ זעאונג 134
די פרוי פון באַרג 137
אַרום בית־מדרש 143
פאַרגליווערטע ליפּן 150
די ליאַלקע 157

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב